בסייעתא דשמיא

חברה הצלה
קרית יואל

# והצלתי

זמן חירותינו
תשפ״ו לפ״ק



## וחמשים עלו בני ישראל

SPONSORED BY:
Aizer

״הצלה קרית יואל״ פייערט 50 יאר הצלת נפשות; איין לאנגע קייט
פון מסירת נפש, היסטאריע און דראמאטיע; קיום עולמות ומלואם!

בס"ד

# חידוש'פולע קשר ליניע

אינהאלטסרייכע פראגראמען

כסדר'דיגע אפדעיטס

אפענע קאמיוניקאציע

## דער ציל פון קשר

קשר איז א פראיעקט וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך עזר העלט צענטער אוועקצושטעלן א פלאטפארמע וואס זאל ברענגען ערשטמאליגע געזונטהייט אינפארמאציע און אפענע קאמיוניקאציע פון עזר העלט צענטער מיט די קרית יואל'ע איינוואוינער.

1 אלע אפדעיטס פון די ליניע

2 געזונטהייט נייעס און אנאליזן

3 למעשה פראגראם

4 דאקטוירים שמועסן פראגראם

5 השתדלות פראיעקט

6 מיטצוטיילן אייער ערפארונג און געדאנקען פאר עזר

קשר
א פלאטפארמע פון עזר העלט צענטער

845.712.3242 פארשרייבט אייך דעם נומבער

א פלאטפארמע פון:
Aizer


בס"ד
איר זענט ב"ה
געזונט און שטארק
מאכט זיכער צו הערן די ווערטער יערליך פון א דאקטער.
א יערליכע פיזיקעל פאר זיך און די גאנצע פאמיליע
Aizer | PREVENTION
רופט: 845.782.3242
השתדלות
פאר מיין געזונט

# אינהאלט:

**ר' פינחס לייפער**
רעדאקטאר

**שרייבער:**
ר' שמואל אייכנשטיין
ר' יחיאל גרין
ר' ישראל גרינבוים
ר' שמואל וואלדמאן
ר' משה לעפקאוויטש
ר' דוד רובין
ר' מנחם ישראל שטיין
ר' חיים שפיצער
ר' יואל קויפמאן
Pointic Media

**הגהה:**
ר' מרדכי ראטענבערג
ר' ש. י. שווארץ
ר' שלמה ראזנבערג














9 וחברי הצלה מצילנו
68 דער אמבולאנס
26 דער דיספעטשער
42 אסטראנאמיש קאָסטן
48 פאקטן און ציפערן
60 איבער וועגן און שטעגן
80 דער באגלייטער
84 אומפארגעסליכע מאמענטן
94 משפחת הצדיקים
114 ונשמרתם לנפשותיכם
124 דער לאנגע וועג
136 שבת גוים


PROJECT BY:
podium.

# א גוטן מועד חשוב'ע תושבי קרית יואל!

די אמת מוז געזאגט ווערן, ס'שפירט זיך אומגעוועהנטליך אז מיר באגריסן אייך פון אן אויסגאבע. אין לויף פון אלע יארן אין וועלכע הצלה שטייט האבן מיר נאך אזא זאך נישט געטון, ארויסגעבן אין א לענגערן ביכל אלעס וואס פאסירט אינערהאלב די פארצווייגטע חברה הצלה אימפעריע, אבער יעדע זאך האט אן ערשטע מאל.

די סיבה פארוואס מיר האבן דאסמאל באשלאסן ארויסצוקומען אזא אינפארמאטיווע אויסגאבע איז טאקע צוליב וואס אצינד גרייטן מיר זיך צו פייערן פופציג יאר הצלה ד'קרית יואל, א יובל שנים וואס מיר האבן שוין די זכיה פון ראטעווען נפשות ישראל אין דעם הייליגן שטאט.

דער אינהאלטסרייכער אויסגאבע גיבט אונז די מעגליכקייט זיך בעסער מתבונן צו זיין און צוריקוקן אויף די פארלאפענע פופציג יאר, צוריק טראכטנדיג צו אלעם וואס איז פארביי געלאפן און פון וואו מיר זענען געקומען ביז'ן גרייכן דעם היינטיגן שטאנד. די איינציגסטע זאך וואס קען זיך באמת ארויסשרייען איז א דאנק, א שבח והודי' צום בוכ"ע, דער מציל ומושיע, וואס האט אונז מזכה געווען צו קענען זיין זיינע שליחים להצלת נפשות ישראל מיט די בעסטע און העכסטע קוואליטעט וואס נאר שייך.

ס'איז אונז נישט לייכט אנגעקומען צום באשלוס ארויסצוגעבן און אהערשטעלן אזא פארצווייגטע ארבעט, נאך אלעם רעדט מען פון א פולשטענדיגער דאקומענטאציע פון יעדן אספעקט פון הצלה, וויאזוי די אמבולאנסן פלאטע אפערירט ביז ספעציפישע שווערע און קאמפליצירטע סצענעס און קאלס, פון איר ערשטן טאג ביז היינט, מיט נאך און נאך שטוינענדע אינפארמאציע און ערשטהאנטיגע דראמאטישע דעטאלן.

לכל זמן ועת לכל חפץ, שטייענדיג שוין נאך פופציג יאר, איז יעצט די צייט ארויסצוקומען מיט א קלארע בילד צום ציבור און ארויסגעבן אונזערע דאנקבארע געפילן פאר אלע אונזערע שותפים, תושבי עירנו, פאר'ן שטענדיג שטיין אונטער אונז מיט די פולסטע שטיצע און ווארעמקייט.

אונז אליין זעמיר באמת ערשטוינט פון די אומצאליגע דעטאלן און געשיכטעס וואס מיר האבן נישט אזוי קלאר געוואוסט אדער גענומען אזוי אין אכט און איז געקומען צום אויבערפלאך אין לויף פונעם פראצעדור פון צוזאמשטעלן דעם אינהאלטסרייכן חומר. מערערע מאל האבן מיר זיך פשוט געטראפן מיט אפענע מיילער און אומגלויבליכע הרגשים!

אזויפיל דארף יא וויכטיג ווערן ארויסגעברענגט, ביי געוויסע ספעציפישע פעלער פון קאלס האבן מיר געשפירט פאר וויכטיג צו טוישן געוויסע טעכנישע דעטאלן פשוט צוליב די כבוד פון די באטרעפנדע. מיר האבן ניטאמאל געוואלט פרעגן קיין שום מענטש וועלכע האט גענאסן פון הצלה פאר רשות צו שרייבן זיין געשיכטע, נישט ווילנדיג זיי שטעלן אין א פארלעגנהייט. און טאקע דערפאר האבן מיר געשפירט פאר וויכטיג צו טוישן געוויסע פרטים, אבער די געשיכטעס זענען הונדערט פראצענט ווער.

און דא איז טאקע א פלאץ אפצוגעבן א גרויסן יישר כח פאר אלע געטרייע אנפירער און וואלונטירן, וועלכע האבן אוועקגעגעבן פון זייער צייט און צוגעהאלפן מיט די רייכע אינפארמאציע און וויכטיגע אויפמערקזאמע אישוס וואס ווערן אדרעסירט אין די קומענדיגע זייטן.

שטייענדיג ביי דעם פונקט האבן מיר נאר איין בקשה צום בורא כל עולמים: העלף אונז ווייטער, געב אונז ווייטער די כוחות און סייעתא דשמיא צו קענען זיין די פאן-טרעגער פון כלל ישראל'ס רעטער און במהרה זאלן מיר שוין אלע זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו.

והיא שעמדה לאבותינו ולנו בכל דור ודור, והקב"ה מצילנו!

*הנהלת חברה הצלה*

**מענדל לענעראוויטש • אלעזר גרובער**
**יעקב גליק • אליעזר דוד איצקאוויטש**
**אהרן וואלף פאלאטשעק • ישעי' ווערצבערגער**



כי בחפזון
אתם יוצאים
פלינק. פעהיג. מיט הארץ!
GEFEN®
פאר די מיט די
העכסטע סטאנדארטן
Heart.Works



# פארווארט

**טייערע תושבי קרית יואל עמו"ש,**

איר האט א הערליכן עיר ואם בישראל מיט אזויפיל מעלות אז מ'ווייסט ניטאמאל וואו אנצוהויבן ווען די רעדע איז איבער אזא שיינע און הייליג שטעטל.

צווישן אלעם וואס איר האט שטראצט ארויס איין מעלה וואס פון די גאנצע חרדי'שע וועלט קוקט מען איר נאך, אייער געטרייע און איבערגעגעבענע חברת הצלה וואס איז דא יעדן טאג פון יאר אן קיין אויסנאם צו פארזיכערן אייער געזונט. זיי זענען גרייט צו יעדע צייט און האבן בלויז איין ציל, ראטעווען אידישע קינדער.

ס'איז נישט קיין סוד אז חברת הצלה ארגענעזאציעס פון איבער די גארער וועלט האבן זייערע אויגן געווענדן קיין קרית יואל, ווילנדיג נאכמאכן די מייסטער פון א מאדעל וואס די היגע חברת הצלה האט אוועקגעשטעלט. פון פארגעשריטנקייט ביז געטריישאפט, אירע סיסטעמען און ערפארונג, ס'איז עפעס וואס מ'זעט נישט אין אנדערע פלעצער.

אצינד, ווען הצלה קרית יואל גרייט זיך צו פראווענען איר פופציגסטן יארטאג האבן מיר איינאיינעם באשלאסן זיך אריינצואווארפן אין א מאסיוון פראיעקט וועלכע איז אן ערשטמאליגער פון איר סארט. נעמליך, צולייגן אין א פולקאמער אויסגאבע די פעולות פון הצלה קרית יואל און וויאזוי זיי פירן דורך זייער הייליגע ארבעט.

מ'רעדט פון עפעס וואס איז נאך קיינמאל בעפאר נישט געטון געווארן, הצלה הויבט אויף די פירהאנג און ווייזט אונז פון הונטער די קוליסן וויאזוי די מאסיווע אפעראציע פון ראטעווען אידישע קינדער גייט צו. איבער די פאלגענדע איבער הונדערט-און-פופציג בלעטער וועט איר באקומען אן אריינבליק אויף די ארגענעזאציע פון יעדן מעגליכן אספעקט.

איך אליין בין ערשטוינט געווארן פון די דעטאלן און געשיכטעס וואס מיר האבן געהערט בשעת'ן צוזאמשטעלן דעם הערליכן מאגאזין. ס'איז געווען אומצאליגע מאל וואס איך האב באקומען די רעאקציע פון א שרייבער וואס האט נארוואס געענדיגט אן אינטערוויא אז ער איז אויסער זיך פון התפעלות פון דאס וואס ער האט יעצט געהערט.

פון מאסיווע קאלס און קאמפליצירטע סצענעס פון עקסידענטן ביז וויאזוי מ'נעמט אויף נייע וואלונטירן און מ'געבט זיך אפ מיט הצלה באסעס. וואס מיינט זיין א פאמיליע פון א מעמבער און די תורה'דיגן איבערזיכט אויף הצלה, צענדליגע הצלה וואלונטירן פארציילן אונז זייערע שטערקסטע מאמענטן, די זקני העדה וואס געדענקן נאך די גרינדונג און גאר וויכטיגע אויפוואכונג אויף א רייע קריטישע נושאים. הצלה פאקטן און נומערן ביזן מסביר זיין וויאזוי אירע אפעראציעס לויפן איניאיינעם מיט היסטארישע און אינטערעסאנטע בילדער וואס די אגענטור האט פון די צענדליגע יארן אין וועלכע ז' אפעררירט שוין.

שטייענדיג דא אין די מאמענטן איידער דעם ביכל מאכט איר וועג צום דרוק וואס פון דארטן וועט עס אנקומען צו אלע פון אייך, טייערע תושבי קרית יואל, דארף איך אויסדרוקן דאנקבארשאפט. ס'איז מיר א זכיה צו קענען פירן אזא פראיעקט און קענען ברענגען פאר אייערע אויגן וואס הצלה טוט אלס אפ. אין מיינע אויגן רעדט מען פון א היסטארישער איינמאליגער אויסגאבע וואס אזוינס איז נאכנישט געווען.

אין דעם ארט וויל איך אויסדרוקן דאנקבארשאפט פאר די געטרייע פירערשאפט פון חברת הצלה וועלכע איז נישט געשלאפן טעג ווי נעכט אלעס כדי דער ביכל זאל קענען צושטאנד קומען. און פאר די אומצאליגע וואלונטירן מיט וועלכע מיר רעדן אין דעם ביכל. אזויפיל אינטערוויואס איז ווייט נישט קיין גרינגע אונטערנעמונג, אזוי'וי יעדער אין די שרייבן אינדוסטריע וועט אייך זאגן, מיר קענען היינט שטיין דא, ארויסגעבנדיג אזא רייכן און תוכנ'פולע ביכל, נאר בזכות אייער קאאפעראציע און מיטארבעט.

אזוי אויך וויל איך זיך פון טיפן הארצן באדאנקען פאר אונזער געטרייען שטאב פון שרייבער און מגיהים וועלכע האבן געמאכט די אינטערוויאס, געפארשט און געשריבן די אלע הערליכע ארטיקלען. אייער שווערע הארעוואניע פון וואכן לאנג זעט זיך אן אויף די בלעטער פון אט דעם היסטארישן אויסגאבע.

און אזוי'וי יעדער אין הצלה, פון די פירער ביז די מערסט פשוט'ן מעמבער האט מיר געזאגט מערערע מאל, ס'איז אלעס נאר מיט די הילף וואס די רבונו של עולם שיקט זיי פון אויבן וואס זיי קענען אנגיין מיט זייער הייליגן ארבעט.

דאס זעלבע איז דא, נאר מיטן באשעפערס הילף קענען מיר אייך ברענגען אזא רייכן און אריגינאלן ביכל. ס'איז צום גלייבן אז ווי נאר איר וועט אריבערמישן דעם בלאט וועט איר זיך טרעפן אין א הצלה וועלט וואס איר וועט נישט וועלן ארויסגיין פון, נאר ווילן הערן מער און מער פון וואס שטייט אונטער די ארגענעזאציע.

בברכת חג כשר ושמח,

פינחס לייפער

רעדאקטאר



# וחברי הצלה

# מצילנו

שטייענדיג אין די טעג פונעם געהויבענעם יום טוב פסח הערן מיר א דראמאטישע געשיכטע, ערשטהאנטיג געשילדערט, ווי איבערגעגעבענע הצלה-וואלונטירן האבן איבערגעלאזט זייער אייגענעם סדר-טיש פסח ביינאכט צו גיין ראטעווען א צווייטן איד וועמענס לעבן איז געהאנגען אויף א האר

מנחם ישראל שטיין



# וחברי הצלה מצילנו

צו חברה הצלה קומען אריין פיל בריוו פון אידן וועמען די געטריייע הצלה-וואלונטירן באוויזן צו ראטעווען, אפטמאל ממות לחיים ממש. אין די בריוו וואס קומען אן צו די הויפטקווארטירן פון חברה הצלה טוט מען געפינען הארץ און נשמה אויסגעגאסן אויף פאפיר, און ס'איז פשוט אוממעגליך צוריקצוהאלטן די טרערן פון רינען, ליינענדיג די שורות וואס מענטשן שרייבן צו דעם וואס איז געווען דער ריכטיגער שליח צו ראטעווען זייער לעבן.

## א בריוו וואס פאדערט אן ארטיקל

ליינענדיג איינע פון די בריוו, וואס א חשוב'ער איד האט אריינגעשיקט, האט דער מוח אונזערער זיך ממש אפגעשטעלט, פרעגנדיג די פראגע: וואס האט ווירקליך פאסירט אין דעם פאל?

איידער מיר טרעטן אריין אין דער געשיכטע, לאמיר דא ציטירן עטליכע הארצרייסנדע שורות פון דעם בריוו, וואס מיר דרוקן דא מיט דעם פולן רשות פונעם כותב, הרה"ח ר' יוסף חיים דוב אדלער שליט"א:

*"באמת וויל איך שוין זייער לאנג אפשרייבן די פאר שורות, נאר אזוויי איך בין נישט קיין שרייבער האט זיך דאס כסדר אפגעהאלטן, ואתכם הסליחה. דאך ליגט מיר דאס כסדר אויפ'ן הארצן, ארויסצוברענגען מיינע געפילן פון הכרת הטוב פאר די חשוב'ע יונגעלייט חברי הצלה, ובפרט ר' שמואל שלמה קויפמאן נ"י, ר' אהרן שאול סאנדעל ע"ה, ר' אלימלך משה שניצלער נ"י, ועל צבאם דער געטריייער אנפירער, ר' משה אהרן שטיינבערג נ"י; וואס זיי זענען מיר געקומען צוהילף בשעת הסכנה ה"י פאר עטליכע יאר צוריק, בליל הפסח אינמיטן סדר ביים כזית מצה.*

*"ס'איז די שענסטע צייט ביי כלל ישראל, ווען עס ווערט מקויים דער איש על מחנהו ואיש על דגלו און יעדער זיצט ווי א מלך בראש השולחן און פירט דעם הייליגן סדר מיט די בני המשפחה. נאך עטליכע שווער אויסגעהארעוועטע וואכן זעצט מען זיך ענדליך אראפ צום לאנג ערווארטעטן געהויבענעם סדר, די קינדער שטייען שוין און קוקן ארויס דערויף, און שלינגען מיט דארשט יעדעסווארט וואס קומט ארויס פון זייער חשוב'ן טאטן. און דער טאטע, לעומתם ברוך יאמרו, איז מקיים דעם למען תספר באזני בנך אויפ'ן שענסטן פארנעם.*

*"און דא פלוצלינג... א 'קאל'. וואס איז? מען דארף ראטעווען א אידישׂ נפש. שנעל און געשווינד לאזט מען אלעס אזוויי עס שטייט; דאס ווייב, די קינדער, דעם שיינעם סדר-טיש, די היסב-בעט, די כוסות, די הייליגע הגדה — גארנישט עקזיסטירט נישט יעצט, נאר איין זאך, דאס שנעלסטע מעגליך ראטעווען א איד בעת צר..."*

דער בריוו גייט ווייטער, וואו ר' יוסף חיים דוב איז נאך מער מאריך מיט דער אויסטערלישער העלדישקייט און גוטסקייט פון די הצלה-וואלונטירן, און אזוי אויך מיט ברכות לרוב פאר די געטרייע וואלונטירן וואס האבן אים גערעטעוועט דאס לעבן. אבער ביי דעם פונקט אינעם בריוו זענען מיר שוין ווי געפרוירן, און מיר זענען מחליט אז מיר מוזן הערן דירעקט פון די וואלונטירן אליין וואס דער סיפור הינטער דעם בריוו אנטהאלט אלץ. דא, האבן מיר איינגעזען, מוז ליגן אסאך מער ווי דער בריוו זעלבסט



# א 'דערשטיקעניש' אינמיטן סדר

**ליל התקדש החג,**
**פסח אויפדערנאכט, שנת תשנ"ג**

עס איז ארום צוועלף אזייגער ביינאכט, די צייט ווען אלע אידן זיצן אנגעטון אין ווייסן ביים הערליך צוגערישטן סדר-טיש און פראווען מיט דערהויבנקייט א ליכטיגן סדר. טאטעס ארומגענומען מיט קינדערלעך, זיידעס מיט אייניקלעך, די פיר קשיות האט מען שוין געפרעגט, און מען האלט שין טיפער אריין אין דער הייליגער נאכט, ווען אליהו הנביא קומט באזוכן אין אלע אידישע שטיבער.

אין די הויפטקווארטירן פון חברה הצלה איז אויך פסח ביינאכט, אבער אויך דאן זיצן העלדישע וואלונטירן גרייט, על כל צרה שלא תבוא. זיי האבן אויך א שטוב מיט קינדער, זייערע קינדערלעך האבן אויך פיר קשיות צו פרעגן, זיי האבן אבער געמאכט צייט, אפילו אין דער נאכט, צו זיצן און דירעקטירן די וואלונטירן ווען עס קומט ליידער אריין א רוף צו הצלה.

דער טעלעפאן צעקלינגט זיך, און נאך איידער דער ערשטער קלונג האט זיך געענדיגט ליגט שוין דער טרייבל ביים אויער פונעם דיספעטשער. מיט'ן טעלעפאן אין איין האנט און דעם ראדיא אין דער אנדערער לאזט ער גיך וויסן וואו דער רוף איז, און וואס דער רוף איז: א איד שטיקט זיך אינמיטן דעם סדר ל"ע!

ר' שמואל שלמה קויפמאן איז דאן געווען א קנאפע צוויי יאר אין הצלה, און ער שילדערט יענע שרעקעדיגע מינוטן:

"איך בין געזעסן ביים סדר, אזוויי אלע אידן, ווען דער רוף איז אריינגעקומען. הערנדיג דעם אדרעס האב איך פארשטאנען אז דאס איז אויף דער גאס וואו איך וואוין, אלזא האב איך נישט געטראכט קיין צוויי נאר זיך אויפגעהויבן און אהינגעלאפן.

"איך בין אראפגעלאפן די גאס און באוויזן אנצוקומען אהין אין ממש געציילטע רגעים. איך בין אריינגעלאפן אין שטוב, און וואס איך האב דארט באגעגנט וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. שטייען עטליכע קליינע קינדערלעך ארום זייער ליבן טאטן, און דער טאטע זיצט דארט און שטיקט זיך, אויף אזוי ווייט אז ער האט שוין געהאט פארלוירן זיינע מענטשליכע קאלירן.

"עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט זיך געשטיקט אויף דעם כזית מצה, און אנדערש ווי רוב פעלער פון שטיקענישן, ווען כאטש עפעס א ברעקל לופט קומט אריין און גייט ארויס, איז דאסמאל געווען א פולע 'טשאָקינג', צוליב וואס די מצה איז געווארן ווי א שטיקל טייג און האט גענצליך אפגעשטעלט סיי וועלכע לופט פון אריינגיין אדער ארויסגיין רח"ל.

"איך בין געווען א רעלאטיוו נייער מעמבער, איינער אליין, אין א שטוב וואו די קינדערלעך שרייען און וויינען מיט יאמערליכע קולות פון גרויס פחד, זעענדיג זייער פאטער אין אזא שווערן צושטאנד. איך האב תיכף אריינגערופן פאר בעק-אַפּ, איך האב אבער געוואוסט אז אפילו דאס וועט נאר נעמען איין מינוט קען דאס ליידער אויך זיין צו לאנג, זעענדיג דעם מצב אז דער איד שטייט מינוטן אוועק פון קושן די מזוזה אין גן עדן.

"איך האב געוואוסט אז איך האב נישט קיין צוויי ברירות, דא שטייט א פאמיליע וואס בעט זיך אז זיי ווילן זייער טאטע זאל לעבן, און איך בין אהערגעשיקט געווארן אלס דער שליח פון הימל אים צו ראטעווען. ברוך השם אז דער אויבערשטער האט מיר געשיקט די ריכטיגע כוחות אויפ'ן ארט, און איך האב באוויזן צו ראטעווען דאס לעבן פון דעם איד. דאן איז ער שוין כאטש געווען אין א מצב פון א טיילווייזער טשאָקינג, אז עפעס לופט איז אריין און ארויס, און תיכף ווען די אנדערע מעמבערס זענען אנגעקומען האט מען אים אין איילעניש אריינגעפירט אין שפיטאל, וואו מען האט דורכגעפירט די איבריגע באהאנדלונגען וואס האבן געדארפט געטון ווערן.



"דער פאציענט איז געליגן אין שפיטאל עטליכע שעה, ביז זיינע רערן זענען גענצליך אויסגערייניגט געווארן, זיכער צו מאכן אז עס איז גארנישט געבליבן וואס קען אים שטערן דאס אטעמען. פארשטייט זיך אז במשך דער גאנצער צייט וואס ער איז באהאנדלט געווארן אין שפיטאל זענען הצלה-וואלונטירן אנוועזנד געווען, צו פארזיכערן אים און זיין פאמיליע אז ער וועט זיין בסדר".

## הצלה מעמבערס האבן אויך קינדער

עס איז ווערד ארייננצוטראכטן פאר איין מינוט וואס דאס מיינט זיין א הצלה-וואלונטיר, איבערהויפט אין אזוינע זמנים ווי שבתים און ימים טובים, ווען די צייט איז געמאכט פאר עלטערן צו זיצן און פארברענגען מיט די פאמיליעס און איז א צייט ווען קינדער קוקן ארויס צו הערן פון זייער טאטען און הנאה האבן צוזאמען. עס איז אוממעגליך זיך פארצושטעלן וואס דאס מיינט אז א טאטע זאל זיך אויפהייבן אינמיטן פירן א סדר, און ארויסלויפן אויף א הצלה-קאָל.

זיצט דער טאטע ווי א קעניג אויף דער הערליכער היסב-בעט, אנגעלאנט ווי א מלך ביי זיך אין פאלאץ, פארנט פון אים ליגט א מאיעסטעטישע קערה מיט די סימני הסדר, אינדערזייט ליגט דער קעניגליכער בעכער, איבעראל ארום ליגן שטיקלעך און ברעקלעך מצה. די קינדער ארום דעם טיש קוקן צו זייער טאטען, דער וואס פירט די שטוב, אבער די קינדער זענען שוין אזוי צוגעוואוינט, אז זיי באמערקן שוין נישט אז נעבן זייער טאטן ליגט נאך עפעס אויסער א קערה און א בעכער: דער ראדיא.

מען האט זיך שוין ענדליך געוואשן נאך דער לאנגער הגדה, די קינדער זענען זיך שוין ענדליך מחיה מיט א פריש שטיקל מצה, דער טאטע זיצט אויבנאן און עסט די כזיתים מיט כוונה, ווען א פייף ווערט פלוצלינג העכער ווי דאס קייען פון די ארומיגע ביים טיש. דער טאטע גיט שנעל א כאפ דעם ראדיא און לייגט אים צו צום אויער, און נאך איידער די קינדער הייבן אן פראצעסירן וואס דא קומט פאר איז שוין זייער טאטע אויפ'ן וועג ארויס פונדערהיים.

די בני בית זיצט ביים אנדערן עק טיש און פארשטייט אוודאי' גוט וואס דא קומט פאר, דא דארף מען ראטעווען א איד; דאס קליינטשיגס האלט זיך נישט צוריק פון אויסדריקן זיין צעבראכנקייט אז טאטי' איז אוועקגעלאפן אינמיטן דעם סדר, ער פארשטייט נאכנישט וואס דאס מיינט ראטעווען א איד; דער וואס איז שוין עטוואס עלטער פארשטייט אז כאטש וואס טאטי' האט אים געזאגט אז מען טאר נישט אויסערדען אינמיטן עסן די כזיתים איז אבער יעצט אנדערש, ווייל מען דארף ראטעווען א איד; פאר דעם בר מצוה בחור'ל שטערט עס אביסל אז זיין טאטע איז נישט אינדערהיים אין אזא הויכן זמן, ער ווייזט אבער גארנישט ארויס ווייל ער איז שוין גענוג גרויס צו פארשטיין די חשיבות פון ראטעווען א איד.



טאטי' האט זיך אזוי ארויסגעיאגט, אז אפילו צייט צו פארמאכן די טיר האט ער נישט געהאט. זיצן אלע קינדער ביים טיש, ווען זייערע אויגן שטייען פארגלייזט, צוגעקלעבט צו דער טיר פון וואו טאטי' איז נארוואס ארויס — און פון וואו אליהו וועט באלד קומען צו גיין.

## שנעל ווי א פייל און בויגן

די מאס מסירת נפש וואס דאס נעמט, אז א מענטש זאל דאס גרייט זיין צו טון, איז פשוט נישט מעגליך משיג צו זיין. אנדערע משפחות האבן געזען דורכ'ן פענסטערס די לעמפלעך דורכפליען, קיין קאפ האבן זיי אבער נישט צוגעלייגט צו דעם, ווייל פארוואס דען יא? זייער טאטע איז יא אינדערהיים, ביי זיי גייט דער סדר יא און ווייטער כאילו לא היה. נאר די פאמיליעס פון די געטרייע און איבערגעגעבענע הצלה-וואלונטירן פארשטייען וואס דאס מיינט. ביי זיי מיינט דאס לעמפל און די סירענע פיל מער ווי "א הצלה קאָל" —

ביי זיי איז דאס "טאטי".

ווי ר' יוסף חיים דוב שרייבט אין זיין בריוו איבער די העראאישע הצלה-וואלונטירן: "אזוי שנעל ווי א פייל און בויגן זענען זיי געלאפן, נאך מלובש מיט די קיטלען, צו טון הצלת נפשות. זיי האבן איבערגעלאזט אלעס אזויווי עס שטייט און גייט, און זענען דארט געווען מיט מיר פון דער ערשטער רגע ביז ווען די רעזולטאטן אין שפיטאל זענען געווען צופרידנשטעלנד. ווי גלייך מען רעדט דא פון א פשוט'ן וואָכנטאָג און נישט פון פסח אויפדערנאכט.

"ווען איך בין אנגעקומען צוריק אהיים", שרייבט ר' יוסף חיים דוב ווייטער, "איז שוין געווען נאך דריי אזייגער פארטאגס, און טייל פון די הצלה-וואלונטירן האבן דאן געהאלטן נאך איידער'ן טרינקען דעם צווייטן כוס".

דאס זענען די קרית יואל'ע הצלה-וואלונטירן. מסירת נפש עד הסוף!

## ליל בדיקת המחלה...!

רעדנדיג מיט ר' שמואל שלמה איבער דער געשיכטע האט ער זיך דערמאנט נאך א העכסט-דראמאטישע געשיכטע וואס ער האט געהאט, ארומלויפנדיג פון איין קאָל צום צווייטן, וואס האט אויך פאסירט אין די פסח טעג, אין לויף פונעם צווייטן סדר נאכט.

מיר געבן איבער דאס ווארט פאר ר' שמואל שלמה:

"די געשיכטע האט אויך פאסירט יארן צוריק, עס איז געווען אויפן ליל שימורים, אין לויף פונעם סדר, אין א צייט וואס אלע אידישע הייזער זיצן איינגעהילט ביים סדר טיש און זענען פארנומען מיט די פיר קשיות און עסן די כזיתים. דעמאלט איז א רוף אריינגעקומען איבער א איד וואס איז ליידער צוזאמגעפאלן אינמיטן זיין סדר.

דער איד האט געהאט א שטוב מיט קינדער, ביז אפאר מינוט בעפאר איז מען געזיצן ביי א שיינעם סדר, און אצינד האבן זיי ליידער געדארפט שטיין און צוקוקן ווי זייער פאטער ראנגלט זיך צווישן לעבן און טויט ה"י, .

"מען האט אריינגעפירט דעם איד אין שפיטאל נאכ'ן סטאביליזירן זיין מצב, און נאכ'ן דורכפירן די נייטיגע טעסטן זענען צוריקגעקומען די רעזולטאטן אז ער האט ליידער א געוויקס אין מח ל"ע. ער איז ליידער אריבער ביטער שווערע זמנים אין שפיטאל, דורכגייענדיג דער שווידערליך באקאנטער כעמא-טעראפיע און דערנאך א גאר קאמפליצירטער אפעראציע."

## לך נא ראה
## את שלום אחיך

ר' שמואל שלמה שילדערט ווייטער: "זיצנדיג ביים סדר טיש, גלייך בעפארן אפיקומן, האב איך ערהאלטן א טעלעפאן-רוף פון אונזער געטרייען קאארדינירער ר' אליעזר דוד איצקאוויטש נ"י, און ער האט מיר מסביר געווען די סיטואציע מיט דעם איד, אז ער ליגט נעבעך באוואוסטלאז אין דער איי-סי-יו אפטיילונג אין שפיטאל, זיין פרוי שטייט צו זיין זייט און טרעט נישט אוועק פון איר מאנ'ס בעט, אבער וואס עס טוט זיך מיט זייער משפחה ווייסט ער נישט. ר' אליעזר דוד האט מיר געבעטן אז איך זאל ארויפגיין צו דער משפחה אינדערהיים, וועלכע איז געבליבן אליין אינדערהיים דערשראקן ביז גאר אויפן סדר נאכט, פשוט צו כאפן א בליק וואס דארט גייט פאר און אויב די קינדער זענען בסדר און אזוי ווייטער.

"איך האב טאקע אזוי געטון, איך בין ארויף צו דער משפחה אינדערהיים. מען רעדט דא פון א משפחה פון צען קינדער, וואס דאס אינגסטע איז געווען א קינד פון ניטאמאל צוויי יאר אלט און דאס עלטסטע איז געווען אן אכצן יעריגע וואס האט נאכנישט חתונה געהאט. איך האב זיי נישט געקענט פון פריער.

"איך בין אריינגעקומען דארט, און באגעגנט א ביטער בילד. נעמליך, א גאנצע משפחה מיט קינדער זיצן ארום, און וויינען אויף זייער עקסטרעם ביטערן שיקזאל, נישט וויסנדיג וואספארא נייעס די קומענדיגע מינוט וועט ברענגען מיט זיך. איך האב זיי גלייך פרובירט בארואיגן, זאגנדיג אז מ'האט בלויז געטראפן אן אינפעקציע ביי זייער טאטן און אלעס וועט זיין גוט און מען וועט אים בעזר השם אויסהיילן. די קינדער האבן מיר די ערשטע זאך געפרעגט אויב מאמי און טאטי קומען צוריק, זיי דארפן ענדיגן די

"איך בין מסיים מיט א ברכת הדיוט פון די סימני הסדר: שולחן עורך, צפון, ברך, הלל, נרצה. "שולחן עורך" – איר זאלט אלע האבן פרנסה ברווח און השפעות טובות, איר זאלט זוכה זיין צו רב טוב "הצפון" בזה ובבא, "ברך" – איר זאלט זיין געבענטשט מיט אלעם גוטן, ובאמת אין גומרים עליכם את "ההלל", ווייל מיט די אלע מעשים טובים איז זיכער "נרצה" – באווויליגט פאר'ן אויבערשטן. מען קען טאקע זאגן אויף דעם א רמז, אז "חברה הצלה" איז בגימטריא פונקט דאס זעלבע ווי "נרצה".

סדר. אויף וואס איך האב געענטפערט אז ווי ווייט איך ווייס ווערט טאטי פארבלייבן אין שפיטאל אפאר טעג, אבער זייער מאמע איז שוין אט אויפן וועג צוריק.

"זינט דאן זענען מיר געווארן זייער אנגעבונדן אין דער משפחה, מען האט זיי ארויסגעהאלפן אויף א טעגליכן פארנעם און זיכער געמאכט אז זיי האבן אלעס וואס זיי דארפן, בשעת זייער טאטע איז נעבעך געליגן על ערש דוי אין א פחד'יגן מצב אין שפיטאל.

"ליידער האט זיך די מעשה נישט גוט געענדיגט, ווען בערך א יאר נאך וואס ער איז צוזאמגעפאלן האט ער צוריקגעגעבן זיין ריינע נשמה פאר'ן יוצר כל, איבערלאזנדיג א שטוב מיט צעבראכענע יתומים. דאס האט אונז אבער נישט אפגעשטעלט פון ווייטער האלטן אן אויג אויף דער משפחה, און מיר זענען אפילו נאך דער פטירה געבליבן פארבונדן און זיכער געמאכט אז די משפחה האט וואס זיי דארפן לכל זמן ועת.

## הצלה; דער שליסל צו פילע אנדערע חסדים!

ר' שמואל שלמה פירט אויס די געשיכטע מיט אייפער: "זיין א הצלה-וואלונטיר דא אין שטאט איז ממש א שליסל צו נאך אזויפיל אנדערע חסד. מיר האבן דא בערך 120 מעמבערס און 20 פאראמעדיקס, און איך מיין אז יעדער איינציגער מעמבער איז היינט פארנומען מיט נאך אנדערע חסדים און טובות צו וואס ער איז אנגעקומען דורך הצלה. אזוי איז עס, איין חסד ברענגט צום צווייטן."

דורכאויס די ארבעט אויף דעם ביכל האבן מיר אויך געהערט אנדערע ענליכע געשיכטעס פון וואלונטירן וואס האבן געשילדערט ווי איין הצלה-רוף האט זיי צוגעברענגט חסד וואס זיי טוען זינט דאן שוין פאר יארן לאנג.

איין וואלונטיר ספעציפיש האט אונז געשילדערט ווי ער איז אמאל אנגעקומען צו א פאציענט אינדערהיים אויף א רוף, און זייענדיג דארט האט ער באמערקט די עניות

## "יארן זענען שוין אריבער זינט דאן" - שילדערט דער וואלונטיר מיט רגש - "און ביז היינט קויף איך שיך אויף יום טוב פאר די קינדערלעך פון דעם משפחה. קיינער ווייסט נישט און קיינער דארף נישט וויסן, אבער אזוי איז עס, איין מצוה ברענגט די צווייטע".

וואס הערשט אין שטוב. עס האט ממש געהערשט אזא דחקות, אז די קינדערלעך זענען געגאנגען מיט צעריסענע שיך. "יארן זענען שוין אריבער זינט דאן" - שילדערט דער וואלונטיר מיט רגש - "און ביז היינט קויף איך שיך אויף יום טוב פאר די קינדערלעך פון דעם משפחה. קיינער ווייסט נישט און קיינער דארף נישט וויסן, אבער אזוי איז עס, איין מצוה ברענגט די צווייטע".

***

## שפראכלאז!

דאס זיך צוזאמהערן א טוץ אזוינע און ענליכע הארץ-רירנדע געשיכטעס, סיי ווי וואלונטירן האבן געראטעוועט אידן אין דער לעצטער מינוט און סיי וויאזוי עס איז זיי אויסגעקומען צו העלפן די אידן ווייטער ארויס פון דעם תחום פון הצלה, האט אויף אונז איבערגעלאזט א גאר שטארקן און איינדרוקספולן רושם.

מען רעדט נישט פון סתם יונגעלייט וואס זענען גרייט יעדע איינציגע מינוט פון טאג זיך אופצוהייבן און לויפן, אלץ פאר א צווייטן איד, נאר מען רעדט דא פון אידן וואס זענען פשוט הונגעריג צו טון נאך א חסד און נאך א חסד, און וואו זיי קענען וועלן זיי ארויסהעלפן ווען זיי קענען. דאס איז זייער גאנצער ציל און מאטא, און דאס איז וואס שטופט זיי ווייטער און גיט זיי דעם כוח יעדן טאג צו לויפן פון פריש אויף הצלה-רופן.

הלוואי זאלן מיר זיך איין טאג ציילן צווישן דער גרופע פון כלל ישראל'ס העלדן, ביי וועמען דער ווייטאג פון א איד טראגט די זעלבע ווערד אין פסח ביינאכט ווי דינסטאג פרשת מצורע, פורים נאכמיטאג גענוי ווי סיי וועלכן אנדערן טאג אויפ'ן לוח; און וועמענ'ס אויגן זענען טרענירט אויפצוכאפן ווען פאר א צווייטן איד טוט עפעס וויי, אפגעזען ווער, ווען אדער וואו דאס זאל נאר זיין, און זיי זענען גרייט צו טון וואס אימער צו לינדערן די פיין.

ס'נישטא קיין ווערטער, נאר אויסשרייען: "רבונו של עולם! מי כעמך ישראל! מיר דאנקען דיר פאר'ן שענקען פאר קרית יואל אזא הייליגע און לעבנס-מוסד ווי הצלה"! ס'איז פשוט אוממעגליך במציאות, זיך פארצושטעלן וויאזוי אזא עיר גדולה לאלקים ווי קרית יואל וואלט היינט געקענט עקזיסטירן ווען נישט הצלה!

לאמיר טאקע צוענדיגן מיט'ן נאכברענגען די ווערטער מיט וואס הרה"ח ר' יוסף חיים דוב ענדיגט צו זיין הארץ-רירנדע דאנק-בריוו וואס ער האט ארייגעשיקט צו חברה הצלה, מלא התרגשות, אנווינטשענדיג די אלע אידן וואס זענען פארנומען לילות כימים און ימים טובים כימי חול צו ראטעווען אידן:

"איך בין מסיים מיט א ברכת הדיוט פון די סימני הסדר: שולחן עורך, צפון, ברך, הלל, נרצה. "שולחן עורך" — איר זאלט אלע האבן פרנסה בריווח און השפעות טובות, איר זאלט זוכה זיין צו רב טוב "הצפון" בזה ובבא, "ברך" — איר זאלט זיין געבענטשט מיט אלעם גוטן, ובאמת אין גומרים עליכם את "ההלל", ווייל מיט די אלע מעשים טובים איז זיכער "נרצה" — באווילעגט פאר'ן אויבערשטן. מען קען טאקע זאגן אויף דעם א רמז, אז "חברה הצלה" איז בגימטריא פונקט דאס זעלבע ווי "נרצה".

"תחזקנה ידיכם, און מיר זאלן אלע זוכה זיין געזונטערהייט לקבל פני משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן". ■


MONSEY
LUMBER CORP.
חג כשר ושמח



# קראך!
## הצלה
## הצלה, הצלה!

# עקסי



# ענט!

דראמאטישע געשיכטעס פון דריי גאר שווערע עקסידענטן וועלכע האבן פאסירט אין די לעצטערע יארן, וויאזוי חברה הצלה איז דארט געווען אין רגעים צו ראטעווען די פארוואונדעטע פאסאזשירן, ווען טיילמאל האבן בלויז סעקונדעס אפגעטיילט צווישן לעבן און טויט

מנחם ישראל שטיין




עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז יעדער דרייווער פון א קאר דארף האלטן פארנט פון די אויגן איין ציל, נישט צו מאכן קיין עקסידענט, און דערפאר דארף מען דרייוון אויפ'ן מערסט פארזיכטיגן מהלך. וויפיל קאר רייזעס האבן זיך אין לויף פון די יארן שוין ליידער געענדיגט מיט ביטערע טראגעדיעס ה"י ווען דער דרייווער האט זיך פארלוירן פאר א סעקונדע און דערמיט זיך ערנסט פארוואונדעט, אדער אפילו ערגער השם ירחם.

טאקע כדי צו פארשטיין וואס איז דאס אן עקסידענט און וויאזוי חברה הצלה דארף אדרעסירן אזא שווערע סצענע, ברענגען מיר דא אראפ דריי ארגינעלע געשיכטעס וועלכע וועלן ווייזן די שוועריגקייטן פון באהאנדלען אן עקסידענט סצענע, וויאזוי ס'קען זיין מינוטן אדער אפילו סעקונדעס וועלכע באשליסן אויב די באטרעפנדע וועלן איבערלעבן די געשעעניש, און די העכסטע מאס פראפעסיאנאליזם מיט וואס חברת הצלה דארף צוגיין צו די געשעענישן.

## מאנטאג פ' תרומה שנת תשע"ו, 11:07 אויפדערנאכט

די רעלאטיוו רואיגע שטימונג אין די הצלה הויפטקווארטירן ווערט איבערגעריסן פון א היסטערישן אריינרופער, וועלכער רעדט קוים ארויס א גראד ווארט. דער ראפינירטער דיספעטשער האט תיכף אויפגעכאפט די סיטואציע און דערשנאפט וואס דא קומט פאר. אן עקסידענט. עפעס ערנסט האט פאסירט ל"ע.

בלויז סעקונדעס נאך דעם ערשטן רוף, האט נאכגעפאלגט א צווייטער רוף, און דאן א דריטער. דער מצב איז נישט פשוט. מען האנדלט דא פון אן עקסידענט וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג.

הצלה וואלונטירן האבן באקומען דעם רוף, און עטליכע וואלונטירן האבן זיך אין גרויס איילעניש ארויסגעלאזט צו דער סצענע: א שאסיי נישט ווייט פון קרית יואל.

ר' יושע גרינפעלד געדענקט די מינוט ווען דער רוף איז אריינגעקומען, און דערציילט: "איך בין געווען ביי מיר אינדערהיים, א געווענליכער טאג ווי אלע טעג, ווען דער ראדיא האט זיך פלוצלינג צעפיפן. ליידער מאכט זיך דאס אפט, און ווי נאטורליך איינגעוואוינט, האב איך אראפגעכאפט דעם ראדיא פונעם הויזן און צוגעלייגט צום אויער. ווען איך האב געהערט דעם טאן אינעם קול פונעם דיספעטשער, נאך איידער ער האט געזאגט וואס גייט פאר, האב איך געשמעקט אז מ'דארף לויפן."

ר' משה ראטה דערציילט "איך בין נישט געווען יענעם טאג אין קרית יואל, ווען איך בין אנגעקומען צוריק אהיים איז שוין געווען גאנץ שפעט און איך בין געווען היפש אפגעמוטשעט, אבער ווען דער רוף איז אריינגעקומען האט זיך אלעס אפגעשטעלט. דער דיספעטשער האט געזאגט אז עס האנדלט זיך אין איין אריינקומען קאלס איבער אן עקסידענט, איך האב זיך אויפגעהויבן און געלאפן צו מיין קאר. איך האב נישט געטראכט קיין צוויי, אנגעצינדן די סירענעס און אראפגעדרוקט דעם גאז. דאס טוט מען ווען מ'ווייסט אז לעבנס פון אידישע קינדער זענען אויף דער ליין און מיר זענען די וועלכע קענען זיי ראטעווען.

"איך בין געווען דער צווייטער מעמבער אנצוקומען צו דער סצענע, און גרייכנדיג אהין האבן מיר אנגעטראפן א ביטערן עקסידענט וואו צוויי אויטאס זענען געווען פארמישט -ביידע אויטאס אין א גאר שווערן צושטאנד, און מיר האבן תיכף אריינגערופן צום 'בעיס', מעלדנדיג אז מען רעדט דא פון נאנט צו צען פארוואונדעטע, און מען זאל עמוירדזשענסי ארויסשיקן נאך וואלונטירן."

צענדליגער וואלונטירן זענען אראפגעשיקט געווארן צו דער סצענע, אריינגערעכנט א האנדפול פאראמעדיקס און פארשטייט זיך עטליכע הצלה אמבולאנסן.

ר' אברהם 'ישעי' שווארץ טיילט מיט וואס ער געדענקט ביים אנקומען צו דעם סצענע: "דער עקסידענט האט פאסירט אויפן 32, ביים אריינגאנג צום טרואווי. איך בין צוגעלאפן צו די קארס, און פון איין קאר האט זיך ארויסגעהערט יאמערליכע געוויינעריי און געשרייעריי. ס'האט זיך געהערט טראומאטיש ביז גאר, ווי קינדער מאכן באנומענע קולות פון פיין."

נאך וואס עטליכע הצלה וואלונטירן זענען שוין געווען אויף דער סצענע און מ'האט געקענט אנהייבן מאכן סדר מיט דעם מצב, האט מען געזען מיט וואס מען האנדלט דא. אין איין אויטא האט זיך געפונען א גוי וועלכער איז געווען גאר שווער פארוואונדעט, און אין דעם צווייטן אויטא האבן זיך געפונען פינף אידישע קינדער. א אידישע משפחה מיט קינדער.

ביים דרייווער זיץ איז געזעסן א טאטע אין זיינע צוואנציגער יארן, נעבן אים איז געזעסן זיין ווייב, און אויף די הינטערשטע זיץ זענען געזעסן זייערע דריי קינדער אין עלטער פון זעקס, פיר און צוויי יאר.

# קראך! הצלה, הצלה!

דער טאטע און מאמע זענען געפונען געווארן פארוואונדעט און שטארק צעבלוטיגט, די מאמע האט אויסגעזען צו זיין אין א בעסערן צושטאנד. די צוויי עלטערע קינדער זענען געטראפן געווארן אויף דער ערד פון דעם קאר, צווישן די צוויי זיצן, אין גאר א שווערן מצב. דאס קליין קינד איז געווען לייכטער געשעדיגט, וויבאלד ער איז געווען איינגעבינדן אין א קאר-סיעט, אבער די צוויי עלטערע קינדער זענען נישט געווען ביים באוואוסטזיין.

ר' אברהם ישעי' דערציילט ווייטער מיט שרעק: "איך האב געארבעט צו סטאביליזירן דעם מצב פונעם גוי, וואס ווי באקאנט טוט חברה הצלה באהאנדלען נישט-אידן פונקט ווי אידן. ער איז געווען אין זייער נישט קיין גוטן מצב, און דערפאר האט מען באשלאסן אז מ'וועט אים טראנספארטירן אין שפיטאל מיט א העליקאפטער. איך האב באגלייט דעם פאציענט צום ארט וואו דער העליקאפטער האט געלאנדעט, אוןווארטנדיג אויפ'ן העליקאפטער האבן מיר אים באהאנדלט פאר זיינע וואונדן. ווען דער העליקאפטער איז אנגעקומען האבן די פאראמעדיקס וועלכע זענען מיטגעקומען מיט'ן העליקאפטער אים געגעבן ווייטערדיגע באהאנדלונג, און טראנספארטירט אין שפיטאל."

אין חברה הצלה איז דער כלל, אז ביי אן עקסידענט וואו עס זענען פאראן שווער פארוואונדעטע, ווערן אלע מענטשן וועלכע זענען פארמישט אין דעם עקסידענט אנגעקוקט כאילו זיי זענען אויך אין אזא צושטאנד, און זיי אלע דארפן ווערן שטארק אונטערזוכט זיכער צו מאכן אז זיי זענען נישט אזוי שווער פארוואונדעט. דאס טוט מען וויבאלד מ'זעט וואספארא אימפעקט דער עקסידענט האט געהאט אויף געוויסע פארמישטע, וואס דאס מיינט אז דאס וואלט בעצם אויך געקענט פאסירן מיט אלע אנדערע פאסאזשירן.

צוליב דעם כלל, זענען אלע פאסאזשירן אויפ'ן ארט אנגעקוקט געווארן אלס קריטישע פאציענטן, וויבאלד די צוויי עלטערע קינדער זענען געווען זייער שווער פארוואונדעט.

ר' יושע גרינפעלד דערמאנט זיך צוריק ווען ער איז אנגעקומען צו דעם סצענע:

"דער מצב איז געווען א חורבן, ממש מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואס מיינט א חורבן. דער פלאץ האט אויסגעזען ווי א באמבע האט דארט אויפגעריסן. פארשטייט זיך אז איך האב נישט געהאט צופיל צייט צו באטראכטן דעם מצב, און עס איז ליידער געווען וואס צו באטראכטן, בלויז די פאר סעקונדעס ווילאנג עס האט מיר געדויערט צו לויפן פון מיין קאר ביז וואו די פאציענטן זענען געווען, האב איך געזען וואס דארט איז פארגעגאנגען ארום און ארום, און ס'איז א סצענע וואס ווערטער קענען נישט באקליידן."

איינער פון די געטרייע וואלונטירן איז מסביר וואס דאס מיינט רעאגירן צו אזא רוף "איך געדענק כמעט גארנישט פון דעם עקסידענט, אויסער דער פאציענט וועמען איך האב באהאנדלט. ווען איך בין אנגעקומען אויפ'ן ארט בין איך תיכף צוגעגאנגען צו איין פאציענט, און איך בין געווען הונדערט פראצענט פאקוסירט אויף דעם פאציענט, זיכער צו מאכן אז מען ברענגט אים צוריק. עפעס אנדערש האט מיר בכלל נישט אינטערעסירט. איך בין געווען דא בלויז פאר דעם פאציענט. דערפאר געדענק איך ממש גארנישט פון דעמאלטס."

דער גוי וועלכער איז גאר שווער פארוואונדעט געווארן האט מען אפגעפירט אין שפיטאל מיט א העליקאפטער, צוליב זיין קריטישן מצב, און די אנדערע פאציענטן זענען אפגעפירט געווארן אין שפיטאל צעטיילט אין פיר אמבולאנסן. די צוויי עלטערע קינדער וועלכע זענען געווען קריטיש פארוואונדעט זענען געגאנגען איינער פער אמבולאנס, די טאטע האט מען טראנספארטירט מיט א דריטן אמבולאנס, און די מאמע מיט די קלענערע קינד האט מען גענומען מיט א פערטן אמבולאנס.

ר' אברהם ישעי' שווארץ לייגט צו אן אנעקדאט: "דאס ארט וואו דער עקסידענט האט פאסירט האט בלויז צוגעלייגט צום מצב און צו דער אויסטערלישער שוועריגקייט צו באהאנדלען די פארוואונדעטע. ס'איז געווען ביי א רעלאטיוו פארנומענעם ארט, און ווי די נאטור פון מענטשן איז, האבן זיך אסאך מענטשן פארזאמלט אויפ'ן ארט, עפעס וואס קען מאכן אזא סצענע זייער כאאטיש. ווען מענטשן מיט אויטאס שטעלן זיך אפ, וואס געשעט איז, אז די פאליציי און פייערלעשער ווייסן נישט וועלכער קאר באלאנגט פאר א הצלה וואלונטיר און וועלכער נישט, און דאס האט ארייגעפירט די סצענע אין א שטיקל כאאס.

"זיך אפשטעלן ביי אזא סצענע



הצלה! הצלה! הצלה! הצלה!

שטערט זייער שטארק די הצלה וואלונטירן פון טון זייער ארבעט," שטעלט ר' אברהם ישעי' קלאר. "און מ'רעדט שוין נישט פון דער פריוואטקייט וואס מען דארף געבן פאר די פאציענטן, וואס דאס איז נישט מער ווי פשוט'ע נארמאלקייט. עס שטערט פאר יעדן איינעם פארמישט, סיי די פאציענטן און סיי די חברה הצלה. "ווען דו זעסט הצלה פליען, פאר אים נישט נאך. קיינער דארף דיך נישט ביים קאל, דיינע בילדער זענען נישט אזוי וויכטיג, לאז ארבעטן במנוחה. ווען דו דארפסט ווען חלילה צוקומען צו הצלה, וואלסטו נישט געוואלט זען פרעמדע נייגעריגע אויגן ארום און ארום, איז טו דאס אויך נישט צו יענעם."

די משפחה וואס איז געווען אין קאר וואוינען נישט דא אין קרית יואל, און צוליב דעם האט געדויערט צייט פון ווען חברה הצלה האט זיך פארבינדן מיט משפחה מיטגלידער זיי איינצומעלדן איבער דעם עקסידענט און אז מ'גייט אין שפיטאל, ביז זיי זענען אנגעקומען.

אינצווישן זענען די פאציענטן אנגעקומען אין שפיטאל אין באגלייטונג פון די געטרייע הצלה וואלונטירן, און דארט האט מען אנגעהויבן ערנסט אונטערצוזוכן יעדן פאציענט באזונדער און אפשאצן דעם מצב פון יעדן מענטש.

די צוויי עלטערע קינדער זענען טאקע געווען אין זייער א שווערן מצב, ביידע פון זיי, איינער איז שוין ביי דעם פונקט געווען ביים באוואוסטזיין און איינער נישט, אבער ביידע פון זיי האבן געדארפט צוקומען צו גאר ערנסטע און דרינגענדע אפעראציעס צו סטאביליזירן זייער מצב און ראטעווען זייערע לעבנס.

ר' משה ראטה לייגט צו פון זיינע זכרונות איבער דעם המשך המעשה: אריינקומענדיג אין שפיטאל האט דער טאטע שפאצירט אליינס אויף די אייגענע פיס, און די מאמע איז געגאנגען מיט איר קלענערע קינד אין די הענט. אבער ווי נאר מען האט זיי אנגעהויבן אונטערזוכן האט מען געזען אז אויך זיי זענען פארוואונדעט געווארן אינעם עקסידענט שווערער ווי מען האט געהאט געמיינט אין אנהייב, און צוליב דעם האבן די דאקטוירים אין שפיטאל געהייסן צעטיילן די פאציענטן, יעדער פאציענט האט געדארפט גיין אין א באזונדערן צימער.

די הצלה וואלונטירן וועלכע זענען געווען מיט דער משפחה אין שפיטאל האבן זיך פלוצלינג געטראפן דא מיט פינף ערנסט פארוואונדעטע פאציענטן, אלע פון זיי אין באזונדערע צימערן, וואס קיין איינס פון זיי האבן נישט געהאט קיין משפחה מיט זיך. יעדער איז געווען אליין. מען רעדט דא פון קליינע קינדערלעך וואס האבן נישט געהאט טאטי אדער מאמי צו זייער זייט, און א טאטע און מאמע וואס האבן זיך געזארגט פאר זייערע קינדער.

די וואלונטירן זענען געשטאנען ביי די בעטן פון יעדן איינציגן פאציענט, וויסנדיג אז מ'קען זיי נישט איבערלאזן אויף קיין מינוט, נאר מען מוז בלייבן שטיין ביי זייער זייט און זיי העלפן אריבערגיין דעם סאגא, ביז די אנדערע משפחה מיטגלידער קומען אן זיי איבערצונעמען.

ר' יואל ווערצבערגער, וועלכער האט זיך געפונען אין שפיטאל מיט דער משפחה, עראינערט זיך צוריק צו יענע שרעקעדיגע מאמענטן: "איך האב איבערגענומען דעם צווייט יעריג קינד פון זיין מאמע'ס ארעמס. איך האב אים פשוט ארויסגעשלעפט פון די מאמע'ס הענט. איך האב נישט געהאט קיין ברירה, די דאקטוירים האבן דאס פארלאנגט און דאס האט מען געמוזט טון פאר זייער וואוילזיין. דאס קינד האט נעבעך ביטערליך געוויינט, ער האט נאר געוואלט זיין מאמע, ער האט געשריגן מיט טרערן "מאמי, מאמי!", אוי האט דאס געריסן, איך האב דאס אבער געמוזט טון."

די הצלה וואלונטירן האבן נישט געוואוסט פון קיין נאכט און קיין טאג, נאר זענען געבליבן אין שפיטאל לאנגע שעות, כדי נישט איבערצולאזן די פאציענטן אליין אויפ'ן וואסער אין אזא שווערער און פיינפולער צייט.

פאר ר' אליעזר יחזקאל שווימער ליגט נאך גוט אין די ביינער די געשיכטע: "פינף שעה בין איך געזעסן אין שפיטאל מיט דעם משפחה, איך אינאיינעם מיט נאך עטליכע וואלונטירן. מיר זענען נישט ארויס פון שפיטאל ביז מיר זענען געווען הונדערט פראצענט זיכער אז די משפחה איז באקוועם און אלעס איז בסדר. מיר זענען געגאנגען פון בעט צו בעט, פון חולה צו חולה, טראגן און ברענגען גרוסן, זיכער מאכן אז יעדער איז בסדר. דאס האבן מיר



# עקסידענט!



געטון א גאנצע נאכט."

אויסער די וואלונטירן וועלכע זענען געווען אויפ'ן ארט, האט חברה הצלה אראפגעשיקט ספעציעלע וואלונטירן אין שפיטאל אריין וועלכע זענען טרעגירט פאר אזעלכע אנגעצויגענע מצבים, אז זיי זאלן דארט זיין מיט דער משפחה, מאכן זיכער אז יעדער איינער איז רואיג, און אז זאכן פאלן אין פלאץ און וואס דארף געטון ווערן ווערט




געטון.

ר' אליעזר יחזקאל לייגט צו פון וואס ער געדענקט, "אין אזוינע מצבים, איז רואיגקייט פון די וויכטיגסטע זאכן, אבער דאך עפעס וואס קומט נישט צופיס. מ'קען זיך קוים פארשטעלן וואס דאס מיינט, א גאנצע משפחה געפינט זיך אין שפיטאל, יעדער אין א באזונדערן צימער, יעדער איז אנגעצויגן ביז צום מאקסימום, די קינדער ווילן וויסן וואס עס גייט פאר מיט זייערע עלטערן, קינדער, געשוויסטער, עלטערן, יעדער איז אפגעהאקט פון יעדן, ס'איז ביטער און גאר שווער. דאן זענען די ספעציעלע וואלונטירן געשטאנען צוהילף און ממש גערעטעוועט דעם מצב במלוא מובן המילה."

די עלטערן און זייער קליין קינד, וועלכע האבן אויסגעזען נישט צו זיין צו שטארק פארוואונדעט, זענען אריינגעפירט געווארן אין עמערדזשענסי רום ביים אנקומען אין שפיטאל, און נישט אינעם 'טראומא רום' - וואו די מער ערנסט פארוואונדעטע פאציענטן קומען אן. למעשה אבער, נאכ'ן אפשאצן זייער מצב און זיי גרונטליך אונטערזוכן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז די עלטערן זענען יא געווען היפש ערנסט פארוואונדעט, און איינער פון זיי האט געליטן פון 'אינטערנעל בלידינג', וואס דאס מיינט אז מען איז גוט צעזעצט פון אינעווייניג, כאטש וואס פונדרויסן קען מען דאס נישט אנזען.

אזוי אויך די קליין קינד, האט מען צוערשט געמיינט אז ער איז נאר לייכט פארוואונדעט געווארן, שפעטער האט זיך אבער ארויסגעשטעלט אז אויך ער האט געדארפט צוקומען צו מער ערנסטע באהאנדלונג, און ער איז אריבער עטליכע שווערע אפעראציעס פאר די וואונדן וואס ער האט געהאט.

דער עקסידענט איז געווען אזוינס וואס מאכט זיך גאר ווייניג, ב"ה, און דא זענען געווען פארמישט וואלונטירן פון יעדער אפטיילונג אין חברה הצלה, אריינגערעכנט דרייסיג הצלה וואלונטירן, צווישן זיי אי-עם-טי'ס און פאראמעדיקס, א העליקאפטער, פיר אמבולאנסן. מ'רעדט פון א רעאקציע וואס פארלאנגט זיך גאר זעלטן.

און דאס איז אויסער דער אפטיילונג פון ר' יצחק שלמה פאלאטשעק, וואס באגלייט יעדן איינציגן אזא פאל מיט אויסטערלישע געניטשאפט און געטריישאפט, זיכער צו מאכן אז יעדער איז רואיג און אז אלעס איז אונטער קאנטראל. ער מאכט זיכער פון אנהייב, ביים רעדן אין וועלכן שפיטאל צו גיין, ביז'ן קאמיוניקירן מיט די דאקטוירים און מסביר זיין פאר די פאציענטן אז יעדער זאל פארשטיין וואס עס גייט פאר, אז יעדער זאל זיין אויף איין בלאט און וויסן גענוי וואו מען שטייט און וואו מען האלט. ער איז געווען פארנומען מיט די פאציענטן פון דעם עקסידענט א גאנצע נאכט, ממש ביז צופרי, אן קיין אפשטעל.

און פארשטייט זיך אז מ'האט געהאט וואלונטירן וועלכע זענען פארבליבן אויף דער סצענע פונעם עקסידענט נאך וואס די פאציענטן זענען אריין אין שפיטאל, וועלכע

האבן זיכער געמאכט אז אלעס איז מסודר מיט דעם צעפליקטן קאר פון דער משפחה, זייערע זאכן וואס זענען געלעגן אינעם קאר, און אזוי ווייטער און ווייטער.

דאס איז נאר איין מעשה, אבער חברה הצלה איז ליידער פארנומען איבער'ן קאפ, און אזוינע מעשיות מאכן זיך ליידער צו אפט.

## מיטוואך ואתחנן שנת תשפ"ד, 1:28 אינמיטן נאכט

עס איז געווען א רואיגער זומער טאג, אינמיטן זומער שנת תשפ"ה, ווען אין די הויפטקווארטירן פון חברה הצלה האט אריינשפאצירט א ליטוויש אידל. א וואלונטיר וועלכער איז אנוועזנד געווען איז צוגעגאנגען צום איד און אים געפרעגט מיט וואס מען קען אים העלפן. דער ליטווישער איד האט געזאגט אז ער זוכט די וואלונטירן וועלכע האבן אים געהאלפן א יאר צוריק, ער וויל זיי באדאנקען. דער וואלונטיר, נישט וויסנדיג פון וואס ער רעדט, האט ער אים געפרעגט וואס עס האט פאסירט, און דער איד האט דערציילט.

מענטשן וועלכע זענען געפארן אויפ'ן רוט 17, נישט ווייט פון קרית יואל, האבן אריינגערופן צו קרית יואל הצלה אין פאניק. א קאר האט פארלוירן קאנטראל, זיך איבערגעדרייט, און אריינגעקוילערט אין וואלד. פארביי-פארער האבן טאקע גארנישט געקענט טון, ס'איז געווען שטאָק טונקל, זיי קענען נישט אריינגיין בארג אראפ אין וואלד אריין, אבער זיי האבן דאס געזען מיט די אייגענע אויגן, און האבן נישט געקענט ווייטער פארן איידער'ן וויסן אז הילף איז כאטש אויפ'ן וועג.

עס האט נישט געדויערט מער ווי א האלבע מינוט, און די ערשטע הצלה וואלונטירן זענען אנגעקומען צו דער סצענע, אינעווייניג אין וואלד, וואו דער קאר האט זיך געפונען. דער קאר איז געווען איבערגעדרייט און גאר שווער געשעדיגט, און עס איז געקומען א שווערער רויך דערפון. הצלה וואלונטירן שרעקן זיך נישט פון קיין שום סצענעס, וויסנדיג אז מען איז דא צו ראטעווען אידישע לעבנס, אלזא זענען זיי תיכף צוגעגאנגען נאנט צו זען די סיטואציע.

עס האט נישט געדויערט מער ווי סעקונדעס, און די וואלונטירן האבן באשטעטיגט אז עס געפינען זיך עטליכע פאסאזשירן אינעם קאר, און מען ברויך תיכף זען וואס מען טוט דא.

די וואלונטירן האבן געמאכט א חשבון, אז די ערשטע זאך איז קריטיש וויכטיג ארויסצושלעפן אלע פאסאזשירן פון דעם קאר און זיי אוועקשלעפן ווי ווייטער פון דעם קאר. אזוי האבן זיי טאקע געטון. די ארבעט איז בכלל נישט גרינג געווען, צוליב דעם געדעכטן רויך וואס האט געמאכט שווער דאס אטעמען, און ווי געזאגט איז דער קאר געווען גאר שווער געשעדיגט, אבער זיי האבן געוואוסט וואס זיי האבן צו טון, און זיי האבן זיך שנעל גענומען צו דער ארבעט.

זייער חשבון האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין דער בעסטער חשבון וואס זיי האבן נאר געקענט מאכן, ווייל תיכף נאכ'ן אוועקשלעפן אלע פאסאזשירן פון דארט, האט דער קאר אויפגעריסן אין העלישע פלאמען, און איבריג צו זאגן אז פון דעם קאר איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט, און וואלט ווען איינער חלילה געווען אין דעם קאר ווען ס'האט אויפגעריסן, וואלט יענער נישט געהאט קיין שאנס. א שרעק בכלל צו טראכטן וואס דאס וואלט געקענט מיינען.

דער וואלד וואו דער קאר האט זיך געפונען, האט זיך געגרעניצט מיט קרית יואל, און די איבערגעגעבענע וואלונטירן אויפ'ן ארט האבן נישט געקלאצט קיין רגע, נאר תיכף אנגעהויבן אריינשלעפן די פאסאזשירן דורך דעם וואלד אריין קיין קרית יואל. ס'איז געווען א וועג פון צענדליגער פיס, און זיי האבן אזוי געשלעפט יעדן פאסאזשיר. די פאסאזשירן האבן נישט געקענט גיין אליין מיט די פיס, צוליב וואס אלע פון זיי זענען געווען היפש צעקלאפט פונעם עקסידענט. איינער מער



און איינער וויניגער, יעדער האט אבער געכאפט זעצעס.

מען האט געמוזט ארויסטראגן די פאסאזשירן אינגאנצן פון ווואלד, וויבאלד אין וואלד איז כמעט אוממעגליך צו ארבעטן אויף פאציענטן צו סטאביליזירן זייער מצב, ווען אלעס איז אנגעלייגט מיט ביימער, צווייגן און בלעטער, ס'איז שטאק פינסטער, און אזוי ווייטער. צו ארבעטן מיט א רואיגקייט אויף פאציענטן פאדערט זיך א נארמאלער ארום און ארום.

ר' יואל פרידריך געדענקט גוט די מינוטן, און דערציילט: "איך בין געווען אין אן אמבולאנס אויפ'ן וועג אהיים פון שפיטאל, וואו איך האב אראפגעלייגט אן אנדערן פאציענט, און זייענדיג שוין נאנט צו קרית יואל, איז דער רוף אריינגעקומען. דער דיספעטשער האט תיכף קלאר געמאכט אז דער קאר איז אין פלאמען, ביי דעם פונקט איז נאך געווען נאר רויך, עס האט אבער געהערשט א גרויסע שרעק אז דער קאר ברענט שוין אביסל, און מענטשן זענען פארכאפט. איבערהויפט דאן, ווען מ'האט געהאלטן בלויז א וואך נאך אן ענליכן אינצידענט אין די קעטסקילס, וואו צוויי יונגעלייט זענען ליידער אומגעקומען ווען זייער קאר איז ארויף אין פלאמען נאך אן עקסידענט, איז די אנגעצויגנקייט געווען גאר הויך."

ר' יואל דערציילט ווייטער "איך האב גלייך געלאזט וויסן אז איך בין ממש צוויי-דריי מינוט אוועק, און איך וועל צופארן אהין ארויסהעלפן דעם מצב. אנקומענדיג אהין, האב איך געטראפן די "נייט יוניטס", וועלכע האבן זיך די ערשטע געיאגט צו דער סצענע. מיר האבן געזען פלאמען אין וואלד, און מיר האבן געוואלט גיין זען אויב עס זענען דא פארכאפטע פאסאזשירן, די געגנט איז אבער געווען צו הייס, און ס'איז נישט מעגליך געווען צוצוקומען אפילו נאנט.

"נאך א מינוט צוויי האבן מיר באקומען א מעלדונג פון אנדערע וואלונטירן אז זיי זענען אויף דער אנדערער זייט וואלד, און זיי האבן דארט די פאציענטן, נאכ'ן זיי ארויסשלעפן פון דעם קאר איידער ס'איז ארויף אין פלאמען. זענען מיר שנעל ארומגעפארן אהין, און דארט האבן אלע וואלונטירן באקומען פאציענטן אויף וועמען צו ארבעטן צו סטאביליזירן זייער מצב.

"נאך און נאך אמבולאנסן זענען אנגעקומען, פינף אמבולאנסן אלעס אינאיינעם, און דער ערשטער פאציענט וועמענ'ס מצב איז סטאביליזירט געווארן, האט מען אריינגעלייגט אין דעם אמבולאנס וואס איך האב געברענגט, און איך האב אים אריינגעפירט אין דעם וועסטשעסטער שפיטאל," ענדיגט ר' יואל צו זיינע זכרונות פון יענער נאכט.

ר' חיים בנימין בראך, וועלכער איז געווען אינאיינעם מיט ר' יואל אויפ'ן אמבולאנס אויפ'ן וועג צוריק פון א צווייטן רוף, דערציילט וואס ער געדענקט: "איך געדענק ווי מיר זענען געשטאנען אויף דער אנדערער זייט וואלד, אויפ'ן רוט 17, מיר האבן אריינגעקוקט אין וואלד און געזען דעם קאר ברענען. די שרעק וואס איז אונז אריבערגעלאפן אין די ביינער איז פשוט און גראד אומבאשרייבליך. ווי געזאגט האט מען דאן געהאלטן נישט לאנג נאך אן ענליכער מעשה, וואס האט זיך ליידער געענדיגט טראגיש ביז גאר, און מיר זענען געשטאנען דארט פאר פינף מינוט מסתמא, אדער האט עס געפילט לענגער ווי ס'איז, און מיר האבן פשוט געציטערט פאר דעם שיקזאל פון די מענטשן אין דעם קאר. צוגיין איז בכלל נישט געווען קיין אפציע, און מיר זענען געשטאנען דארט און געטון די איינציגסטע זאך וואס מיר האבן געקענט: דאווענען און האפן אויפ'ן בעסטן."

נאכ'ן האבן אלע פאציענטן אויף דער אנדערער זייט וואלד, האט מען אנגעהויבן פיבערהאפטיג ארבעטן אויף אלע פאציענטן, צווישן זיי גאר ערנסט געשעדיגטע. וויבאלד דער קאר איז געווען גאר הייס, נאך איידער עס איז ארויף אין פלאמען, האבן די פאציענטן געהאט בראנד וואונדן, וועלכע מען האט באזונדער געדארפט באהאנדלען אויפ'ן ארט, און דערפאר זענען ספעציעלע "בורן יוניטס" אהינגעברענגט געווארן צו דער סצענע צו באהאנדלען די שווערע בריען.

צוביסלעך האט מען באוויזן צו סטאביליזירן דעם מצב פון אלע פאציענטן, און צעטיילט אין פינף אמבולאנסן האט מען זיי אריינגעפירט אין שפיטאל, וואו זיי זענען אריבער גאר ערנסטע און דעליקאטע באהאנדלונגען פאר זייערע וואונדן, וואס האט אריינגענומען בריען,



צעבראכענעביינער און נאך ערגערס.

ר' חיים בנימין לייגט צו, צו פארשטיין וואס דא איז פארגעקומען: "מען רעדט דא פון א מעשה וואס האט פאסירט אינמיטן דער נאכט, ארום צווייע צייט, ווען רוב מענטשן שלאפן טיף, און מיט דעם אלעם זענען פינף און צוואנציג וואלונטירן ארויסגעקומען פון בעט, נישט ארויסגעקומען, נאר ארויסגעשפרונגען, און געגאנגען, אדער בעסער געזאגט - געלאפן, באהאנדלען די פארוואונדעטע. דאס איז הצלה. דאס סימבאליזירט הצלה. דאס איז ווער מיר זענען און וואס מיר טוען. מיר זענען דא, אייביג, אלעמאל, אפגעזען ווען, וואס און וואו, צו ראטעווען אידישע קינדער אין צייט פון נויט."

פארשטייט זיך אז ס'זענען געווען מערערע וואלונטירן וועלכע זענען געבליבן אין שפיטאל זיכער צו מאכן אז די סיטואציע איז אונטער קאנטראל און אלעס איז מסודר. נאר צו פארשטיין וואס דאס מיינט, א מערהייט מעמבערס זענען אנגעקומען אהיים פון און 1:30 ביינאכט קאל נאך צענ'ע אינדערפרי.

## זונטאג בשלח שנת תשע"ד, 4:03 נאכמיטאג

נאך א שרעקעדיגע עקסידענט געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט, איז געווען מיט ארום צוועלף יאר צוריק, ווען עס איז געגאנגען אביסל אנדערש ווי די צוויי פאריגע מעשיות, און אנשטאט אויטאס וואס האבן זיך צוזאמגעקראכט, איז עס געווען באסעס.

ווען א באס האט אן עקסידענט, איז די מעשה גאר אנדערש ווי ביי א קאר. צום ערשט רעדט מען על פי רוב פון אסאך מער פאסאזשירן, וואס דאס מיינט אויטאמאטיש אסאך מער פאציענטן, און אויך קען א באס זיך גרינגער איבערדרייען, און דאס קען חלילה פאראורזאכן שווערע מענטשליכע שאדנס ה"י.

געווען איז עס מיט א חדר באס וועלכער האט געהאט אויף זיך עטליכע אין דרייסיג קינדער, און דער באס האט זיך צוזאמגעזעצט מיט א מאנרא באס, וואס איז ב"ה געווען רעלאטיוו ליידיג, בלויז זיבן פאסאזשירן. אינאיינעם איז דאס געווען א חשבון פון בערך פערציג פאציענטן אויף דער סצענע, א נומער וואס זאגט זיך גרינג, אבער פאר וואלונטירן אויף דער סצענע איז דאס עפעס וואס פארלאנגט אבנארמאלע ארבעט.

צום ערשט האט זיך געפאדערט אראפצונעמען די פאסאזשירן פון די באסעס, און זיכער מאכן אז די באסעס זענען טאקע ליידיג. דאן דארף מען אנהייבן דורכגיין די פאסאזשירן, צו זען אויב עס זענען פארהאן מער קריטישע צווישן זיי, וועמען מען דארף דרינגנד פריער באהאנדלען. און דאס איז ווידער עפעס וואס הערט זיך גראד און טעכניש, פאקטיש דארף דאס אבער געטון ווערן אין בליק-סעקונדעס, ווייל אין אזוינע מצבים קען א סעקונדע זיין אלעס וואס מאכט אויס.

נאכ'ן זייער שנעל צעטיילן די פאציענטן לויט ווי שווער זיי זענען געשעדיגט געווארן, הייבט מען אן ארבעטן צו סטאביליזירן זייערע צושטאנד, און די מער לייכט פארוואונדעטע באהאנדלט מען די וואונדן.

אין דעם ספעציפישן פאל האבן רוב פארוואונדעטע פשוט געהאט צעבראכענע ביינער, אדער זענען זיי געווען שווער צעקלאפט און צעבלוטיגט, אבער עס זענען אויך געווען עטליכע וועלכע זענען יא געווען היפש שווער פארוואונדעט. און ווען מען רעדט פון צעבראכענע ביינער און דאס גלייכן, איז וויכטיג צו פארשטיין אז דא רעדט מען על פי רוב פון קינדער, וואס א צעבראכענע האנט קען פאר א קינד זיין עק וועלט. זיי רעאגירן צו יסורים אנדערש ווי ערוואקסענע, און דאס דארף באזונדער באהאנדלט ווערן גאר פארזיכטיג.

אויסער די וואונדן וואס האבן געדארפט באהאנדלט ווערן, האט מען זיך דא געטראפן מיט עטליכע אין דרייסיג קינדער וועמענ'ס עלטערן מוזן גערופן ווערן. מען האט געדארפט רופן אלע עלטערן און מסביר זיין וואס עס האט פאסירט, אז מען גייט אריין אין שפיטאל, און אזוי ווייטער. טייל קינדער זענען געווען גענוג ביי זיך צו קענען איבערגעבן זייערע עלטערנ'ס נומערן פאר די הצלה וואלונטירן, אבער אנדערע, אפילו וואס זענען נישט געווען אזוי שווער געשעדיגט, האבן פשוט נישט געהאט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ. א קינד קען זייער שנעל פארלירן ווערן אין אזא פאל, ווי איין קינד וואס האט פשוט אנגעהויבן שיסן נומערן פון איינס ביז צען, זייענדיג געפערליך צעמישט און דערשראקן.

בשעת וואס מאסן וואלונטירן זענען געווען אויפ'ן ארט באהאנדלען די קינדער און אנדערע פארוואונדעטע, איז אויפגעשטעלט געווארן אויפ'ן ארט א ריזיגער הצלה קאמענד, וואו גאר אסאך וואלונטירן זענען געזעסן, און פשוט פרובירט אנצוקומען צו די עלטערן פון די קינדער. אריינגיין אין שפיטאל קען מען און קיין עלטערן, אבער וואוינטועל מוז מען האבן די עלטערן אז זיי זאלן קומען אין שפיטאל איבערנעמען דעם מצב פון זייער קינד.



מען האט געארבעט מיט די מלמדים און מנהלים פון חדר, מען האט פרובירט אויף אלע וועגן וואס מען האט נאר געקענט, ביז מען האט בסייעתא דשמיא געכאפט אלע עלטערן. און וויאזוי צו רעדן צו די עלטערן איז א סוגיא פאר זיך, וואס קען צומאל זיין גאר גאר שווער, געוואנדן אין די עלטערן. געוויסע עלטערן זענען פשוט געווען היסטעריש און עקסטרעם דערשראקן איבער דעם מצב פון זייער קינד, און מיט רעכט, עס איז זייער קינד.

די הצלה וואלונטירן זענען ספעציעל געלערנט פאר טאקע אזעלכע סיטואציעס, און מען האט פאר יעדן מסביר געווען דעם מצב אויף אופן עס האט זיך אויסגעפעלט פאר דעם ספעציפישן פאל, און מען האט יעדן בארואיגט און פארזיכערט אז יעדער וועט זיין בסדר.

מאסן אמבולאנסן זענען אוועקגעפארן פון דארט אין שפיטאל אריין. אפילו אזוינע שוואך פארוואונדעטע, וואס מען קען פלאצירן מער ווי איין פאציענט פער אמבולאנס, איז אבער אויך דא א שיעור וויפיל מען קען לייגן. מען קען נישט ארײנשטעלן צען קינדער אין אן אמבולאנס, און דאס איז פשוט. האט מען געדארפט האבן גאר אסאך אמבולאנסן, און טייל אמבולאנסן האבן געמאכט עטליכע רונדעס, נעמענדיג נאך און נאך קינדער, און צוריקקומענדיג איינמאל און נאכאמאל אפצונעמען נאך און נאך פאציענטן.

ב"ה אז אלע פאציענטן זענען באהאנדלט געווארן מיט די ריכטיגע מיטלען פאר זייערע וואונדן, און אלע האבן זיך שיין ערהוילט, געלויבט דעם אייבערשטן.

די געשיכטע פארבלייבט אבער א סימבאל פאר לאנגע יארן, טאקע צוליב וואס אזוינס מאכט זיך נישט יעדן טאג, און אויך נישט יעדן צווייטן טאג. איבערהויפט די בילדער פון דער סצענע, וועלכע צייגן די צווי חרוב'ע באסעס איינער נעבן צווייטן, דאס וועט פארבלייבן פאר לאנגע יארן, און וועט פאר א לאנגע צייט צייגן די אקטן פון די העראאישע הצלה וואלונטירן, וואס קענען האלטן אינמיטן טון סיי וואס, אבער ווען א רוף קומט אריין, זענען זיי דא מיט'ן גאנצן לייב און לעבן פאר כלל ישראל. ■

# מה' מצעדי מיללער...

**דער לאנגיעריגער געטרייער וואלונטיר הרה"ח ר' אברהם מאיר מיללער הי"ו שילדערט זיינע אינטערעסאנטע טריט וויאזוי ער איז אנגעקומען צו די ראלע פון הצלת נפשות | פון קינדערגארטן צו הצלה...**



"רוב הצלה וואלונטירן זענען אנגעקומען אין חברה הצלה וויבאלד זיי האבן קרובים וואס זענען הצלה וואלונטירן, אדער וויבאלד זיי זענען שוין פון יונגווייז אן געווען פארמישט אדער נאנט מיטגעהאלטן אזעלכע אקטיוויטעטן אין די משפחה, און אזוי ווייטער. אנדערש איז מיין היסטאריע. איך האב אין מיין לעבן נישט געט'חלומ'ט אז איך וועל אמאל זיין אן הצלה וואלונטיר, ס'וואלט זיך מיר קיינמאל נישט געשטעלט אויפן שכל. איך בין ממש געווארן אריינגעכאפט דערין קעגן מיין ווילן.

עס איז געווען מיט צוויי און דרייסיג יאר צוריק, ווען די ערשטע דזשאב וואס איך האב גענומען נאך מיין חתונה - פרובירנדיג אהיימצוברענגען אפאר טאלער, איז געווען זיין א קינדערגארטן מלמד. איך ווייס נישט גענוי וויאזוי עס איז אויסגעשטעלט היינט צוטאג, אבער דעמאלסט איז געווען אין יעדע קינדערגארטן קלאס צוויי מלמדים, דער געהעריגער מלמד, און זיין צוהעלפער. דער צוהעלפער האט בלויז געדארפט ארבעטן עטליכע שעה א טאג ארויסהעלפנדיג דעם מלמד, און איך, אלס צוהעלפער, האב געהאט נאך א דזשאב אויסערדעם, אזוי'ווי אסאך יונגעלייט נאך די חתונה.

איין טאג האט זיך געמאכט אז א קינד האט געכאפט א שניט, און נאכ'ן רופן הצלה איז אנגעקומען אויפ'ן קאל הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג. זעענדיג אז עס זיצט צוויי יונגעלייט פאר צוועלף קינדער, האט ער אויסגעדרוקט זיין וואונדער, פארוואס מען דארף אזויפיל מלמדים פאר אזוי ווייניג קינדער. מען האט אים מסביר געווען אז אזוי ארבעט די 'העד-סטארט' פראגראם, אבער ר' משה אהרן, זעענדיג דא א געלעגנהייט, האט אונז מסביר געווען אז ער מוטשעט זיך צו טרעפן וואלונטירן דא אין קרית יואל אינמיטן טאג - דעמאלסט פלעגט מען מער אריינפארן אין שטאט צו די ארבעט און אינמיטן טאג איז געווען א מאנגל אין וואלונטירן - און ס'האט אים גראד אויפגעבליצט אין קאפ א געדאנק, אז אזוי ווי ס'איז סיי ווי דא אזויפיל יונגעלייט וואס קענען זיין מער עוועליבעל, זאל אפשר טייל פון זיי זיך לערנען פירסט עיד און אי-עם-טי, צו קענען רעאגירן צו רופן ווען עס פעלט אויס.

פון צווישן די אכט יונגעלייט פון די פיר קלאסן, האבן פינף הארץ און גערן מסכים געווען, וגם אני בתוכם. צוויי טעג זענען אריבער, און איך האב ערהאלטן א רוף ביי מיר אינדערהיים פון ר' משה אהרן, און ער האט מיר איינגעמאלדן אז מען גייט זיך היינט טרעפן פאר א מיטינג.

ביים זיצונג זענען געווען אונז מלמדים, מיט נאך עטליכע אנדערע יונגעלייט, און מען האט אונז מסביר געווען די וויכטיגקייט דערפון אריינצוברענגען פרישע מעמבערס וואס זאלן גרייט פאר קאלס אינמיטן טאג.

מיר האבן איינגעמאלדן פאר אונזערע משפחות אז חברה הצלה דארף אונזער הילף און זיי ווילן מיר זאלן זיך לערנען פירסט עיד, און דערנאך האבן מיר אנגעהויבן די פירסט עיד קלאסן, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורך דער לאנגיעריגער פאראמעדיק, דער בארימטער עסקן ואיש החסד ר' אברהם יצחק פלאהר, וועלכער האט נאך דאן געוואוינט אין מאנסי. צוויי מאל א וואך איז ער אריינגעקומען, און מיר זענען געזעסן און זיך געלערנט פירסט עיד.

א טאג בעפאר תענית אסתר פון יענעם יאר, ווען מיר האבן געהאלטן אינמיטן די פירסט עיד קלאסן, איז געווען גאר א פארנומענער טאג פאר הצלה, און די מאנגל אין וואלונטירן האט זיך זייער דערקענט. יענע נאכט האבן מיר געהאט א קלאס, און אינמיטן איז אריינגעקומען ר' משה אהרן מיט אן איבערגעדרייטן הוט, און געהייסן אלע פון אונז ארויסנעמען א צעטל פון זיין הוט... מיר האבן נישט געהאט קיין אנונג וואס עס גייט פאר... אויף יעדן צעטל איז געשטאנען א נומבער, און ר' משה אהרן האט אונז איינגעמאלדן אז דאס איז אונזער 'יוניט נומער', און מיר זאלן אראפגיין אונטן. אונטן האט אונז ר' ליפא סאנדעל אפגעווארט, ער האט אונז געגעבן ראדיאס און די מינימום עקוויפמענט, און מיר זענען געווארן מעמבערס אויפ'ן פלאץ...

איך האב ניטאמאל געוואוסט וויאזוי אזא ראדיא אפערירט... איך האב נישט געוואוסט אז נאכ'ן ענדיגן רעדן לאזט מען אפ דעם קנעפל... און אזוי ווייטער. איך בין אהיימגעקומען און געזאגט פאר מיין ווייב אז איך בין געווארן א הצלה מעמבער... מיר האבן נאך דאן נישט געט'חלומ'ט וואו דאס וועט מיר באמת איין טאג טראגן, איך האב דאן נאר אזויפיל געוואוסט, אז ווען איך וועל האבן צייט וועל איך נעמען קאלס.

מען קען זאגן אז די רעשט איז היסטאריע... צוביסלעך בין איך געווארן מער און מער אריינגעדרייט אין חברה הצלה, און פארשטייט זיך אז מיר האבן באקומען אסאך מער טרענירונג ווי נאר האלבע פירסט עיד... " ■

**שמואל וואלדמאן**



# א לעבעדיגע באזוך אינעם העפטיגן דיספעטשינג צענטער פון הצלה

**א טיפערן אריינבליק** אויף די סענסיטיווע ארבעט אונטער די הצלה קאאל סיסטעם. **וויאזוי א דיספעטשער נעמט א קאל און געבט עס ווייטער איבער** און מאכט זיכער אז די נויטיגע וואלונטירן גייען אראפ צו די סצענע - **דער נייער סאפיסטיקירטער פראגראם** וואס ווערט שוין היינט באנוצט לענגאויס אלע אנדערע הצלה ארגאניזאציעס

ערשטהאנטיגע שמועס מיט דריי אקטיווע הצלה וואלונטירן, וואס אויסער לויפן אויף קאלס, געבן זיי זיך אוועק מיט'ן אנפירן די דיספעטשינג אפטיילונג: הרה"ח ר' **בעריש שענברוין** הי"ו, הרה"ח ר' **יוסף בלומענטאל** הי"ו, און הרה"ח ר' **יואל גראס** הי"ו

# א לעבעדיגע באזוך אינעם העפטיגן דיספעטשינג צענטער פון הצלה




אז מ'געבט ארויס אזא קאלירפולע אויסגאבע און מ'באשרייבט די פארצווייגטע אקטיוויטעטן פון חברה הצלה, איז דאך פארשטענדליך אז מ'קען נישט אויסלאזן פון באזוכן און כאפן א בליק אריין אינעם נערוו צענטער, דער ארט פון וואו אלעס ווערט געפירט - "דער דיספעטש צענטער".

יעדער איינער פון גרויס ביז קליין ווייסט אז פאר סיי וואס ערנסט עס זאל נישט פאסירן ח"ו, איז דא איין נומבער וואס מ'רופט אריין און ביז סעקונדעס געפונען זיך געטרייע וואלונטירן אויפ'ן סצענע.

אבער וואס איז דער פראצעדור? וויאזוי ווייסן די מעמבערס גלייך דעם אדרעס, און וויאזוי ווייסט מען וויפיל מעמבערס, טראקס און מעדיקס עס פעלט זיך אויס? דא קומען אריין די געטרייע דיספעטשערס, וואס זענען די וואס זיצן אין אפיס אבער זייער קאפ און מח ליגט פולשטענדיגביים סצענע און פירן אן דעם גאנצן אפעראציע.

כדי צו פארשטיין וויאזוי דאס אלעס פירט זיך מוז מען אראפגיין אין אפיס און דאס מיטהאלטן לייוו, ווי די רופן קומען אריין און ווי די געטרייע דיספעטשערס ענטפערן מיט א רואיגקייט און מאכן זיכער אז יעדער רופער איז רואיג און שפירט פולקאם פארזיכערט.

יעדעס מאל מ'גייט צו א פלאץ האפט מען אז דאס וואס מ'וויל זען זאל טאקע פאסירן, אבער דא, כאטש וואס מיר האבן געהאפט צו קענען כאפן א בליק וויאזוי די אפעראציעס גייען צו, האבן מיר נאכאלץ געבעטן ביים באשעפער אז ס'זאלן זיך נישט מאכן קיין עמוירדזשענסי קאלס אינדערמיט, אבער אזויווי קרית יואל איז אזוי גרויס און פארצווייגט פון אלע זייטן, מאכט זיך יא ליידער כסדר אז רופן קומען אריין, און מיר האבן טאקע געקענט מיטהאלטן וויאזוי די דיספעטשערס נעמען די קאלס.

## א מאסיווע דיספעטשינג אפאראט

איידער מיר האבן דערגרייכט דעם אפיס, האבן מיר זיך פארגעשטעלט אז מיר וועלן טרעפן א דיספעטשער איבער א פענע און פאפיר, מיט א טעלעפאן ארייגעשטעקט אינעם וואנט און ער הייבט אויף דעם טרייבל ווען א רוף קומט אריין. ווי איבערראשט זענען מיר אבער געווען אריינקומענדיג אין די הצלה אפיסעס, זעענדיג פון אלע זייטן פילצאליגע פארגעשריטענע און סאפיסטיקירטע מאשינען און מאדערנע געצייג, וואס זענען דא צו פארגרינגערן און פארשנעלערן דעם שוין-ביז-יעצטיגן קורצע צייט אפשניט פון ווען דער רוף קומט אריין ביז דער ערשטער וואלונטיר געפינט זיך אויפ'ן סצענע צו רעאגירן מיט הילף.

ביים טיש טרעפן מיר אן ענערגישן יונגערמאן, דער איש החסד הרה"ח ר' יואל גראס הי"ו, וועלכער זיצט מיט די העדפאונס איבער'ן אויער און איז כרגע פארנומען מיט אן אריינרופער. ר' יואל נעמט פון יענעם די פונקטליכע דעטאלן און שיקט תיכף אראפ א מעמבער כאטש וואס עס קוקט נישט אויס ווי א ערנסטע עמערדשענסי, אבער צו זיין אויף די זיכערע זייט וועט איינער אריבערגיין און זען וואס דארט גייט פאר.

בשעת ר' יואל האט נאך גערעדט מיט יענעם אויפ'ן טעלעפאן איז אריינגעקומען נאך א קאל, און דער סיסטעם האט עס תיכף געשיקט צום צווייטן דיספעטשער וואס שטייט גרייט טאקע פאר אזעלכע פעלער. דער רוף איז שוין יא געווען עפעס ערנסטער און דער דיספעטשער האט אראפגעשיקט צוויי מעמבערס מיט אן אמבולאנס צו זיין גרייט אין פאל מען דארף אריינגיין אין שפיטאל.

ווי מיר הערן שפעטער פון ר' יואל און ר' יוסף בלומענטאל ווערן די דיספעטשערס זייער גוט טרענירט און זיי ווייסן וויאזוי צו רעאגירן אין יעדן מצב,

אז זיי וועלן קענען אויסרעכענען וויפיל מעמבערס מ'דארף אראפשיקן, צי מ'דארף א פאראמעדיק, און צי מ'דארף נעמען אן אמבולאנס.

נאכדעם וואס ר' יואל האט אראפגעלייגט מיט'ן אריינרופער, האבן מיר זיך צוגעשארט צו אים און געהאפט צו קענען כאפן א שטיקל שמועס אָן ווערן איבערגעהאקט פון נאך הצלה רופן. שטעלט זיך ארויס אז אין קיין בעסערע צייט וואלטן מיר נישט געקענט קומען וויבאלד ר' יואל און אונזער צווייטער מיטשמועסער, ר' יוסף בלומענטאל, זענען ביידע באאויפטראגט איבער דער גאנצער דיספעטשינג סיסטעם און זיי זענען די וואס שטעלט אויס די שיפטס און טרעינירט אריין נייע דיספעטשערס.

**■ "וויאזוי האט איר אנגעהויבן מיט דיספעטשינג?" - שטעלן מיר אונזער ערשטע פראגע מיט נייגער.**

איך בין אריינגעקומען אין הצלה איין פארטאגס, פיר אזייגער", זאגט אונז ר' יואל.

"איך בין שוין געווען בעפאר אין די קעטסקילס-הצלה און איך האב אייביג פארמאגט א געפיל פון העלפן אידישע קינדער, איך בין אויך געווען שטארק אריינגעמישט אין די פעולות פון קרית יואל הצלה. אין דער בית המדרש וואו איך דעמאלטס געדאווענט האט נאכנישט פארמאגט קיין איין מעמבער, און איין פארטאגס רופט מיר אן הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג אז איך זאל וויכטיג קומען צו א קאל וואו מ'האט זיך גענויטיגט אין מיין הילף, און נאכ'ן ענדיגן זאגט מיר ר' משה אהרן אז איך בין שוין אנגענומען אין הצלה, און דער רעשט איז היסטאריע...

"אריין אין הצלה בין איך ארום צוואנציג יאר צוריק, און צוועלף יאר צוריק בין איך געווארן א דיספעטשער. אזוי ווי איך זיץ רוב טאג אין א אפיס איז עס גוט אויסגעקומען אז איך זאל דיספעטשן, און אזוי גייט עס שוין אן ב"ה פאר צוועלף יאר. עווענטועל האט מען מיר אויפגענומען צוזאמען מיט מיין שותף לדבר מצוה הרה"ח ר' יוסף בלומענטאל צו שטיין איבער דעם גאנצן דיספעטשינג סיסטעם און דא שטיי-מיר יעצט."



## וויאזוי ארבעטן די שיפטס פון די דיספעטשערס?

איך און ר' יוסף האבן אריינגעלייגט שווערע כוחות עס אויסצושטעלן אויף א וועג אז אלעס זאל פארן ווי א באן, אז יעדער זאל וויסן וואס ער האט צו טון. ס'מאכט זיך אמאל אז איינער איז נישט עוועילעבל אדער מיר זעען אז עס איז אנגעשטרענגט און עס קומען אריין מער קאללס ווי געווענליך, וועלן מיר אויסשטעלן וועלכע דיספעטשער זאל זיין גרייט איבערצונעמען ווען מ'דארף אא"וו.

די זעסט דא אליינס דעם שיינעם אפיס, דא זיצן רוב פון די דיספעטשערס און ענטפערן קאלס אין שיפטס פון צוויי-דריי שעה, און געוויסע וועלן אפילו טון לענגערע שיפטס פון פיר שעה. אזוי אויך האבן מיר אוועקגעשטעלט אז געוויסע דיספעטשערס זאלן קענען זיצן אינדערהיים און פון דארטן דיספעטשן אן דארפן אריינקומען אין אפיס.

אין א געווענליכע טאג וועט זיין גענוג אז איין דיספעטשער זיצט און הייבט אויף דעם פאון, און נאך איינער איז גרייט אויב ס'קומט אריין נאך א רוף. טאמער עס מאכט זיך ח"ו א גרעסערע זאך ווי צב"ש אן עקסידענט, א גרויסע פייער אא"וו, וועלן געווענליך אריינקומען צענדליגער קאלס פאר דעם זעלבן עמערדשענסי, און די דיספעטשערס וועלן זיך איינטיילן, איינער וועט זיך אפגעבן מיט'ן קאל, און דער צווייטער וועט זיכער מאכן אז צווישן אלע אריינרופער איז נישטא קיין נייע קאלס, און טאמער ח"ו יא, וועט ער זיך אפגעבן דערמיט.

אויב דו ווילסט הערן מער איבער וויאזוי דער סיסטעם ארבעט קענסטו כאפן א שמועס מיט'ן בארימטן איש החסד והצלה הרה"ח ר' בעריש שעהנברון, וואס ער, צוזאמען מיט העסקן היקר מו"ה שלום יצחק הערשקאוויטש, האבן אריינגעלייגט שווערע כוחות אהערצושטעלן דעם גאנצן סיסטעם אזוי סאפיסטיקירט.

# סאפיסטיקירטע באהאנדלונג

מיר באדאנקען זיך פאר די צוויי וואלונטירן, ר' יואל מיט ר' יוסף פאר'ן וועקגעבן אפאר מינוט פון זייערע טייערע צייט צווישן איין קאל אינעם צווייטן, און מיר גייען יעצט אריבער צו ר' בעריש שעהנברוין, צו הערן מער וויאזוי דער סאפיסטיקירטע סיסטעם איז צושטאנד געקומען.

■ **א גוט יאר ר' בעריש, ווי איך פארשטיי זענט איר אויך איינער פון די דיספעטשערס?**

מיין טיטל איז אייגנטליך "קאמיוניקאציע דירעקטאר", דאס הייסט, איך בין באאויפטראגט איבער אלעס וואס האט צו טון מיט קאמיוניקאציע, צי צווישן די דיספעטשערס און די מעמבערס, דער טעלעפאן סיסטעם, א וועג פאר די מעמבערס צו קאמיוניקירן צווישן זיך און מיט די קאארדינעיטארס או"וו. א גרויס חלק פון אלע אפעראציעס אינערהאלב הצלה האט צו טון מיט קאמיוניקאציע, און דאס איז מיין אויפגאבע.

אויסער דעם בין איך שוין א הצלה מעמבער פאר ארום דריי-און-צוואנציג יאר. איך בין אריין אין הצלה ווייל איך האב געזען אז איך פארמאג אביסל איבריג צייט, האב איך באשלאסן דאס וועקצוגעבן אויף צו העלפן אידישע קינדער.

אין די ערשטע תקופה ווען איך בין אריינגעקומען אין הצלה, איז קרית יואל נאך געווען א קליין שטעטל, עס פלעגט נישט אריינקומען אזוי אפט קיין קאלס, האט מען זיך באגענוגענט מיט'ן אראפשרייבן אלע אינפארמאציע מיט פענע און פאפיר, און די גאנצע סיסטעם איז געווען פרימיטיוו און צוריקגעשטאנען, אבער דעמאלט האט מען נישט געדארפט עפעס בעסער פון דעם.

צוביסלעך האט זיך קרית יואל מער און מער פארשפרייט, און די שטאט האט אנגעהויבן צו וואקסן מיט א שנעלן טעמפא, און ליידער איז דער פארלאנג פאר הצלה אויך מיטגעוואקסן און מ'האט זיך געטראפן ספראווענען מיט מערערע רופן, און אן קיין גוטע קאמיוניקאציע איז דאס ממש כאאס. דער טעלעפאן סיסטעם איז געווען א געהעריגע טעלעפאן מיט דריי ליניעס און איינס איז געווען געפאווערד צום נעקסטן, בקיצור איך האב געזען אז עס קען נישט אזוי ווייטער אנגיין, מ'מוז וויכטיג מאכן שינוים.



די ערשטע זאך וואס איך האב געטון איז געווען אוועקשטעלן א גרעסערע סיסטעם וואס האט שוין בעסער באהאנדלט אסאך פעלער ווען עטליכע רופן זענען אריינגעקומען אויפאיינמאל, און עס האט אויפגעכאפט אויב ס'האט זיך אמאל געמאכט אז מ'האט פארפאסט א רוף. נאכדעם האב איך מיך גענומען צו די ארבעט פון אהערשטעלן א פרישע דיספעטשינג סאפטוועיר, און פאר דעם האב איך געהאט אויפגענומען דעם געטרייען עסקן מו"ה שלום יצחק הערשקאוויטש, א פראפעסיאנאלער קאוד-שרייבער, און צוזאמען האבן מיר ערפינדן א נייעם געלונגענעם פראגראם.

דער נייער פראגראם האבן מיר ספעציעל דעזיינט אז אלע סיסטעמען זאלן זיין פארבינדן איינס מיט'ן אנדערן, אלעס אפערירט ווי איין סיסטעם. ב"ה אז דער פראגראם האט זיך מורא'דיג אויסגעארבעט און היינט ווערט עס שוין באנוצט דורך פילע הצלה אגענטורן איבער די פאראייניגטע שטאטן.

מיר האבן אויך געטוישט די ראדיאוס וואס נוצן רעדיא-שטראלן וואס האט געהאט א שוועריקייט מיט'ן דעקן גרויסע שטחים, און מיר האבן עס איבערגעטוישט אז עס זאל נוצן סעלפאן סיגנאלן וואס קענען גיין פיל ווייטער און קאסט ווייניגער.

מיט די צייט בין איך אליינס געווארן א דיספעטשער און איך נעם כסדר שיפטס און ב"ה מ'האט די זכי' צו העלפן אידישע קינדער. עווענטועל בין איך געשטעלט געווארן איבער דער דיספעטשער אפטיילונג, וואס נעמט אריין צו אויסשטעלן די שיפטס, אויפנעמען נייע דיספעטשערס און זיכער מאכן אז זיי טויגן צו די ארבעט או"וו.

איך האב אויך א ביהמ"ד ביי מיר אין שטוב, און דורכאויס די צייטן וואס מ'דאוונט בין איך דער וואס נעמט אויף קאלס ביי מיר אינדערהיים.

זייער אינטערעסאנט און אינפארמאטיוו.

■ **יעצט לאמיר הערן, וויאזוי ארבעט פאקטיש ווען דער דיספעטשער באקומט אריין א קאל?**

אזיווי געשמועסט, די סיסטעם איז זייער סאפיסטיקירט און עפ"י רוב וועט עס אויפכאפן אויף דעם קאלערס-אדרעס, און דער דיספעטשער וועט נאר איבערפרעגן צו קאנפירמען. מיר האבן אויך אויסגעשטעלט דעם סיסטעם אז





"אפט מאל מאכט זיך אז א מענטש דייעלט בטעות די נומבער פון הצלה, צי וויל עס איז געסעיווט אין די ספיד-דייעל אדער פאר אנדערע סיבות, און ווען דער מענטש זעט אז ער האט בטעות גערופן הצלה געבט ער תיכף א האק-אראפ דעם טעלעפאן, אבער וואס ער כאפט נישט איז, אז הצלה וויל נישט פארפאסן קיין שום רוף, און אויב איינער האקט אראפ וועט דער דיספעטשער האבן אן עול אז ער דארף יעצט צוריקרופן צו פארזיכערן אז עס איז נישט קיין עמערדשענסי, משא"כ אויב ווארט מען ביז דער דיספעטשער הייבט אויף, און מ'זאגט 'אנטשולדיגט עס איז געווען א טעות', ווייסט דער דיספעטשער אז מ'דארף זיך נישט אפגעבן מיט דעם קאל."



אין פאל דער דיספעטשער דארף אליינס ארייינלייגן דעם אדרעס, גייט עס מורא'דיג שנעל און גרינג און דאס האלט נישט אויף דעם פראצעדור.

מיר האבן עקסטער אריינגעלייגט שווערע כוחות צו טרענירן די דיספעטשערס און זיי ווייסן פונקטליך וויאזוי צו רעאגירן צו יעדן פאל מיט א פראפעסיאנאליזם. תיכף ווען מ'קאנפירמד דעם אדרעס וועט עס דער דיספעטשער ארויסשיקן און ער וועט זאגן וויפיל מעמבערס עס פעלט זיך אויס, און צי מ'דארף שיקן אן אמבולאנס וכדו', און דער ערשטער מעמבער וואס איז עוועילעבל וועט אננעמען דעם קאל.

א גרויסן יישר כח ר' בעריש.

## ווייטערדיגע באזוך ארום די קארידארן פון חברה הצלה

צוריק צו אונזער באזוך אינעם הצלה גאראדש. ר' יואל גראס און ר' יוסף בלומענטאל האבן אונז גערנהארציג ארומגעוויזן נאך עטליכע אינטערעסאנטע מאשינען און עקוויפמענט אויף וואס הצלה שפארט נישט קיין געלט, צו פארזיכערן די העכסטע הידורים ווען ס'קומט צו הצלת נפשות ישראל.

"אז מ'רעדט שוין, וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט", זאגט אונז ר' יוסף.

# The Primary Care That Cares For Our Community.




exotic • team

Our community-focused primary care practice is led by experienced physicians who prioritize patient satisfaction. The state-of-the-art facility offers extended hours and walk-in services for convenient access. with our free transportation service, ample parking, excellent team, we ensure efficient, seamless care, allowing patients to be seen promptly with minimal wait, reflecting our commitment to a family-centered approach.

**Nestwell** Family Health

745 RT 17M #103
MONROE NY 10950
845.782.4000
NESTWELLHEALTH.ORG

*Primary Care*
*Acute Care* *Specialty Care*

# דער נייער פראגראם האבן מיר ספעציעל דעזיינט אז אלע סיסטעמען זאלן זיין פארבינדן איינס מיט'ן אנדערן, אלעס אפערירט ווי איין סיסטעם. ב"ה אז דער פראגראם האט זיך מורא'דיג אויסגעארבעט און היינט ווערט עס שוין באנוצט דורך פילע הצלה אגענטורן איבער די פאראייניגטע שטאטן.

"אפט מאל מאכט זיך אז א מענטש דייעלט בטעות די נומבער פון הצלה, צי ווייל עס איז גע'סעיווט אין די ספיד-דייעל אדער פאר אנדערע סיבות, און ווען דער מענטש זעט אז ער האט בטעות גערופן הצלה געבט ער תיכף א האק-אראפ דעם טעלעפאן, אבער וואס ער כאפט נישט איז, אז הצלה וויל נישט פארפאסן קיין שום רוף, און אויב איינער האקט אראפ וועט דער דיספעטשער האבן אן עול אז ער דארף יעצט צוריקרופן צו פארזיכערן אז עס איז נישט קיין עמערדזשענסי, משא"כ אויב ווארט מען ביז דער דיספעטשער הייבט אויף, און מ'זאגט 'אנטשולדיגט עס איז געווען א טעות', ווייסט דער דיספעטשער אז מ'דארף זיך נישט אפגעבן מיט דעם קאל."

ר' יוסף האט אונז אויך ארומגעוויזן אלע צימערן וואו מ'האלט סטאַרעדזש פון אלע ערליי כלים און עקוויפמענט צו האבן גרייט על כל צרה שלא תבוא.

רעדנדיג פון הצלה קאלס איז אונז ר' יוסף מסביר, אז ווען די מעמבערס זענען אויף א סצענע פון אן עמערדזשענסי וועלן זיי זיך פארבינדן מיט'ן באריימטן עסקן ומומחה בעניני רפואה הרה"ח ר' יצחק שלמה פאלאטשעק, וואס ער איז מורא'דיג באקאנט און אויסגעקאכט מיט די שפיטעלער און ער וועט פסק'ענען צו וועלכע שפיטאל מ'זאל טראגן דעם פאציענט אין דעם פאל.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך פארציילט אונז ר' יוסף, אז די דיספעטשערס פון הצלה דיספעטשן אויך פאר מצילי אש, מצוה גוררת מצוה, וויבאלד זיי זענען פיין טרעניִרט צו הענדלען אזא פארצווייגטע און האקעלע אפאראט.

צום שלוס פונעם הערכסט-אינטערעסאנטע באזוך באדאנקען מיר זיך הארציג פאר די אלע אנשי החסד ומצילי נפשות, הרה"ח ר' בעריש שעהנברוין, הרה"ח ר' יוסף בלומענטאל און הרה"ח ר'יואל גראס, און פאר אלע אנדערע וואס האבן אונז ארויסגעהאלפן מיט אינפארמאציע לזכות את הרבים.

מיט איבערגענומענע הרגשים פארלאזן מיר דעם הצלה הויפטקווארטיר פון וואו די הצלת נפשות אפעראציעס ווערן אנגעפירט, ארויס צוריק צו די רואיגע קרית יואל'ער גאסן וואו מ'שפירט בעזה"י פארזיכערט מיט די אנוועזנהייט פון אזעלכע געטרייע און העלדישע הצלה וואלונטירן.

צוריקקוקנדיג אויפ'ן בנין לויפן די מחשבות, ווי אינטערעסאנט ס'איז, פונדרויסן קען זיך דאכטן אז הצלה אפערירט זייער איינפאך, מ'רופט אריין און א מעמבער קומט אראפ, און דא שטייען סתם פארקירט אפאר אמבולאנסן... אבער פון הונטער די קוליסן אנטפלעקט זיך דא א פולע וועלט מיט פילצאליגע העפטיגע אקטיוויטעטן וואס ווייניג איינוואוינער און בייפארער כאפן אויף. ■

## קאמיוניקאציע צימער











# תורה מגנא ומצלא

הרה"ג רבי יואל יצחק שטערן שליט"א
דומ"ץ דינוב ומו"ץ בקהלתינו הק'
שליחו הנאמן פון הגאון האדיר הדומ"ץ
שליט"א בעל אגלי דבש

שמואל אייכנשטיין

■ **שואל: אויב מ'מעג פרעגן, ווען האט זיך אנגעהויבן דער קשר פונעם דיין שליט"א מיט די חברה הצלה?...**

דאס ערשטן מאל וואס איך האב געהאט א שייכות מיט "חברה הצלה" איז מן הסתם ווי אלע אידן אין קרית יואל... א קינד אין שטוב האט זיך נישט גוט געשפירט, ס'האט נישט אויסגעקוקט גוט, און וואס טוט מען אין אזא פאל? מ'האט גלייך גערופן "הצלה". ס'איז געווען אום שבת קודש, און מ'האט געמוזט אריינפארן אין שפיטאל. נאכ'ן זיין א שטיק צייט אין שפיטאל איז שוין ב"ה אלעס געווען מסודר, און מ'זעמיר אהיימגעקומען אום שבת.

א טאג דערויף האב איך דאס איז איבערגעשמועסט מיט א חשוב'ן רב. האט ער מיר אויפמערקזאם-געמאכט, אז טראץ וואס איך האב לכאורה געמעגט אהיימקומען, איז עס נישט אזוי פשוט. ס'איז פארוויקלט מיט פארשידענע שאלות, און מען דארף וויסן וואס און ווען.

יעדער פארשטייט אז ס'איז נישט געווען דאס ערשטע מאל און זיכער נישט דאס לעצטע וואס עס קומט אויס פאר אידן אריינצופארן אום שבת אין שפיטאל. אזעלכע זאכן מאכן זיך כסדר, און איך האב געטראכט צו מיר, אז ס'וואלט געווען א גוטער געדאנק צו מאכן א קונטרס מיט די פונקטליכע הלכות פון די סארט שאלות, אז יעדער זאל וויסן וואס מ'האט צו טון.

שפעטער האט מען טאקע ארויסגעגעבן א קונטרס פון די הלכות, פון וואס אידן באקומען א שטארקן קלארקייט אין די וויכטיגע הלכות.

■ **שואל: אבער וויאזוי האט זיך אנטוויקלט אז מען איז געווארן דער אפיציעלער מורה הוראה פון חברה הצלה?**

חברה הצלה צייכנט איצט אפ "פופציג יאר" זינט איר התייסדות. במשך אלע יארן איז הצלה געשטאנען אונטער דער עינא פקיחא פון הגאון האדיר הדומ"ץ שליט"א וועלכער טראגט דעם אחריות ביז צום היינטיגן טאג, ועל פיו ישק כל דבר.

אבער אזויפיל האט זיך געמאכט אינצווישן אז קרית יואל איז ב"ה נישט געבליבן שטיין וואו עס איז געשטאנען ביי פופציג יאר צוריק... קרית יואל איז ב"ה אויסגעשטיגן אן עיר ואם בישראל, און די שטאט וואקסט כסדר. די שאלות ביים דיין שליט"א ווערן כסדר נתרבה, אריינגערעכנט אויך די שאלות פון חברה הצלה וואס וואקסט – כמובן – מיט מיטן כסדר'דיגן וואוקס פון די שטאט.

אויסער דעם, טאקע צוליב דעם אחריות אויף די שטאט בכלל און אויף חברה הצלה בפרט, האט דער דיין שליט"א געזען פאר וויכטיג ממנה צו זיין א באזונדערן כח ההוראה פאר די חברה הצלה. ס'איז געווען בערך צוואנציג יאר צוריק ווען דער דיין שליט"א האט מיך אריבערגערופן, און ער האט מיר געזאגט "איך שטעל זיך פאר אז די מעמבערס זענען נישט געגנוג באקוועם מיך צו רופן פרעגן אויף יעדע קלייניגקייט, און דער מציאות איז אז אויב פרעגט מען נישט ווייסט מען נישט! עס מאכן זיך פראבלעמען". האט דער דיין שליט"א געבעטן אז מען זאל צושטיין לימינו, אז די הצלה-מעמבערס זאלן האבן איינעם וואס איז אפיציעל ממונה, ביי וועמען זיי זאלן זיין באקוועם צו פרעגן יעדע שאלה וואס עס זאל זיך נאר נישט מאכן.

אזוי האט מען אנגעהויבן צו פסק'נען שאלות פאר די מעמבערס פון די חברה הצלה. מ'איז געווען, און מען איז ווייטער כסדר אין נאנט פארבינדונג מיט הגאון הדומ"ץ שליט"א. אלעס ווערט דורכגעשמועסט מיטן דיין שליט"א, און לויט זיינע הכרעות און הדרכות פסק'נט מען די שאלות פאר די חברים פון חברה הצלה. ביי פארשידענע יסודות'דיגע שאלות, גייט מען אריין בקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א, מען שמועסט דאס אויס, און דער רבי' שליט"א האלט מיט אלע אנטוויקלונגען פון די חברה הצלה מיט א געוואלדיגן אחריות אויף די שטאט.

ב"ה אז היינט איז שוין דא אן אויסגעטרעטענער מהלך וויאזוי צו פסק'נען ביי אלע סארט שאלות וואס קומען כסדר אונטער. אויסער דעם, ווען עס קומען פונדאסניי אונטער גרעסערע שאלות, גייט מען עקסטער אריבער צום דיין שליט"א, מען שמועסט דאס איבער, און מען גיט איבער די פונקטליכע הוראות פאר די געטרייע מעמבערס.

■ **שואל: וואס איז דער תפקיד פונעם דיין ביי די חברה הצלה?**

דער עיקר איז דאס וואס מ'האט שוין גערעדט, אז די מעמבערס זאלן זיין באקוועם צו רופן סיי ווען אימער, אנצופרעגן סיי וועלכע שאלה עס קומט נאר אונטער.

איך וועל דערציילן נאר איין פרט פון וואס מען קען אביסל ארויסהאבן וואס פארא סארט אייגנארטיגע שאלות עס קומען אונטער פאר די חברים פון חברה הצלה.

אין שולחן ערוך איז געפסק'נט, אז אום "הושענא רבה" אויב מען האט נישט קיין "הושענות" קען מען נעמען די צוויי ערבות פונעם לולב, און מיט דעם מקיים זיין דעם מנהג פון "הושענות". דאכט זיך אז ווען מען זאל פרעגן סיי וועלכן אנדערן דיין, דאהי אין קרית יואל אדער ערגעץ-אנדערש-וואו צי איינער האט אים שוין אמאל געפרעגט אזא שאלה, אז ער האט נישט מיט וואס מקיים צו זיין דעם מנהג פון הושענות, וועט ער ניטאמאל וויסן פון וואס מען רעדט... ווער האט דען היינט נישט קיין הושענות?... אבער ביי די חברים פון חברה הצלה מאכט זיך דאס. מ'האט געדארפט איינעם אריינפירן אין שפיטאל, און מ'דערזעט זיך הושענא רבה נאכמיטאג אז מ'האט נאכנישט מקיים געווען דעם מנהג. נו, ווייסט מען דאך וואס מ'האט צו טון.

ביי די שבע ברכות בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו וועלכן די חברים פון חברה הצלה זענען געווען די פערזענליכע אורחים פון רבי'ן שליט"א, האב איך צווישן אנדערן פארציילט פאר'ן רבי'ן שליט"א פון די שאלה. עס האט גוט ארויסגעברענגט דאס געטריישאפט פון די מעמבערס, ביי וועמען עס איז נישט דא קיין טאג און קיין נאכט, קיין שבת קיין יו"ט ווען מען איז נישט גרייט צו לויפן אויף הצלת נפשות.

דאס איז נאר א קליינע דוגמא פון זייער זייער אסאך אנדערע אזעלכע סארט שאלות צו וואס די חברים פון חברה הצלה זענען ספעציעל אויסגעשטעלט אז עס זאל זיי אונטערקומען. טאקע צוליב זייער געטריישאפט, ווען עס איז ביי זיי נישט דא קיין זמן ווען זיי זענען "נישט" גרייט צו לויפן אויף הצלה-קאלס, טאקע צוליב דעם קומט אויס אז זיי האבן אסאך אייגנארטיגע שאלות וואס מאכט זיך געווענליך נישט ביי קיינעם. אזעלכע שאלות אז מען דערזעט זיך פורים-נאכמיטאג נאך איידער מ'האט געהערט די מגילה, צו אז מען טרעפט זיך פסח פארטאגס

# תורה מגנא ומצלא

און מען גערענקט שוין פשוט נישט וואו מען געהאלטן ביים סדר איידער מען איז געלאפן צו די "קאל" וואס מ'האט געהאפט אז נאך אפאר מינוט וועט מען קענען זיין צוריק מיט די משפחה, אבער למעשה האט זיך עס פארצויגן עטליכע שעה, און מען ווייסט פשוט נישט צו מען דארף נאך טרונקן דעם דריטן כוס, אדער האלט מען אפשר נאך פאר'ן אפיקומן... פון שולחן עורך איז אפגערעדט אז מען לאזט דאס שוין אויף צומארגענס...

■ **שואל: יעדעס מאל ווען עס מאכט זיך אזא שאלה דארף מען עקסטער רופן דאס אנצופרעגן?**

ניין, ווייל מ'האט שוין איינגעשטעלט א געניטן סדר וויאזוי צו פארזיכערן בעזהשי"ת אז די מעמבערס זענען שוין פון פאראויס צוגעגרייט צו וויסן וואס מען האט צו טון. נאך יארן צוריק האט הגאון הדומ"ץ שליט"א איינגעשטעלט דעם סדר, אז יעדע שטיק צייט האט ער פארגעלערנט שיעורים פאר די חברים פון די חברה הצלה, ביי וועלכן ער האט אויסגעשמועסט אלע הלכות וואס איז ספעציעל נוגע פאר די חברים, סיי אויף במשך די גאנצע וואך, סיי אויף שבתים וימים טובים, און סיי-ווען אימער.

מיט די צייט ווען די שטאט האט זיך ב"ה פארגרעסערט, איז די צייט שוין נישט מספיק פאר'ן דיין שליט"א אליינס פארצולערנען די שיעורים. לערנט מען ווייטער פאר די שיעורים תמידין כסדרן, און דער דיין שליט"א פאדערט שטארק פון די מעמבערס אז מען זאל מיטהאלטן די שיעורים.

עס זענען דא רעגלמעסיגע שיעורים, און אויסער דעם איז פאר יעדן יו"ט דא עקסטערע שיעורים. מען גייט דורך אלע הלכות, מען שמועסט אויס אלע שאלות וואס האט זיך שוין געמאכט בעבר, און אויסער דעם שמועסט מען אויס די פרישע שאלות אויף וואס מען האט אנגעפרעגט דעם פריערדיגן יאר. מען פארשטייט אזוי אויב עס מאכט זיך א שאלה ביי איינעם, קענען אזעלכע שאלות זיך אויך מאכן ביי אנדערע, און מען קלארט אויס פאר די מעמבערס צו וויסן קלאר וואס מען האט צו טון.

טאקע צוליב דעם וויסן די מעמבערס, אז יעדע מינדעסטע שאלה וואס עס מאכט זיך נאר, קומט מען אנפרעגן, אזוי אז מען זאל דאס קענען מברר זיין, אויסשמועסן און איבערגעבן פאר די אנדערע חברים וואס מען האט צו טון אין אזא פאל.

אויסער דעם גרייט מען צו פאר יעדן יו"ט א פונקטליכע רשימה מיט די וויכטיגע הלכות וואס עס קען נוגע זיין ספעציעל פאר די חברים פון די חברה הצלה, אזוי אז מען זאל דאס האבן אויפן פלאץ בשעת מעשה ווען די שאלה איז נוגע, און מען ווייסט וואס מען האט צו טון.

■ **שואל: הייסט אז דער עיקר וואס מען דארף באגלייטן די הצלה-מעמבערס, איז פאר יעדן יו"ט אדער יומא דפגרא?**

ניין. שאלות מאכן זיך יעדן טאג. דא א מעמבער וואס איז גאנץ אינדרפרי' געלאפן אויף א קאל, און ווען ער קומט אן אהיים איז שוין נאך חצות, וואס טוט מען מיט תפלת שחרית? וואס דארף מען קודם דאווענען, שחרית צו מנחה? און ווען איינער האט אינמיטן דאווענען געגעבן א טוה אויס די תפילין און איז געלאפן אויף א קאל, דארף מען ביים צוריק אנטון די תפילין, נאכאמאל מאכן א ברכה. צי אז איינער איז געלאפן אויף א קאל אינמיטן עסן, פאר'ן בענטשן, ווילאנג נאכדעם קען מען נאך בענטשן, און אזוי אלע סארט שאלות וואס מאכן זיך כסדר.

אויף דעם איז ב"ה אויך שוין דא א



קלארער מהלך וואס מען שמועסט כסדר אויס ביי די שיעורים, און עס איז פארשריבן אויף די קונטרסים וואס מ'האט צוגעגרייט פאר יעדן.

**■ שואל: ווען איז די מערסט-פארנומענע צייט מיט שאלות?**

שאלות קומען כסדר אונטער, אבער זייער אסאך שאלות קומען אריין פרייטאג, ווען עס איז שפעט נאכמיטאג, און מען טרעפט זיך אויפן וועג אהיים, ווען דער דזשי פי עס צייגט אז מען וועט אנקומען ממש ביי די שקיעה. דאס קען דאך געוויס אויך מיינען אז מען וועט אנקומען שוין עטליכע מינוט נאך די שקיעה, און מען איז יעדעס מאל עקסטער דן צו מען קען אליינס קומען אדער דארף מען שיקן א גוי וואס זאל אפנעמען דעם הצלה-מאן.

אויסער דעם זענען דא אנדערע אידן וואס קומען פלוצים אן אין שפיטאל פאר שבת, און מען ווערט פלוצים באפאלן מיט אזויפיל שאלות. מען פרעגט ביי די הצלה וואס צו טון. זיי וויסן אבער אז זייער פליכט איז הצלת נפשות, און שאלות בהלכה הייסן זיי אנפרעגן ביי א מורה הוראה. זייער אסאך מאל קומען די שאלות אן צו אונז, און מען איז פארנומען צו ענטפערן אלע סארט שאלות, הלכה'דיגע ווי טעכנישע צוגלייך, וויאזוי מען קען צינדן ליכט, וויאזוי מען קען האלטן ווארעמס און נאך און נאך וואס עס מאכט זיך אלס ביי חולים ומשמשיהם אין שפיטאל.

**■ שואל: וויאזוי גייט עס צו מיט פרישע מעמבערס וואס ווערן אויפגענומען אין חברה הצלה?**

איינס פון די טרעינירונגען וואס נייע מעמבערס גייען דורך, איז אויך איבער די הלכות וואס מען דארף וויסן. מיט יעדן נייעם מעמבער האט מען פריוואטע שיעורים, און מען גייט פונקטליך איבער הלכות וואס איז נוגע, וואס דאס איז – כמובן – אויסער דעם וואס די נייע מעמבערס האלטן מיט אלע עפענטליכע שיעורים וואס מען גיט איבער פאר אלע מעמבערס צוזאמען, און דאס איז טראצדעם וואס פון אנהייב ווען מען קומט אריין אין הצלה איז דאס נאכנישט אזוי ווייט נוגע.

הצלה לייגט א שטארקן געוויכט אז די מעמבערס זאלן זיין פראפעסיאנאל און גוט טרעאינירט. דעריבער איז איינגשטעלט א סדר, אז מען ווערט קודם נאר אויפגענומען אלס א בעק-אפ מעמבער, און מיט די צייט ווען מען באקומט ערפארונג ווערט מען אויפגענומען אלס אן אפיצעלע מעמבער.

משום חומרא דשבת האט מען בפקודת הגאון הדומ"ץ שליט"א איינגעשטעלט דעם סדר, אז א מעמבער וואס איז נאכנישט גענוג צייט אין אמט, קען נישט לויפן אויף קיין קאלס אום שבת. ס'איז ביי זיי א נייע ערפארונג אין לעבן, און מען פארשטייט אז ווען מען האלט אנהייב, ווען מען קומט אריין אין די ארבעט, לערנט מען זיך נאך דעם עצם אמט פון לויפן אויף הצלה-קאלס, עס איז נאך שווער צו געדענקן די פונקטליכע הלכות וואס מען מעג יא אדער נישט טון אום שבת, און דעריבער איז איינגעשטעלט אז ביז א געוויסע צייט וואס איז באשטימט ביי הצלה, קען א נייער מעמבער נאכנישט לויפן אויף קאלס אום שבת.

נאר ווען א מעמבער איז שוין דורך גענוג צייט פון אקטיוו גיין אויף רופן, נעמט מען צונויף די פרישע מעמבערס וואס הייבן שוין אן צו לויפן אויך אום שבת, מ'גייט נאכאמאל דורך אלע יסודות. נאכדעם איז דא א שטיקל בחינה וואס די מעמבערס דארפן נעמען, וואס





**א מעמבער וואס איז נאכנישט גענוג צייט אין אמט, קען נישט לויפן אויף קיין קאלס אום שבת. ס'איז ביי זיי א נייע ערפארונג אין לעבן, עס איז נאך שווער צו געדענקן די פונקטליכע הלכות וואס מען מעג יא אדער נישט טון אום שבת,**

אזוי ווייסט מען אז זיי זענען גענוג קלאר מיט אלע הלכות.

■ **שואל: מ'הערט צומאל מענטשן זיך אפרעדן, אז לויט זייער בליק האבן די חברים פון חברה הצלה נישט געטון ריכטיג וואס ס'איז אויסגעהאלטן עפ"י הלכה. איז דאס ריכטיג?**

זייער נישט ריכטיג! איך האלט דאס כסדר מיט, ווי די חברים פון די היזיגע חברה הצלה נעמען אזוי ערענסט דאס חזר'ן די הלכות, נישט וויניגער ערענסט ווי איבערגיין נאכאמאל און נאכאמאל די קלאסן וואס מען דארף קענען ביים לויפן צו אן הצלה-קאל. אזוי אז די חברים פון חברה הצלה ווייסן גענוי וואס זיי האבן צו טון אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן עפ"י הלכה, און זייער ווייניג הערט מען צוריק אז איינער האט געטון עפעס שלא עפ"י דין. אפילו מען הערט יא עפעס צוריק, שטעלט זיך בד"כ ארויס אז דער וואס איז מעורר האט פשוט נישט געקענט די הלכה, אבער די חברים ווייסן יא, טאקע צוליב דעם וואס מען חזר'ט דאס כסדר, איז עס ביי זיי זייער קלאר וואס מען האט צו טון.

אוודאי, טעותים קענען זיך מאכן, און אז מען הערט עפעס צוריק א זאך וואס איז נישט געווען אויסגעהאלטן, איז מען מעורר פערזענליך, מען ברענגט עס נאכאמאל אויף ביי די קומענדיגע שיעורים, כדי נאכאמאל איבערצו'חזר'ן דעם נושא אז עס זאל נישט קומען צו קיין מכשולות.

אבער זייער אסאך מאל מאכט זיך אז מענטשן רופן אריין פשוט מחמת חוסר ידיעה. נישט לאנג צוריק איז געווען, אז א איד האט אנגערופן מיט טענות אויף חברה הצלה. ער האט פארציילט אז ער האט געהאט אביסל בויך ווייטאג און ער האט גערופן חברה הצלה. "צוויי מעמבערס זענען געקומען מיט א קאר אום שבת. סתם פאר אביסל בויך-ווי האבן זיי מחלל שבת געווען?". האט מען יענעם געפרעגט "וואס איז טאקע געווען די סיבה פאר די בויך ווי?" דערציילט ער אז ער האט "א שטיין אין די קידני". האט מען אים געזאגט "דו ווייסט אז א קידני-שטיין איז א סכנה?" האט ער געענטפערט אז ס'איז נישט אמת און ס'איז בלויז יסורים.

האט מען אים קלאר-געשטעלט, אז עס קלאר גע'פסק'נט אז יעדע מכה אין אן אבר פנימי איז א סכנה. דאס איז אויסער דעם וואס במציאות איז עס קלאר אזוי, אז א "קידני שטיין" קען חס ושלום פארשטאפן געוויסע טיילן פונעם קערפער, און עס קען ח"ו זיין פקוח נפשות ממש. ער האט דערציילט אז אין שפיטאל האט מען אים בלויז געגעבן אביסל מעדעצין און מ'האט אים גלייך אהיימגעשיקט... האט מען אים געזאגט, אז טאקע זאגט ער מיר "מ'זעט אז עס איז גארנישט ווייל איך בין געווען אין שפיטאל און מען האט געגעבן א מעדעצין און מיר גלייך אהיים געשיקט". האב איך אים געזאגט אז ער דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם ווייל ווען נישט ח"ו וויל מען נישט אויספירן.

דאס זעלבע מאכט זיך ווען חשוב'ע מורי הוראות שליט"א פון דאהי אדער פון אנדערע מקומות רופן אן, און מען מערקט אויף אויף פארשידענע זאכן וואס זיי האלטן אז ס'איז נישט אזוי אויסגעהאלטן. יעדע הערה פון א מורה הוראה ווערט אויפגענומען מיטן פולסטן ערענסטקייט, און אין פאל מען זעט אז ער זאגט עפעס דברים של טעם, גייט מען אריבער צום דיין שליט"א, מען שמועסט דאס נאכאמאל אויס, אדער אויב איז דאס אן השקפה'דיגער נושא, גייט מען אריבער צום

רבי'ן שליט"א און מען שמועסט דאס אויס. מען הערט די פונקטליכע הוראות און לויט דעם באשטימט מען צו מען זאל דאס לאזן אזוי, אדער געבן אן אנדערע הוראה פאר די הצלה-מעמבערס.

זייער אסאך מאל מאכט זיך ביי פארשידענע נושאים, אז ס'איז א מחלוקת הפוסקים וויאזוי מען פסק'נט ביי דעם דין, און דער דיין שליט"א איז מכריע בדעת תורתו הגדולה, וויאזוי מען נעמט אן ביי דעם פאל.

ביי אסאך פון די שאלות דארף מען בעיקר זיין מיט אלע טעכנישע חלקים. דאס שמועסט מען קודם איבער מיט די חברים פון חברה הצלה. נאכדעם גייט מען איבער מיטן דיין שליט"א אלע פרטים, וואס אזוי הערט מען דעם קלארן פסק הלכה פונעם דיין שליט"א וויאזוי זיך צו פירן ביי די סארט פעלער וואס עס קומען אונטער.

■ **שואל: הייסט אז עס זענען אויך דא גאר ערנסטע פיקוח נפש שאלות אויף וואס מען פרעגט אן.**

דער אמת איז, אז ווען עס קומט צו גאר ערנסטע שאלות, למשל א שאלה צו מען זאל ארויפצולייגן אויף א רעספערעיטער אדער אזוינע זאכן, דאס פסק'נט מען נישט אליינס. דאס לאזט מען פאר גרעסערע צו פסק'נען.

אבער ביי די מעמבערס אליינס קענען זיך אויך מאכן פארשידענע שווערע פיקוח נפש שאלות, למשל, זענען ביי א רוף און מען וויל וויסן אויב על פי הלכה דארף מען אריינגיין אין שפיטאל אדער מען קען לאזן דעם פאציענט אינדערהיים, און נאך אזעלכע סארט שאלות.

אויף דעם איז געווענליך שוין דא דער אויסגעטרעטענער מהלך וואס הגאון הדומ"ץ שליט"א האט אוועקגעשטעלט, און לויט זיינע פסקים איז שוין אראפגעשטעלט געווארן א קלארער מהלך וויאזוי מען באגייט זיך ביי יעדן פאל באזונדער.

מען פארשטייט אליינס, אז ווען א הצלה-מעמבער געפונט זיך ביי איינעם אין שטוב, איז דאן נישט דאס מערסטע צוגעפאסט, דאן צו רופן א דיין פרעגן וואס מען האט צו טון. עס איז קען זיין פעלער פון ספק פיקוח נפש וואס יעדע מינוט קען אויסמאכן א חילוק, און נישט אלע איז די צייט צוגעפאסט צו קענען דעמאלט פרעגן. אבער טאקע צוליב דעם האט מען שוין אוועקגעשטעלט דעם מהלך פון די כסדר'דיגע שיעורים. מען שמועסט דאס כסדר אויס, אז ווען עס קומט לידי מעשה זענען די מעמבערס שוין גענוג קלאר ביי זיך, צו וויסן גענוי וואס מען האט צו טון ביי יעדן פאל באזונדער.

אין פאל וואס עס מאכט זיך שבת א שווערע שאלה, ווייסט דער מעמבער אז ער מוז מחלל שבת זיין, און מען דארף נישט רופן דעם דיין.

איינמאל א יאר ווען עס קומען יא אונטער מער-ערנסטע שאלות וואס מען דארף עקסטער מברר זיין, איז פאר "יום כיפור" ווען מענטשן פרעגן אן שאלות בנוגע "פאסטן" וואס אויך ביי דעם האט הגאון הדומ"ץ שליט"א שוין אוועקגעשטעלט א קלארן מהלך וויאזוי צוצוגיין דערצו. עס האט אסאך צו טון וואס דער דאקטאר זאגט, און לויט דעם ענטפערט מען די קלארע שאלות.

■ **שואל: אז מען רעדט שוין. איז דא עפעס וואס מען קען איבערגעבן עפעס פאר'ן ברייטן ציבור תושבי קרית יואל, וואס מען דארף וויסן בנוגע חברה הצלה?**

עס זענען דא אסאך וויכטיגע ענינים וואס מען דארף ווען אמאל ברייטער אויסשמועסן. אבער לאמיר אנכאפן צוויי זייער וויכטיגע נושא.

איינס דעם באדייט פון א "ספק פיקוח נפש" וואס אין אזא פאל טאר מען נישט זוכן קיין שום היתרים און קולות. מ'דארף זען וואס פריער צו רופן הצלה. איך גיב נאר איין דוגמא פון א "ספק פיקוח נפש". למשל א קינד איז אראפגעפאלן פון א סווינג, און דאס קינד זעט אויס ווי געהעריג. מען קען נישט אפמאכן אויב מען זאל רופן הצלה. פון איין זייט קען זיין אז א קלאפ אין קאפ קען ח"ו זיין זייער געפארפול. אבער פון דער אנדערער זייט קען מען טראכטן ביי זיך אז מן הסתם איז גארנישט געשען, און לכבוד דעם האלט מען זיך צוריק פון רופן הצלה, ווייל קיינער וויל דאך נישט מחלל שבת זיין. צומאל גייט מען רופן א גוי אז ער זאל רופן, אדער גייט מען אריבער צופיס צום נאנטסטן שכן וואס איז אן הצלה-מאן, און מען רופט אים אריבער.

אבער דאס איז נישט אויסגעהאלטן. עס קען פונקט אזוי זיין אז דער הצלה-מאן איז נישט אנדערהיים, אדער קען זיין אז ער האט נישט זיינע געצייג מיט זיך, און צום סוף ווערט זיין אז מען ווערט לכבוד דעם סייווי מוזן רופן הצלה דורכ'ן טעלפאן אדער דורך די ראדיא, און דא איז אריבער אפאר קריטישע מינוטן וואס קען אויסמאכן א חילוק פון אריינפאלן אין א וודאי פיקוח נפש.

ביי יעדע מינדעסטע ספק וואס מען האט, דארף מען אליינס רופן חברה הצלה. זיי זענען שוין געלערנט אויף דעם, סיי אין פראקטיק און סיי הלכה'דיג, און זיי וועלן שוין וויסן וואס מ'האט צו טון ביי דעם.

דאס זעלבע איז נישט אויסגעהאלטן צו גיין צו פובליק סעיפטי און זאגן האלבע ווערטער. למשל אויב מען האט א קינד אינדערהיים וואס דארף הילף מיט געוויסע טריעטמענטס, און מען רופט פאבליק-סעיפטי פאר דעם, איז דאס זייער נישט אויסגעהאלטן. די פובליק-סעיפטי

## מען קען זאגן אז די מעמבערס זענען א חפץ של מצוה. אסאך מאל איז אין שטוב אנגעצויגן ווען מען ווייסט נישט וואס גייט פאר מיט א קינד אדער מיט אן עלטערן איד, אבער ווען דער מעמבער קומט אריין, אטעמען אלע אפ. דער עצם מציאות פון דעם מעמבער בארואיגט די אידן.

# תורה מגנא ומצלא

איינגעשטעלטע זענען אנגעזאגט אויף דעם, נישט צו קומען העלפן ביי געזונטהייט-ענינים. עס קען ח"ו זייער געפארפול, און איינמאל זיי הערן אז מען רופט זיי אויף די ענינים, וועלן זיי גלייך זיך פארבינדן מיט הצלה. עס איז פיל מער אויסגעהאלטן אליינס צו רופן הצלה, ווי איידער צו גיין דורך די פובליק סעיפטי, ווען מען ברענגט נאר דערמיט, אז נאך אפאר אידן אינדערמיט זאלן דארפן מחלל שבת זיין.

די צווייטע זאך איז אויך גאר וויכטיג: אויב מען ווייסט אז מען האט אינדערהיים א חולה אדער אן עלטערן איד, זאל מען נאך פאר שבת אנפרעגן און מסדר זיין וואס מען האט צו טון, צו זיין קלאר ביי זיך וואס מען מעג יא אדער נישט טון. ס'איז דא זאכן וואס מען קען לייכטערהייט מסדר זיין פון פאראויס, ווי אנצינדן און איינשטעלן געוויסע מאשינען, אדער ענליכע זאכן, וואס מען קען נאך פאר שבת אפשמועסן מיט א גוי אז ער זאל קומען דאס מסדר זיין.

ווען מען רופט אריין צו הצלה, האט חברה הצלה האט נישט קיין רעכט זיך ארומצושפילן מיט א רוף וואס קומט אריין, און ווען מען רופט אריין וועלן פיר אידן פארן אום שבת פאר גארנישט. מען קען אריינרופן בעפאר שבת און אויסארבעטן פון פאראויס אסאך זאכן אז מען זאל נישט דארפן צוקומען צו רופן הצלה אומוויסנדערהייט.

נאך אזאך וואס איז וויכטיג פאר'ן ציבור צו האלטן פאר די אויגן: ווען הצלה קומט צו א קאל אום שבת, דארף מען זיי אויפנעמען מיטן פולסטן רעספעקט. אויב פון א פערזענליכער שטאנדפונקט קוקט אויס אז ס'האט נישט אויסגעפעלט צו קומען, איז זייער נישט אחריות'דיג דאס זיי פארצוהאלטן. געדענקט, די חברים פון חברה הצלה זענען אלע יראים ושלמים, יראי ה' וחושבי שמו, און קיינער פון זיי זוכט נישט ח"ו מחלל שבת צו זיין. אין רוב פעלער איז עס – ווי דערמאנט – אז דער מענטש פאר זיך קען נישט די הצלה-הלכות וואס די חברים קענען יא, און זיי וויסן זייער גוט אז אין דעם פאל האט מען יא געקענט קומען. צי אז זיי האבן געמיינט אז ס'איז פיקוח נפש, אדער האלטן זיי נאך אלץ אזוי, אפילו ווען דער מענטש צו וועמען זיי זענען געקומען איז נישט איבערגעצייגט דערין.

געדענקט, צו זאגן פאר א מעמבער ווען ער קומט אן "דו זאלסט נישט מחלל שבת זיין" איז ממש שפיכות דמים, ווייל עס ווארפט אויף זיי א נאסן ליילך כאילו חילול שבת איז ביי זיי א לייכטע זאך, אין די צייט ווען ס'איז מן ההיפך אל ההיפך. יעדע זאך וואס זיי טוען איז ווייל זיי זענען איבערצייגט אז אזוי דארף מען זיך פירן, ווייל אזוי איז עס אויסגעהאלטן עפ"י הלכה.

**■ שואל: צום שלוס, וואס קען מען עפעס איבערגעבן בנוגע חברה הצלה?**

איך מיין אז מ'האט שוין אלעס געזאגט... איך קען נאר אזויפיל זאגן, ס'איז באמת צום שטוינען פון די חשוב'ע מעמבערס, איינס-ביי-איינס ערליכע אידן ביי וועמען די הלכה'דיגע נושאים פארנעמט דעם אויבנאן פון זייער עבודת הקודש.

עס קומט מיר אויס כסדר צו רעדן צום דיין שליטא, און ער זאגט מיר כסדר "אזוינע ערנסטע און ערליכע וואוילע מעמבערס איז נישטא אין ערגעץ." דאס יראת שמים אין די מעמבערס איז מורא'דיג צום באוואונדערן, און זייער גרייטקייט צו קענען און וויסן אלע הלכות וואס איז נוגע פאר זיי פערזענליך.

דער אחריות וואס די מעמבערס טראגן און די עקספעריענס וואס זיי האבן, איז ממש אן אמת'ער חידוש. און אז מען רעדט שוין מעג מען דאס אויך ארויסברענגען וואס מען האלט כסדר מיט, ווי שטארק די מעמבערס זענען נזהר אין "שמירת הדיבור"... א זאך וואס איז ממש צום באוואונדערן. ס'איז נישט דא אזאנס אז א מעמבער זאל סתם אזוי דערציילן פאר אנדערע, פון א קעיס ביי וועלכן מען איז פערזענליך געווען פארמישט. דאס אלעס בלייבט "סטריקטלי קאנפידענשל" – ווי מען זאגט. דאס איז איינס פון די שענסטע מעלות פון די מעמבערס, און טאקע צוליב דעם האט קיינער האט נישט מורא צו רופן הצלה, ווייל אלע ווייסן אז אלעס בלייבט פריוואט און קיינמאל וועט מען נישט הערן א מעמבער איבערדערציילן ווי ער איז געווען אדער וואס די מעשה איז.

מען קען זאגן אז די מעמבערס זענען א חפץ של מצוה. אסאך מאל איז אין שטוב אנגעצויגן ווען מען ווייסט נישט וואס גייט פאר מיט א קינד אדער מיט אן עלטערן איד, אבער ווען דער מעמבער קומט אריין, אטעמען אלע אפ. דער עצם מציאות פון דעם מעמבער בארואיגט די אידן.

דאס זעלבע איז עס איז מיט די געטריייע חברי הנהלה פון הצלה, וואס ס'איז באמת צום שטוינען ווי זיי שטייען גרייט פיר-און-צוואנציג שעה א טאג אויף סיי וואס קומט אונטער. סיי אז מ'קומט אויס צו זאגן א הערה מצד ההלכה, ווערט עס גענומען מיט'ן גאנצן ערנסטקייט, און סיי אויב מ'דארף זאגן פאר א מעמבער א הערה. אזוי אויך, אויב מען דארף מאכן א וויכטיגע החלטה, רעדן זיי זיך דורך מיט מיר מיט א מורא'דיגע ערנסטקייט.

נישט לאנג צוריק האט מען געהאט א קאנפערענץ מיט די חברי הנהלה בנוגע געוויסע שאלות וואס זענען עומד על הפרק, און עקסטער מיט אלע דיספעטשערס צו הערן פון זיי אויב ס'איז דא זאכן וואס מען קען נאך מער באסער מאכן. אזוי גייט דאס סדר, מען זיצט כסדר מיט זיי איבער אלץ וואס קומט אונטער. רוב פון די באורד זענען עלטער ווי מיר, און רוב דערפון זענען לענגער ווי מיר אין הצלה, אבער ווי נאר מען הערט עפעס וואס מען דארף איינשטעלן, שטעלט מען זיך גלייך צו דערצו מיטן פולסטן ערנסטקייט, אן קיין קווענקל.

עס איז באמת א כבוד פאר קרית יואל צו האבן אזעלכע געטריייע מעמבערס, און נאך מער א זכי' פאר קרית יואל צו האבן אזעלכע חשוב'ע מעמבערס, ביי וועמען "הלכה" פארנעמט אזא וויכטיגן ארט, און מען זעט אז קרית יואל איז באגלייט מיטן כח המשלח פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע אז די הצלה זאל זיין וועקגעשטעלט אויף אזא הויכן סטאנדארט.

**שואל: עס בלייבט נאר איבער צו וואונטשן אז מען זאל ווייטער מצליח זיין צו קענען אנגיין מיט דער עבודת הקודש, און אז די אלע הלכות וואס מען לערנט זאל זיין נאר אויף "להלכה ולא למעשה"... אבער ווילאנג עס איז באשערט זאל מען קענען אויספירן דעם תפקיד בשלימות, צו קענען מציל זיין נפשות מישראל.**

אמן.■

דוד רובין




# די אסטראנא
# קאָסטן פון ה




# א פינאנציעלע שמועס איבער דעם ריזן הצלת נפשות אפאראט איבערגעגעבן דורך הרה"ח ר' אלעזר גרובער הי"ו בודזשעט דירעקטאר פון הצלה

**אריינפיר:**

צווישן די פירנדע פיגורן וואס שטייען ביים רודער פון די מאסיווע הצלה אפאראט איז דער באַרימטער לאנגיעריגער איש הציבור כביר המעש, איש החסד ואיש הצלה, הרה"ח ר' אלעזר גרובער הי"ו.

צווישן זיינע פילצאליגע ציבור'ישע פראיעקטן פארנעמט 'הצלה' ביי ר' אלעזר א גאר גרויסער ארט, פאר וועלכן ער גיבט אוועק גאר אסאך צייט, קאפ און מחשבה מיט א העלדישע גרייטקייט צוצוהעלפן מיט וואס נאר מעגליך פאר'ן בעסטן עקזיסטענץ פון דעם לעבנסוויכטיגן מיסיע.

זיצנדיג ביים אדמיניסטראטיוון טישל פון הצלה, אלס בודזשעט דירעקטאר וואס איז גוט אויסגעקאכט מיט די פינאנציעלע דעטאלן, האבן מיר פארבעטן א פערזענליכע שמועס מיט ר' אלעזר, און טראץ זיין אנגעשטרענגטע סדר היום האט ער גערנהארציג אראפגענומען פון זיין טייערע צייט צו כאפן אן אפענעם שמועס, זעהנדיג אין דעם אלס א חלק פון זיין מיסיע, צו ברענגען א תועלת פאר הצלת נפשות.

און אצינד געבן מיר איבער דאס ווארט פאר ר' אלעזר.

יישר כח פאר'ן אראפקומען מאכן דעם שמועס מיט אונז.

כ'וועל קודם אנהייבן ביי א'. איך בין אריינגעקומען אין חברה הצלה מיט איבער דרייסיג יאר צוריק, ווען הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו האט דעמאלט דורכגעפירט אן 'אי-עם-טי' קורס פאר בערך צען נייע מעמבערס. דאס זענען געווען בעיקר אידן וואס האבן געוואוינט און געארבעט אין קרית יואל, וואס ר' משה אהרן האט צוזאמגעברענגט און איבערצייגט צו קומען זיך אנשליסן אין חברה הצלה.

איבער ר' משה אהרן איז דא צו רעדן א געוואלד, אבער אויב הייבן מיר אן וועלן מיר קיינמאל נישט ענדיגן. אזויפיל קען איך יא זאגן, אז ווען נישט אים מיט זיין סייעתא דשמיא וואלט הצלה אין קרית יואל נישט געווען אויף די שטאפל אויף וועלכע מיר זענען היינט אזוי באוואוסט.

■ **לאמיר צוגיין צו די פאקטישע נומערן. וואס איז דער יערליכער בודזשעט פון הצלה?**

דער בודזשעט אין הצלה פון פארגאנגענעם יאר, 2025 למספ', האט דערגרייכט "איבער דריי מיליאן, דריי הונדערט טויזענט דאלאר".

■ **וואס זענען די הכנסות פון הצלה?**

א באדייטנדער חלק פון די הוצאות פון הצלה ווערט געקאווערט דורך אינשורענס פירמעס, וואס באצאלן ווען מען טראגט א פאציענט אין שפיטאל דורך אן אופן וואס ווערט אנגערופן "סאפט בילינג". ד.ה. דער מעדיקל בילינג פירמע וועלכע מיר נוצן שיקט א ביל פאר'ן פאציענט און אויך פאר זייער אינשורענס פירמע. דער פאציענט ווערט קיינמאל נישט מחויב צו באצאלן, געוואנדן לויט וועלכע אינשורענס מען האט, וועלן רוב אינשורענס פירמעס אונז באצאלן, יעדער איינער לויט זייערע ראטעס,

דאס איבעריגע ווערט פינאנצירט דורך אונזער געטרייער, לאנגיעריגער פאנדרעיזער, הר"ר לוי אפעל נ"י וועלכער לייגט אריין איבערמידליכע כוחות אויפצוטרייבן סכומים הגונים מתושבי עירנו, אונז צו העלפן דעקן דעם איבעריגע טייל פונעם ריזן בודזשעט.

■ **יעצט לאמיר אריינגיין טיפער אין די הוצאות. וואס זענען די גרויסע קאסטן?**

די גרעסטע הוצאה פון הצלה אויפ'ן יאר איז "פעיראל", וואס קומט אויס צו אביסל מער ווי א "מיליאן דאלאר" א יאר. אין דעם איז אריינגערעכנט פאראמעדיקס, שבת גוים, אדמיניסטראציע און פאציענט סערוויסעס וועלכע נעמט אריין עצה'נען צו וועלכע שפיטאל צו גיין, שטיין צו די זייט פונעם פאציענט אין שפיטאל, און זיכער מאכן אז דער פאציענט באקומט די ריכטיגע הילף און די בעסטע דאקטוירים בעזה"ה.

מיר זענען די איינציגסטע חברה הצלה וועלכע צאלן געהאלט פאר פאראמעדיקס - בערך פינף הונדערט טויזנט דאלאר א יאר – דאס איז כדי צו פארזיכערן בעז"ה אז ס'איז דא אלץ א פאראמעדיק עוועילעיבל פיר-און-צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך. עס ארבעטן ביי אונז מערערע לאקאלע פאראמעדיקס, טייערע תושבי עירנו, ווי אויך א צאל פאראמעדיקס וועלכע מיר ברענגען ספעציעל אריין פון אנדערע אידישע געגנטער אין ניו יארק.

מיר האבן יעדן שבת בערך צוועלף גוים, וועלכע דינען אלס 'שבת גוים', אויסגעשטעלט אויף א סיסטעם אז צו יעדע צייט דורכאויס שבת זאל זיין כאטש 'ניין גוים' גרייט פאר יעדע פאל. דאס האט אונז געקאסט פארגאנגענעם יאר "צוויי הונדערט און דרייסיג טויזנט דאלאר".

חוץ פון דעם, איז דא נאך בערך "דריי הונדערט און פופציג טויזנט דאלאר" וואס ס'קאסט אדמיניסטראציע און פאציענט סערוויסעס, צו פירן דעם אפיס און זיכער מאכן אז די גאנצע אפעראציע לויפט אן קיין פראבלעמען און אונזערע פאציענטן באקומען דאס בעסטע באהאנדלונג בסיעתא דשמיא.

## אמבולאנסן קאסטן

אן אמבולאנס איינאיינעם מיט א סטרעטשער קאסט בערך "פיר הונדערט טויזנט דאלאר". מיר האלטן היינט אויף 'עלף אמבולאנסן', יעדע אמבולאנס האלט בערך פינף יאר, דאס מיינט אז יעדעס יאר דארף מען קויפן צוויי נייע אמבולאנסן.

אזוי אויך זענען דא אמבולאנסן וואס גייען דורך א פראצעדור וואס הייסט "רעמאונט", דאס הייסט אז מען שיקט אריין דעם אמבולאנס צו א קאמפאני וואס טיילט אפ דעם הינטערשטן חלק, וואו עס ליגט דער סטרעטשער און אלע געצייג פונעם טראק, און מען לייגט דאס ארויף אויף א נייע פאדערשטן חלק, וואו עס ליגט דער דרייווערס-זיץ און דער ענדזשין. דאס איז א פראצעדור וואס מען קען מאכן צוויי-דריי מאל מיט יעדן אמבולאנס. דאס ערשטע מאל וואס מען מאכט עס קאסט עס בערך "הונדערט טויזנט דאלאר", און דאס צווייטע און דריטע מאל קאסט עס "הונדערט פינף-און-זיבעציג טויזנט דאלאר". ווען נישט מיר רעמאונטן די אמבולאנסן יעדע שטיק צייט אנשטאט קויפן נייע, וואלט דאס געקאסט אסאך אסאך מער.

ווייטער איז די הוצאה פון דעם מעכאניקער, וואס איז אויסגעקומען פארגאנגענע יאר צו "אריבער צוויי הונדערט טויזנט דאלאר".

אויסערליך קוקט עס אויס ווי א גרויסער סכום, אבער אז מ'נעמט אין באטראכט וואספארא ריזיגע פלאטע מ'האלט היינט אויף פארשטייט מען פארוואס ס'קאסט אזויפיל. הצלה האט היינט צוטאגס "עלף אמבולאנסן" און נאך "פיר קארס". די אמבולאנסן פארן אן ערך פון "א מיליאן מייל א יאר". די אמבולאנסן ווערן גענוצט דורך די מעמבערס ווען מען איז אין 'עמערדזשענסי-מאוד', און

# די אסטראנאמישע קאָסטן פון הצלה

דערפאר פארן זיי שנעלער ווי געווענליך וועלכע שטערנגט אן דעם מאטאר און ס'קאסט מער מעינטענענס און ריפעירס.

עס קומט זיך טאקע קרעדיט פאר הרה"ח ר' מענדל ברייער ובנו ר' יואל, אינאיינעם מיט זייער געניטע שטאב, וועלכע גיבן זיך אפ מיט די אמבולאנסן. זיי שטעלן צו פריווענטיוו מעינטענענס, וועלכע פארמיידט ב"ה גרעסערע פראבלעמען, און פאררריכטן אלע פראבלעמען באצייטנס, וואס דאס שפארט אונז א גוואלד מיט געלט. אלע אנדערע הצלה-ארגאניזאציעס זענען מקנא די סערוויס וואס זיי גיבן אונז.

דער סכום וויפיל מען צאלט פאר דעם מעכאניקער טוישט זיך לויט'ן יאר, און עס ווענדט זיך ווי אלט די אמבולאנסן זענען. אין 2024 למספ' האבן מיר געקויפט עטליכע נייע אמבולאנסן, ממילא האט אונז פארגאנגענע יאר געקאסט וויינינגער פאר'ן מעכאניקער. א יאר פריער האט דער מעכאניקער אונז געקאסט "פיר הונדערט און צוואנציג טויזנט דאלאר" און היי יאר האט עס אונז געקאסט "צוויי הונדערט פופציג טויזנט דאלאר".

אינשורענס און מעדיקל סופלייס פאר די אמבולאנסן און פאר די מעמבערס האבן געקאסט "איבער צוויי הונדערט טויזנט דאלאר".

## דיספעטש קאסטן

אזוי אויך האבן מיר געהאט פארגאנגענע יאר א גרויסע אויסגאבע פון דער נייער דיספעטש סיסטעם. דאס האט געקאסט אן איינמאליגן גרויסן סכום.

די דיספעטש סיסטעם וואס מיר האבן אויפגעבויט בעזהשי"ת איז א געשיכטע פאר זיך. אונזערע ראדיאס ארבעטן אויף געהעריגע סעלפאן סערוויס. דאס איז ספעציעל אויסגעשטעלט אז קיינער זאל דאס נישט קענען אונטערהערן. מיר האבן אריינגעלייגט אסאך געלט אין דעם אז די געשפרעכן וואס קומען פאר אויף די ראדיאס זאלן בלייבן אין געהיים, כדי עס זאל נישט זיין שווער פאר אידן אריינצורופן צו הצלה און מורא האבן אז איינער וואס דארף נישט הערן נייגט צו אן אויער צו דעם ראדיא. סערוויס פאר די סעלפאנס קאסט בערך פינף און זעכציג א שטיקל פער חודש, און אויב מען רעכנט צוזאם די הונדערט פופציג סעלפאנס קומט עס אויס קרוב צו "הונדערט אכצן טויזנט דאלאר, א יאר".

די דיספעטש קאמפיוטער פראגראם האט אונז געקאסט אן איינמאליגן סכום פון "הונדערט אכציג טויזנט דאלאר" צו בויען א נייע סיסטעם פאר די דיספעטשערס. דאס איז א ספעציעלער סאפטוועיר, וואס יעדער דיספעטשער האט א סקרין אפן פארנט פון זיך, און מיט יעדער טעלעפאן-קאל וואס קומט אריין קומט ארויף אויף א קאמפיוטער סקרין אלע אינפארמאציע וואס איז דא אויף דעם טעלעפאן-נומער. על פי רוב קומט שוין אריין דער אדרעס און ווער דער אריינרופער איז.

פון דעם סאפטוועיר קען מען קאמיוניקירן אויף דעם ראדיא, און יעדער מעמבער וואס ענטפערט לייגט מען אריין אין דעם קאמפיוטער אז ער האט זיך אנגערופן אויף דעם קאל, און יענער באקומט אויטאמאטיש א טעקסט מיט'ן אדרעס וואו צו גיין און וואס דער קאל איז. נאכדעם וואס א מעמבער נעמט אן אמבולאנס צו א קאל לייגט מען אריין וועלכן אמבולאנס ער האט גענומען, אז מ'זאל וויסן וואספארא אמבולאנס טראקן עס איז אין גאראדזש און וועלכע עס איז אינדרויסן אין שפיטאל אדער ביי א קאָל.

דער דיספעטשינג סאפטוועיר איז זייער א סאפיסטיקירטע סיסטעם. לעיקוואוד הצלה און אזוי אויך מאנסי הצלה האבן עס אפגעקויפט פון דעם דעוועלאפער וואס האט עס געבויט פאר אונז, און אויך צענטראל ברוקלין הצלה פלאנט עס צו נוצן אין די נאנטע טעג.

חוץ דעם קאסט די ספעציעלע טייערע און גוטע קאמפיוטערס וועלכע מ'נוצט צו דיספעטשן, סיי נייע וואס מען קויפט און סיי וואס ס'קאסט אויפצוהאלטן די קאמפיוטערס און די סאפטוועיר. מיר האבן דא אין גאראדזש א גרויסער אפיס צו דיספעטשן, אזוי אויך זענען דא פלעצער וואו עס זענען פארהאן קליינע דעסקס פון וואו מען קען דיספעטשן, אין פריוואטע אפיסעס און אין גרעסערע בתי מדרשים, וואו מעמבערס קענען האבן שנעלן צוטריט צו די דיספעטש אפיסעס. יעדעס איינע פון די פופצן דיספעטש ערטער איז אויסגעשטאט מיט אלע נייטיגע געצייג ווי כאילו מען איז אין דעם דיספעטש-אפיס.

צו קויפן די קאמפיוטערס, מעינטעינען, ארויפלייגן פילטערס און אלעס ארום קאסט אונז בערך "פופציג טויזנט דאלאר א יאר".

## הוצאות פאר שאר ירקות..

אינשורענס פאר הצלה און פאר אלע אמבולאנסן צוזאמען קאסט "הונדערט צוואנציג טויזנט דאלאר א יאר".

פארגאנגענע יאר האבן מיר געצאלט בערך "הונדערט פערציג טויזנט דאלאר", צו פאררריכטן און איבערפרישן די הויפט גאראדזש נאך יארן פון באנוץ.

די עלעקטריק און געז בילס, ווי אויך הילף צו ריינינגן די פינף גאראדזשן וואס הצלה האלט אויף האט געקאסט "פינף און פערציג טויזנט דאלאר".

טאללס פאר די אמבולאנסן אויף די וועגן האבן געקאסט "פינף און דרייסיג טויזנט דאלאר".

טרענירונג פאר די נייע מעמבערס, ווי אויך פאר די אלטע מעמבערס וואס באקומען יעדן חודש צוויי מאל פארשידענע לעקציעס, ווי אויך מתנות און מסיבות חיזוק והכרת הטוב פאר

# די אסטראנאמישע קאָסטן פון הצלה

די מעמבערס, באטרעפט "הונדערט פינף און אכציג טויזנט דאלאר א יאר".

פאנדרעיזינג און בילינג אויסגאבן קומט אויס צו "דריי הונדערט דרייסיג טויזנט דאלאר". צו באקומען געלט פון די אינשורענס קאמפאניס דארפן מיר אויפנעמען א קאמפאני וואס זאל זיי 'בילן' און אויספילן אלע פאפירן און זיכער מאכן אז מען באקומט דאס געלט.

**אויב צווישן אינשורענס און פאנדרעיזינג במשך השנה דעקט זיך הצלה בדרך כלל, פארוואס מאכט הצלה יעדע עטליכע יאר א ספעציעלע קאמפיין?**

דער ענטפער איז פשוט. הצלה דעקט זיך ב"ה מער וויינינגער אויף די טעגליכע אפעראציעס, פון אינשורענס צוזאמען מיט פאנדרעיזינג, אבער ווען עס קומט אונטער א גרעסערע אויסגאבע וועלן מיר מוזן ארויסקומען מיט א רוף צו תושבי עירנו און בעטן מ'זאל אונז ארויסהעלפן דערמיט.

אזוווי קרית יואל האט זיך ב"ה אויסגעשפרייט אין די לעצטע עטליכע יאר אויף א ריזיגער שטח אין די ארומיגע געגנטער כן ירבו, דארפן מיר דרינגענד צוקויפן נאך עקסטערע אמבולאנסן און בויען נאך גאראדשעס צו קענען סערווירן אלע נייע געגנטער בליץ שנעל על כל צרה שלא תבא, און דערפאר מוז הצלה אריינברענגען אסאך מער אין פאנדרעיזינג.

ווי ערוועהנט אויבן קאסט אונז יעדע 'נייע אמבולאנס' פיר הונדערט טויזנט דאלאר.

דער אמבולאנס מיט די צוגעהערן וועלכע מיר לייגן צו קאסט בערך דריי הונדערט פופציג טויזנט דאלאר. דער סטרעטשער וואס מיר קויפן צו איז אויטאמאטיש און קאסט איבער פופציג טויזענט דאלאר. אמאל, פאר מיר האבן דאס געהאט, פלעגן די מעמבערס זיך צעברעכן דעם רוקן יעדעס מאל וואס מען האט געדארפט ארויסנעמען און אריינלייגן דעם סטרעטשער. ברוך השם עס איז ערפינדן געווארן דעם נייעם סארט סטרעטשער איז עס פיל גרינגער צו מאנעווורירן.

לסיום דברי, ווילן מיר נעמען די געלעגנהייט זיך צו באדאנקען פאר'ן גאנצן ציבור, וועלכע שטייען אונז צו די האנט אלע יארן און שטיצן אזוי ווארים די לעבנסוויכטיגע פעולות פון הצלת נפשות, אז מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט הרחבת הדעת מיט'ן אויבערשטן'ס הילף. ■

## וואס 'נאך' הצלה קרית יואל פארמאגט מער ווי אנדערע...

רעדנדיג פון די בודזשעטן און די געלטער וואס הצלה דא אין קרית יואל קאסט אפ, מוז ארויסגעברענגט ווערן צוויי אויסנאמליכע אייגנארטיגע סערוויסעס, וואס הצלה קרית יואל פארמאגט מער ווי אלע אנדערע הצלה ארגאניזאציעס איבער די וועלט.

אנגעהויבן ביים העלדישן מייסד הצלה, הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו, וועלכער איז געגאנגען קעגן דעם שטראם און זיך אריינגעווארפן מיט'ן גאנצן לייב און לעבן, מיט א שטיק מסירת נפש, אוועקצושטעלן הצלה אין קרית יואל, מיט עקשנות און מסירת נפש איז ער דורכגעגאנגען און באוויזן מיט גרויס סייעתא דשמיא דורכצוברעכן אסאך שטיינער ביז'ן אוועקשטעלן דעם הצלת נפשות אפאראט אויף די פיס.

אבער ס'גייט אסאך ווייטער ווי בלויז דאס גרינדן דעם ארגאניזאציע. מ'רעדט פון א גאונות'דיגער מהלך און געניאלער שיטה אין הצלת נפשות וואס ר' משה אהרן האט אויסגעטראטן און דאס באגלייט יעדן ריר פון 'קרית יואל הצלה' ביז'ן היינטיגן טאג. דאס איז די וועג מיט וועלכע מ'געבט זיך אפ מיט'ן יעדן פאציענט, באקאנט אלס "פאציענט-קעיר" וואס מ'זעהט נישט אין ערגעץ, קרית יואל הצלה איז דערביישפיל און וועג-ווייזער!

מיט א זעלטענע געטריישאפט פאלגט מען נאך מיט'ן פאציענט נאך יעדע קאל, זיכער צו מאכן אז מ'איז בסדר, מ'קומט אן צו די ריכטיגע דאקטורים און בעסטע שפיטעלער.

און דאס איז היינט אן אינטעגראלער טייל אין די ארבעט פון הצלה, וואס פאר דעם צוועק טוט הצלה ספעציעל אויפהאלטן א באצאלטער פול-טיים פאזיציע – וואס איז נאר דא ביי הצלה קרית יואל - דאס איז דער אלעמען באקאנטער עסקן, האיש החסד והמעש, הרה"ח ר' יצחק שלמה פלאטשעק הי"ו, וועלכער איז דא מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה צו באגלייטן יעדן פאציענט צו זיין בעסטע הצלה און רפואה, נעמנדיג די הצלת נפשות ארבעט צו די העכסטע חסד שטאפלן. 24 שעה רונדע דעם זייגער איז ער פארנומען און אקטיוו מיט פאציענטן און משפחות, באגלייטנדיג יעדע קעיס לכל אורך הדרך, וואס קען צומאל זיך פארציען צו לאנגע וואכן אדער חדשים.

ווען מ'זעט וויאזוי דער איד אפערירט, צווישן טעלעפאנען, פילע נאטיצן, געשריבענע ביכלעך מיט אומצאליגע נומבערס אויף זיי, באקומט מען א שטיקל באגריף צו פארשטיין וואספארא שווערע ארבעט ר' יצחק שלמה לייגט אריין.

# כן ירבה וכן יפרוץ



SUPREME
DECKS

*Building strong decks for countless happy homes*

א כשרן און
פריילכן פסח

845.751.1113 | info@supreme-decks.com | supreme_decks | www.supreme-decks.com

DPMG

# פאקטן און ציפערן

אינטערעסאנטע נומערן וועלכע צייגן אביסל וואס הצלה אין קרית יואל טוט אלס



"הצלה קרית יואל" פארמאגט היינט א פלאטע פון **11** אמבולאנסן

די הצלה אפעראציעס **קאסט אפ** יערליך דעם ריזן סכום פון איבער

**$3,000,000**

"הצלה קרית יואל" קאווערט ארום **9,000** קאלס א יאר

ארום **4000** דערפון זענען טרענספערס צו שפיטעלער

"הצלה קרית יואל" פארמאגט **161** מעמבערס

20 דערפון פאראמעדיקס

"הצלה קרית יואל" שטייט שוין **50** יאר

געגרינדעט בשנת תשל"ה

"הצלה קרית יואל" דעקט א שטח פון איבער

**פינף-און-דרייסיג סקווער מייל**

״הצלה קרית יואל״ זיך געלאזט קאסטן איבער

# $350,000

פאר א נייעם פארגעשריטענעם סיסטעם

די ווייטסטע שטרעקע וואס ׳הצלה קרית יואל׳ האט טראנספארטירט א פאציענט איז געווען צו די
סינסענעטי קינדער שפיטאל׳

א וועג פון איבער

# 650 מייל

# 11 שעה



# 3

מאל האט מען אין די לעצטע יאר געדארפט טראנספארטירן א חולה אין די לופט

# 12

12 הצלה מעמבער׳ס האבן קינדער אויך מעמבערס

27 יאר אלט;
איז הצלה׳ס יונגסטע וואלונטיר

און דער עלטסטער איז
פינף-און-אכציג

# $55,000

יעדע אמבולאנס פארמאגט א סטרעטשער וואס צווישן איסטולאציע און א ווארענטי קאסט עס אפ איבער

# 23

׳הצלה קרית יואל׳ פארמאגט היינט א שטאב פון
דיספעטשערס

די טייערסטע שטיקל עקוויפמענט וואס הצלה פאמאגט קאסט אפ

# $45,000

׳ לייף-פעק דעפיברעלעיטאר׳

די לענגסטע הצלה קאל אין היסטאריע האט גענומען

איבער נײנצן שעה

א קריטישע קעיס וואס האט פאסירט אין לויף פון פסח

יחיאל גרין



## א בינטל היסטאריע:

# פון תשל"ד ביז תשפ"ו

# צוריקגייענדיג מיט עלטערע הצלה וואלונטירן צו די ערשטע יארן פון הצלה און וויאזוי די ארגאניזאציע האט געמאכט איר לאנגע וועג פון דארט ביז איר היינטיגן שטאנד אלס מאסיווע רעטונגס-אפאראט




הצלה קרית יואל איז היינט א מאסיווע ארגאניזאציע, אזויווי איר באקענט זיך אין לויף פון אט דעם ביכל. אבער יעדע גרויסע און געלונגענע זאך הייבט זיך ערגעץ אן, און ס'נעמט צייט ביז ס'וואקסט, און דאס איז פונקט וואס מיר ווילן דורכטון אין אונזער פאלגנדן ארטיקל. מיר ווילן צוריקקריכן צו די ערשטע יארן פון חברה הצלה, פון איר גרינדונג און דער וועג וואס זי האט דורכגעמאכט ביז'ן היינטיגן טאג.

לאמיר אריבערגיין הערן אביסל זכרונות און איבערלעבענישן פון די עלטערע הצלה מיטגלידער, עטליכע וועלכע זענען שוין אין הצלה זינט איר גרינדונג, און הערן וויאזוי הצלה האט אויסגעקוקט אין אירע יונגע יארן, ווען ביפערס זענען נאך געווען אין סטייל, און זען וויאזוי זי האט זיך געטוישט זינט איר גרינדונג ביז היינט.

צו פארשטיין וואס הצלה האט געמיינט פאר פערציג יאר צוריק און וויאזוי עס האט אויסגעקוקט אין אירע ערשטע טעג, הערן מיר פון הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו, דער גרינדער פון חברה הצלה קרית יואל, אינאיינעם מיט א רייע עלטערע וואלונטירן, הרה"ח ר' מענדל לענעראוויטש, הרה"ח ר' שלמה קויפמאן, הרה"ח ר' יחזקאל בראך, הרה"ח ר' דניאל פאלאטשעק און הרה"ח ר' בערל פאלאטשעק.

מיר האבן געשמאק פארברענגט און געשמועסט מיט די חשוב'ע אידן וואס שוין אזויפיל יאר געבן זיי זיך איבער פאר'ן כלל און זענען גרייט צו לויפן אויף הצלה רופן יעדע מינוט אין טאג, און מיר האבן נישט אויפגעהערט צו הערן פון די וואלונטירן מעשיות, זכרונות און אינטערעסאנטע אנעקדאטן וואס זיי האבן מיטגעהאלטן דורכאויס זייערע יארן אלס הצלה וואלונטירן.

# "חברה הצלה קרית יואל" ווערט א פאקט!

צום אלעם ערשט זעצן מיר זיך אוועק מיט הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג, דער גרינדער פון הצלה - באקאנט אלס K-1 - צו הערן די ערשטע פרטים וויאזוי הצלה אין קרית יואל איז בכלל צושטאנד געקומען.

**■ ווען וויאזוי האט איר זיך אנגעשלאסן אין קרית יואל הצלה?**

איך האב זיך געצויגן אויף קרית יואל אום דינסטאג פרשת כי תצא תשל"ד, זייענדיג פון די ערשטע 10 משפחות. עס איז נאכנישט געווען קיין חברה הצלה אינעם נייעם שטעטל.

אזוי ווי איך האב געזען אז עס איז נישט פארהאן קיין געהעריגע פלאן וואס מ'טוט אין א נויטפאל ח"ו, האב איך מיך ארויסגעלאזט מיט הרה"ח ר' יודא לייב פלאהר יענעם פרייטאג צו פארשידענע שפיטעלער אין די געגנט צו זען וואס טוט זיך אפ דארט, צו זען דער מצב וואס הערשט דארט.

יענעם פרייטאג האב איך בסייעתא דשמיא געגרינדעט חברה הצלה ד'קרית יואל. איך פערזעליך האב נישט געהאט דעמאלטס אפילו "אי-עם-טי" לייסענס... מען האט נאכנישט געהאט קיין לייסענס פאר די נייע "הצלה" ארגאניזאציע. אונז האמיר דעמאלט נישט געארבייט אונטער קיין איין אמבולאנס אגענטור.

אין אנהייב האמיר געהאט 4 וואלונטירן, וואס האבן אפילו נישט געהאט קיין פראפעסיאנאלע טרעינינג. הצלה האט דעמאלט ווייט נישט אויסגעקוקט אפילו נאנט צו וואס הצלה איז היינט...!

**■ וואס איז די חילוקים פון אמאל און היינט?**

אסאך זאכן. מיר האבן אמאל נישט געהאט קיין ראדיאס, נאר בלויז א סארט "פעידזשער", און אויך נישט די אלע פארגעשריטענע כלים און מאשינען וואס הצלה פארמאגט היינט ב"ה.

אפילו שוין מער אין שפעטערע יארן האבן מיר נישט געהאט לעגאלערהייט ALS . אבער מיר האבן שוין יא פאקטיש געטון ALS הילף. מיר האבן גענוצט א פארעמעדיק אהרן מאיער ע"ה, וואס האט געטון וואס מען דארף צו טון, נאר עס איז געווען אן א דאקטאר'ס אויפזיכט איבער אים. עס איז נישט געווען אינטער א געוויסע אגענטור.

אמאל, אין שבת האמיר נישט געהאט קיין שבת גוים, דאס האב איך שפעטער אריינגעברענגט.

היינט האמיר א באצאלטע פאראמעדיק 24 שעה אין טאג וואס שטייט אלץ גרייט צו לויפן ראטעווען, א געוואלדיגע דורכברוך וואס איז נישט געווען דעמאלט.




**■ איר האט דערמאנט אז אנהייב האט מען נאכנישט געהאט קיין לייסענס. וויאזוי האט עס אויסגעזען בעפאר'ן האבן א סערטיפיקאט פאר הצלה קרית יואל?**

אונז האמיר נישט געהאט קיין אייגענע אמבולאנס. מען האט גענוצט די סערוויס מיט די אייגענע קאר. אויב האט מען נישט געקענט טרענספערן מיט די אייגענע קאר האט מען געמוזט גערופן די מאנרא אמבולאנס.

**■ וויאזוי האט מען באקומען ערלויבעניש פאר אייגענע הצלה ארגאניזאציע?**

מ'האמיר איינגעזען אז די צייט וויפיל עס האט גענומען פאר מאנרא אמבולאנס וואלונטירן אנצוקומען צו א הצלה קאל איז געווען שרעקליך לאנג. אונז האמיר אבער געוואלט לעבן גוט מיט די שכנים און קענען געניסן פון זייערע הילף פאר קרית יואל'ע הצלה, האבן מיר אנגעהויבן מיט א רייע פאזיטיווע שריט וואס זאל אונז העלפן ברענגען דעם דורכברוך.

מיר האבן געמאכט א לעדערהעדט "לעדיס אקזילערי' פון מאנפיעלד האומס," וואס האט געשאפן און מנדב געווען פאר מאנרא אמבולאנס קודם 500 דאלאר. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מאנרא אמבולאנס האט ערהאלטן אזא ריזן נדבה. איך האב אויך איינגעלאדענט דעם פירער פון מאנרא אמבולאנס, ענדי האל, אז ער זאל קומען געבן פאר קרית יואל הצלה א "קורס" אין פורסט עיד, 'אי עם טי', און מיר האבן אים באצאלט דערפאר, דאס אלעס האט קודם געמאכט א בעסערע באציאונג אז מיר זאלן קענען ארבעטן אינאיינעם און אויפטוהן פאר אידן'ס וועגן.

נאכדעם האבן מיר מסביר געווען פאר דעם ענדי האל, אז די קרית יואלע מענטשן ווילן די זעלבע סארט 'שנעלע רעאגירונג' אויף אן עמערדזשענסי רוף ווי פון די סיטי פייער דעפארטמענט, פון וואו די קרית יואל מענטשן קומען. אויך ווילן די קרית יואל'ע מענטשן פארן מיט זייערע פאציענטן "לאנג דיסטענס" צו בעסערע שפיטעלער. מיר האבן אים מסביר געווען אז פאר די מאנרא וואלונטירן וועט עס זייער שווער זיין

אויסצופירן. ער האט עס פארשטאנען.

ווען די צייט איז שוין געווען מער רייף האבן מיר זיך איינגעגעבן צו באקומען א פערמיט פאר אן אייגענעם אמבולאנס סערוויס פון "האדסאן וועלי רידזשענעל אי-עם-עס קאונסיל". דער סיסטעם איז געווען אז די שכנים פון דעם פרישן אמבולאנס סיסטעם ברויכן מסכים זיין דערצו. ווער עס האט געדארפט בעיקר מסכים זיין אז מיר זאלן באקומען די לייסענס איז געווען "מאנרא", זיי האבן געקענט אדער מסכים זיין אדער זיך קעגנשטעלן.

למעשה ברוך ה', אזוי ווי מיר האבן געהאט אנגעזייט גוטע באציאונגען און געהאט א פיינע קאאפעראציע במשך אפאר יאר, אריינגערעכנט די שיינע נדבה וואס מיר האבן זיי צוגעשטעלט, האבן זיי זיך נישט אקעגנגעשטעלט.

איך געדענק, ווען איך בין ארויסגעקומען פון דעם געביידע דארט, ביים יענעם מיטינג וואו מען האט געשטימט לטובת קרית יואל אמבולאנס סערוויס, ס'איז געווען דארט אויך אנדערע מוניציפאליטעטן וואס האבן איינגעגבן פאר אן אייגענעם אמבולאנס סערוויס. האבן די חברה מיך דארט מיט וואונדער געפרעגט: "וויאזוי האסטו עס באקומען?"...

די שתדלנות פאר דעם ענדי האל - הויפט און קעפטען פון "מאנרא אמבולאנס" האט-זיך ב"ה פיין אויסגעצאלט.

### ■ מיט וואס איז קרית יואל הצלה געווען אנדערש פון אנדערע הצלה ארגאניזאציעס?

קרית יואל הצלה איז דאך ווייט פון די גרויסע שפיטעלער, איז אויסגעקומען אז מען דארף פארן ווייטער ארייננצופירן אין שפיטעלער. מען האט ארויסגענומען אסאך פאציענטן פון די העריס אין קעטסקילס ביז צו די סיטי שפיטעלער. במשך די יארן איז מען אפילו געפארן אסאך ווייטערע שטרעקס פאר הצלת נפשות. אויך האט מען דורכגעפירט זייער אסאך טרענספערס און אנדערע הצלה לאקאציעס האבן אונז אויך געשיקט צו טוהן די סערוויס פאר זיי.

### ■ קענט איר אונז שילדערן עפעס אן אויסערגעוועהנליכע קאל פון די ערשטע יארן?

איין טאג נאך אזייגער צופרי האט מיך אנגערופן א איד ער האט א ניי-געבוירן קינד אין ארדען היל שפיטאל. ער האט פארציילט אז דאס קינד ליידט אויף א גאר זעלטענעם מחלה ל"ע און ער דארף אנקומען צו א גוטן דאקטאר.

איך האב געמאכט ריסורטש און געוואויר געווארן פון א גרויסער דאקטאר אין וועסטשעסטער שפיטאל, אז פאר יענעם ספעציפישן קרענק ר"ל איז דא א דאקטאר אין CHOP, פילאדעלפיע, ער איז ממש דער גרעסטער אויף די וועלט וואס ספעציאליזירט זיך אין דעם פאל. ער האט געהאט געשריבן א בוך אויף דעם קרענק ה"י. ער איז געווען דער איינציגסטער אין דער וועלט דעמאלט וואס האט געמאכט א פראצעדור פאר יענעם אויסערגעוועונליכע זעלטן פראבלעם

דאס קינד איז געווען אין אן אינקאבעיטאר, כ'האב געהאט "געבארגט" פון ארדען היל דעם אינקאבעיטאר צו קענען טרענספערן דאס קינד. ר' גרשון מאנדל - דעמאלט K-10 - האט קעיר גענומען אז עס זאל זיין עלעקטריק, און ר' גבריאל פאפענהיים, א פאטענטישער איד, וואס איז אויך געווען דעמאלטס אן הצלה מאן, האט מיט זיין "גארטל" באפעסטיגט דעם אינקאבעיטער צום אמבולאנס וואנט ס'זאל נישט ארומפליען. מיר האבן פארשאפט א דאקטאר מיטצוקומען, ALS איז געווען אהראן מאיער. מען האט אין יעדע קאונטי געמאלדן פאר די ארומיגע עמערדזשענסי סיסטעם אז מען גייט דארט דורכפארן אז אויב ח"ו מאכט זיך עפעס א פראבלעם זאלן זיי קענען קומען פלינק צו הילף. און ב"ה אזוי איז מען אנגעקומען צו דעם וועלט-דאקטאר,

## נישט אלעס וואס איך האב געטאן במשך השנים איז געווען לעגאל, אבער איך האב א ווארט וואס איך זאג אייביג "ענדערש זאל יענער זיין לעבעדיג אום-לעגאל ווי טויט לעגאל ח"ו"...!



וואס האט דורכגעפירט דעם אפעראציע און אזוי האט מען ב"ה געראטעוועט דאס קינד.

אלס א רירנדע קרישקעלע איז אינטערעסאנט צוצולייגן, לעצטנס ווען איך בין געווען אין פלארידע קומט צו מיר א פרעמדער איד, ער שטעלט מיך אפ און פרעגט מיך "איר זענט אפשר משה אהרן שטיינבערג"? ענטפער איך אים "יא, וואס איז?" - "איר געדענקט אפשר די מעשה מיט לאנגע יארן צוריק אז איר האט געטרענספערט א פיצל קינד וואס איז געבוירן מיט א זעלטענע מחלה ביז קיין פילאדעלפיע? דאס קינד איז מיין שוועסטער, און זי איז היינט ב"ה שוין א געזונטע באבע פון קינדער..."

איך בין געווען אזוי איבערגענומען פון התרגשות אז ב"ה מ'האמיר געהאט די זכי' דערצו.

אגב, יענע טרענספער איז געווען 100 פראצענט אומלעגאל, ווייל מיר האבן נישט דעמאלט געהאט אן ALS סיסטעם אין דער קאונטי. א קאמערציאלע אמבולאנס זאל טון אזא זאך, א פריש-געבוירן קינד, אין אינקיובעיטאר?.. עכ"פ אזוי איז געווען, מ'האט געדארפט טון וואס מ'קען אין יענעם פאל צו ראטעווען א נפש מישראל, אן אמטליכע ALS איז נאכנישט געווען...

### וואס נאך קענט איר פארציילן היסטאריע פון טרענספערס?

מיין צווייטער הצלה קאל איז געווען א מיידל בעיבי פון 2 און 1/2 יאר. זי האט געהאט אן "אווער-דאז" פון מעדיצין, און דאס בעיבי האט אויסגעזען זייער שלעכט, זי איז געווען ל"ע "אומבאוואוסטזיין." מען האט גענומען דאס קינד לאקאל צו "ארדען היל".

כ'האב מיך פארבינדן מיט א דאקטאר גאלדבערג פון קארנעל, וואס האט געזאגט, דער מעדיצין וואס ארדען היל געבט טויג נישט, אבער א שפיטאל באאמטער האט מיך אפגעשראקן פון טרענספערן: "די בעיבי קען שטארבן אונטערוועגנס."

האב איך געוויזן כ'האב באקומען "סי-פי-אר" לייסענס. כ'קען מאכן 'סי-פי-אר' אויב ס'וועט זיך אויספעלן. מ'האמיר מצליח געווען און למעשה געטרענספערט דאס קינד מיט הצלחה ב"ה, און קינד איז געזונט געווארן.

כ'האב געהאט נאך אן אנדערע מעשה. א פאציענט האט געהאט גאר שטארקע בויך ווייטאג. דער ארדען היל שפיטאל דאקטאר האט געזאגט אז ער גייט מאכן אן אפעראציע. ווען איך האב אים געפרעגט די סיבה דערפון, האט ער געענטפערט אז ער גייט מאכן Exploratory, דאס הייסט אז ער גייט עפענען און אזוי "זוכן" די סיבה פון וואס די ווייטאג קומט.

כ'האב פארשטאנען אז מ'קען דאס נישט צולאזן, כ'האב געטרענספערט דעם פאציענט קיין קאלאמביע, זיי האבן באשטעטיגט אז די בויך ווייטאג קומט ווייל דער פאציענט איז דעמאלט געווארן אין א שטארקער דיאבעטיקער. עכ"פ מען האט נישט געדארפט אן אפעראציע און דער פאציענט איז געווארן געזונט.

אזוי האב איך געזען ווי מען דארף מיטהאלטן קעיסעס, און מעגליך טרענספערן, אזוי באהיטן און ראטעווען ממות לחיים.

### וואס איז פון די גרויסע אויפטוען וואס איר זעהט אין קרית יואל הצלה?

איינע פון זיי, דאס וואס מען האט געטרענספערט פון העריס שפיטאל פאציענטן צו גרויסע גוטע שפיטעלער און אזוי געראטעוועט פילע נפשות ב"ה. וויבאלד די קעיטסקילס הצלה האט נישט געהאט די נויטיגע שטאב עס צו קענען פארטראגן און אויספירן, איז עס געפאלן אויף אונז.

שפעטער האבן זיי שוין געהאט די נויטיגע מענטשן און מעגליכקייטן אבער ס'איז שוין געבליבן דער קשר אז היינט צו טאגס זענען שותפים לדבר מצוה אין קאלס וואס קומען פון העריס טרענספערס, אדער גראד פון די קעטסקילס, זיי קומען ביז עקזיט 129 און מיר נעמען איבער דעם פאציענט ווייטער אויפ'ן וועג ביז צו א גוטע שפיטאל ב"ה.

חברה הצלה דקרית יואל הייסט צו זיין דער נומער איינס אמבולאנס סערוויס מיט פאראמעדיקס. אנהייב זענען מיר געווען די איינציגסטע וואס האבן עמטליך פארמאגט פאראמעדיקס אלס וואלונטירן. נישט אלעס וואס איך האב געטאן במשך השנים איז געווען לעגאל, אבער איך האב א ווארט וואס איך זאג אייביג "ענדערש זאל יענער זיין לעבעדיג אום-לעגאל ווי טויט לעגאל ח"ו"...!

עד היום פארשטיי איך נישט וויאזוי די פאראמעדיקס האבן זיך עס געטרויעט צו טון. מיר האבן דאך נישט געהאט ALS לייסענס, אבער מיר האבן יא געהאט ALS סערוויס. אבער דער תירוץ איז די זעלבע "אידיש הארץ"!

די אלע פעולות און דורכברוכן האט גארנישט מיט מיין חכמה אדער עפעס אנדערש, ס'איז בלויז איין זאך "סייעתא דשמיא", אז מען האט א רצון קען מען האבן סייעתא דשמיא. איך האב פרובירט צו אימפלעמענטירן וואס דער "פלא יועץ" עצה'ט ווען ער רעדט פון "רופא", און "רפואה", אז דער פליכט איז צו טון אלעס וואס מעגליך לטובת דעם פאציענט.





■ **וואס קענט איר זאגן איבער הצלה היינט צו טאג?**

איך האב ב"ה קיינמאל נישט געקלערט אז איך האב שוין אויפגעטון וואס איך האב געדארפט אויפטון און איך קען עס שוין אויפגעבן, נאר מ'גייט ווייטער אן און מ'זוכט צו העלפן ווי מער אידישע קינדער. איך פארשטיי זייער גוט איינער וואס איז אין מיין עלטער זאל וועלן אויפגעבן דאס לויפן אויף קאלס, איך אליינס גיי שוין אויך וויניגער און איך לויף שוין נישט אזויפיל ארום, אבער מ'פרובירט צו ענטפערן וויפיל רופן מ'קען יא.

נאך א נקודה וואס מיר האבן נאכנישט אנגערירט איז אז עס מאכט זיך ליידער געוויסע מענטל העלט קאלס וואו אהין הצלה ווערט אראפגערופן צו באהאנדלען דעם סיטואציע. הצלה האט טאקע ספעציעל פארדעם וועקגעשטעלט אינגעלייט, ספעציאליסטן אין דעם פעלד, וואס זאלן זיך אפגעבן דעמיט, און זייער ארבעט איז פארשטייט זיך בהצנע לכת און איז נישט עפעס וואס מ'קען צופיל ארומרעדן, אבער אזויפיל יא, פון הונטער די קוליסן טוט זיך אפ דארט א פולשטענדיגע אפעראציע וואו עס געבן זיך אוועק די וואס פארענען זיך דערמיט מיט מסירת נפש אלעס אונטער'ן ראדאר, אן באקומען קיין כבוד אדער אנערקענונג דערפאר.

אז איך האב שוין דעם שופר אין די האנט שפיר איך פשוט דא אלס פליכט ארויסצוגעבן מיינע געפילן. איך האב א ריזן הכרת הטוב פאר די וואלונטירן וואס האבן מיך זעלבסט באהאנדלט, ווען איך האב געהאט אן הצלה קאל און געווען אין אן עמערדזשענסי פאל ה"י, זיי האבן מיך גענומען אין לענאקס שפיטאל. זיי האבן געהאט אויסגעווארט, מען האט געזען אז דער ספעשעלטי איז נישט דארט, האט מען מיך תיכף גענומען צום ספעציפישן שפיטאל, יעדע מינוט איז דאך געווען סכנת נפשות ממש, דאס האט געמאכט א חילוק אין די הצלחה פון די מיסיע. ברוך ה' אז מ'האט זוכה געווען צו א ישועה און איך בין שולדיג אן הכרת הטוב פאר די אלע געטרייע וואלונטירן. יישר כחכם!

און דאס איז די שטארקייט פון קרית יואל הצלה, מען ווארט אויס צו זען ווי מען קען העלפן דעם פאציענט, מ'ווארט אויס אויף די טעסטס און אזוי ראטעוועט מען באמת נפשות. נישט בלויז אז מ'פירט אריין אין שפיטאל און פארטיג, נאר מ'מאכט זיכער אז דער פאציענט באקומט טאקע די בעסטע קעיר.

און טאקע מיט דעם איז אויך קרית יואל הצלה אנדערש פון אנדערע, דער אופן פון חסד! דאס אריינפירן און באגלייטן נאכדעם דער פאציענט, קען צומאל דויערן שעות ארוכות.

מען נעמט דעם פאציענט וואס קען נישט פארן מיט זיין קאר, מ'לייגט ארויף אויף א סטרעטשער און מ'פירט אריין ביז די בעסטע שפיטעלער און דאקטורים, און מ'ברענגט שפעטער צוריק אויפ'ן סטרעטשער אויב מ'דארף, נישט קענענדיג ווארטן אויף די אנדערע מיטלן וואס זאלן אהיימברענגען. די מיסיע פון הצלת נפשות איז פארבינדן מיט חסד אויף א מורא'דיגן פארנעם.

## פארוואס זענט 'איר' אריין אין הצלה?

צוריק צו אונזער שמועס מיט די אנדערע וואלונטירן. צום ערשט האבן מיר געוואלט פארשטיין פארוואס זיי האבן באשלאסן זיך אנצושליסן פונקט אין 'חברה הצלה', אויף וואס זיי אלע ענטפערן ווי אין א כאר, אז זיי האבן געשפירט אז זיי דארפן העלפן אנדערע אידן, זיי פארמאגן די תכונת הנפש דערצו, און עס איז א געוואלדיגער זכות.

אצינד הערן מיר פון איינעם פון די עלטסטע וואלונטירן, מזקני הצלה, הרה"ח ר' דניאל פאלאטשעק, וועלכער דרייט זיך שוין צווישן די הצלה קארידארן פאר איבער פערציג יאר, אז אין אנהייב האט ער בכלל נישט געזוכט אריינצוגיין אין הצלה, אבער נאך וואס מ'האט אים שטארק געמוטשעט, און צוזעענדיג די איבערגעגעבנקייט פון די מסירת נפש'דיגע יונגעלייט, האט ער באשלאסן אז ער ווערט אויך טייל פון אט דער הייליגער ארגאניזאציע.

ר' דניאל: דער ערשטער רוף וואו אהין איך בין געלאפן, איז געווען איין פרייטאג צונאכטס אינמיטן דער נאכט, איך מיט נאך עטליכע וואלונטירן זענען דארט אנגעקומען און געמאכט סי-פי-אר, און פון דאן בין איך שוין הונדערטער, צי טויזנטער מאל געלאפן אויף הצלה קאלס ביז'ן היינטיגן טאג צום גוטן.

ר' מענדל לענעראוויטש דערציילט אונז זיין פערזענליכע רייזע אריין צווישן די הצלה קארידארן: עס איז געווען ארום פערציג יאר צוריק ווען איך האב זיך אנגעשלאסן אין חברה הצלה. אין יענער צייט פלעג איך דרייוון א באס פאר די מוסדות, און מיט ארום פערציג יאר צוריק האט מען מיך אויפגענומען אין די מוסדות צו טון אלע סארט הענדי' ארבעט.

מיין ארבעט באשטייט פון פאררעכטן אלע קלייניגקייטן וואס קענען אונטערקומען, און היינטיגע צייטן מאך איך שוין אליין אלע אייזערנע מעבל פאר די מוסדות. אזויווי

אסאך מענטשן ארבעטן דאך אויסער דער שטאט, און מיין ארבעט איז ב"ה באשערט געווארן צו זיין אין שטאט, דאס מיינט אז איך דריי זיך דא אין שטאט דורכאויס דעם גאנצן טאג, האב איך געטראכט אז עס איז נישט מער ווי פאסיג אז איך זאל זיך אויך אנשליסן אין חברה הצלה און אזוי אריינכאפן נאך געוואלדיגע זכותים פון ראטעווען נפשות על כל צרה שלא תבוא.

היינטיגע צייטן איז שוין פארהאן א גאנצע פראצעדור וואס מ'דארף דורכגיין כדי צו ווערן א וואלונטיר, דעמאלט איז נאך גארנישט געווען, מ'האט זיך איינגעשריבן און מ'האט אפילו נישט געפרעגט די בני בית... היינט איז שוין נישטא אזא זאך ווי ווערן א וואלונטיר אן רשות פונעם ווייב.

ענליך צו דעם הערן מיר פונעם לאנגיעריגן וואלונטיר ר' יחזקאל בראך הי"ו. ר' יחזקאל איז שוין אנגעשלאסן אין חברה הצלה פאר צוויי-און-דרייסיג יאר, און איז עוסק צו ראטעווען אידישע נפשות. מיר געבן איבער דעם ווארט פאר ר' יחזקאל, ער זאל אונז אביסל דערציילן פון זיי רייזע אריין אין הצלה:

עס איז געווען בערך אין יאר תשנ"ד, ווען ר' משה אהרן שטיינבערג האט מיך געטראפן אין בית המדרש און ער זאגט מיר אז עס גייט זיך יעצט אנהייבן א קלאס וואו מ'גייט זיך טרענירן צו קענען ערשטע הילף, און ער בעט אז איך זאל זיך באטייליגן. איך האב נישט עכט געזען קיין סיבה אים אפצוזאגן, אבער איך האב נישט געהאט אין פלאן אריינצוגיין אין הצלה.

ביים קורס האבן זיך באטייליגט ארום צען יונגעלייט, און ווען די לעקציעס האבן זיך געענדיגט האבן אלע פון זיי זיך אנגעשלאסן אין הצלה, בין איך שוין מיטגעגאנגען מיט'ן שטראם.

אויסער דעם וואס איך בין א וואלונטיר פאר הצלה, בין איך דער וועלכער גיט זיך אפ מיט די אמבולאנסן, זיכער מאכן אז זיי זענען אייביג פול מיט גאז, אקסעדזשען, עס איז דא גענוג פון אלע געצייג און צוגעהערן. אויב מאכט זיך אז עפעס צעברעכט זיך, מאך איך זיכער אז עס ווערט פאררעכטן אא"וו.

דער חלק פון זיך אפגעבן מיט די טראקס איז עפעס וואס איך טו שוין ב"ה פאר זעקס-און-צוואנציג יאר, און עס איז ממש א טייל פון מיר. אזוויי איך ווייס אז מ'גייט אין בית המדרש אריין דאווענען דריי מאל א טאג, געב איך זיך אפ מיט די אמבולאנסן, עס איז א חלק פון מיין סדר היום. אפילו ווען איך פאר אוועק אויף וואקאציע אד"ג, וועל איך האלטן מיין טעלעפאן אפן פיר-און-צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, וויבאלד אלע וואלונטירן ווייסן אז אויב עפעס איז צעבראכן אדער מ'האט עפעס א שאלה אויף סיי וועלכע געצייג, קען מען מיך שטענדיג רופן פרעגן.




ווען ס'מאכט זיך אז עפעס פאסירט מיט אן אמבולאנס ווען מ'האלט עס אינמיטן נוצן, ווילן מיר גלייך ארויסשיקן אן אנדערן אמבולאנס אפצונעמען דעם פאציענט. דא דארף מען טאקע ארויסברענגען לשבח די געטרייע קעטסקילס הצלה, וואס זענען אייביג גרייט אונז ארויסצוהעלפן ווען מיר דארפן נאר, און אזוי אויך פארקערט פארמאגן מיר א געוואלדיגע צוזאמארבעט.

## נישט יעדער איז געמאכט פאר הצלה..

"געוויסע מענטשן קענען נישט פארנעמען צו זען בלוט," זאגט אונז ר' מענדל לענראוויטש. "יעדער איז אנדערש און נישט יעדער איינער קען אלעס פארנעמען, אבער איך האב געפילט אז איך פארמאג די כוחות צו קענען העלפן אנדערע אידן און איך האב באשלאסן אז איך שליס זיך אן."

## טראומאטישע סצענעס

רעדנדיג איבער די שווערע סצענעס וואס די הצלה לייט זענען מיט די אייגענע אויגן, זאגט אונז ר' יחזקאל בראך: "ליידער, א הצלה מאן וועלכער לויפט אויף קאלס, וועט זיך אנזען מיט אסאך שווערע און טראומאטישע סצענעס. איך וויל נישט דא ארויסרעדן פונקטליך פון וואס מ'רעדט דא, אבער עס זענען זאכן וואס איז שווער פאר א מענטשליכן מח צו קענען דערהייבן.

"מ'קומט אמאל אן צו אן עקסידענט ר"ל און דער וואלונטיר האט נישט יעצט קיין צייט אריינצוטראכטן אין וואס ער זעט דא פאר זיינע אויגן, וויבאלד יעצט דארף מען אפשטעלן דעם בלוט פלוס אא"וו. מיט די יארן ווערט מען ליידער צוגעוואוינט, אבער עס איז גאר שווער. ווען מ'לערנט זיך די קלאסן אריינצוגיין אין הצלה, איז דאס אייגנטליך איינע פון די זאכן וואס מ'לערנט אויס, וויאזוי זיך אומצוגיין מיט אזעלכע סצענעס און די טראומא וואס דאס קען איבערלאזן נאכדעם."

רעדנדיג איבער די שרעקליכע סצענעס וואס וואלונטירן זעען זיך אן, פירט אונז ר' שלמה קויפמאן אריבער צו אן אנדערער נקודה, וואס דאס איז ווען וואלונטירן ווערן עמאציאנאל פארבינדן מיט א פאציענט.

ר' שלמה: עס איז געווען א געוויסער פאל פון א איד וועלכער איז ליידער דיאגנאזירט געווען מיט די ביטערע מחלה ל"ע, און ער האט זיך אפגעמוטשעט דערמיט פאר אכט חדשים ה"י. דורכאויס דער גאנצער צייט בין איך געווען זייער פארנומען זיך אפגעבן מיט אים, און איך בין געווארן זייער עמאציאנאל פארבינדן מיט דעם איד און מיט דער גאנצער געשיכטע.

ליידער איז נישט געווען באשערט אז ער זאל עס דורכמאכן, און נאך אכט חדשים זיך וואלגערן מיט ביטערע יסורים האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה. קען א מענטש אפשר אמאל טראכטן, אז די אלע כוחות וואס מ'האט אריינגעלייגט זענען געגאנגען לאיבוד און מ'האט גארנישט אויפגעטון, עס איז א דורכפאל. אבער א איד דארף וויסן אז ניין, דאס איז נישט בטעות געשען, נאר אלעס האט א חשבון פון אויבן און אלעס איז געווען אפגעשריבן פון פאראויס. און מיינע זכותים גייען נישט לאיבוד. כ'האב יא אויפגעטון עולמות אפילו מ'זעהט עס נישט אלץ.

ווען עס מאכט זיך אמאל אזא פאל, קענען אריינקומען צום וואלונטיר פארשידענע מחשבות וואס עגבערן אים אז ער וואלט געקענט טון בעסער, און אויב וואלט מען געטון אזוי וואלט בעסער געווען, און דאס איז אייגנטליך א טייל פון דער טרענירונג וואס מ'דארף אדורכגיין צו קענען באקומען דעם אי-עם-טי לייסנס, אז מ'זאל וויסן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט אזעלכע געדאנקען.

ר' שלמה זאגט אונז ווייטער: רעדנדיג פון דעם איז ווערד צו דערמאנען הרב החסיד ר' מרדכי פרידמאן ע"ה, א לאנגיעריגער מיטגליד אין חברה הצלה דקרית יואל, וואס דורכאויס די אלע יארן געדענק איך אומצאליגע מאל ווי ער פלעגט זיך אפגעבן מיט א זעלטענער געטריישאפט ביים באהאנדלען חולים.

אין יענע צייטן פלעגט זיך אסאך מאכן רופן פון עלטערע פאציענטן, מלחמה איבערלעבער, וועלכע האבן ליידער נישט זוכה געווען איבערצולאזן דורות נאך זיך, און עס פלעגט זיין הארצרייסנד מיטצוהאלטן ווי זיי שילדערן אלעס וואס זיי זענען נעבעך דורך. געדענק איך ווי ר' מרדכי פלעגט זיצן שעות און זיך אפגעבן מיט די אידן, זיי אויסהערן, מיטפילן מיט זיי און געבן דעם אוזן קשבת. זיין עסקנות האט זיך נישט אפגעשטעלט ביי אים, נאר ער האט איבערגעלאזט יורשים להבחל"ח זיינע טייערע קינדער, הרה"ח ר' אברהם יעקב ואחיו ר' יואל פרידמאן הי"ו, וועלכע ציען ווייטער די עסקנות און העלפן ארויס אידישע קינדער אין יעדער צייט. יהא זכרו ברוך.

רעדנדיג פון פעלער וואו הצלה בלייבט פארמישט אין פעלער אויך נאכדעם וואס מ'פירט אריין דעם פאציענט אין שפיטאל, זאגט אונז ר' יחזקאל בראך: איך פערזענליך בלייב נישט פארבינדן מיט קיין פאציענטן אדער מיט'ן קעיס איינמאל מ'טראגט אריין דעם פאציענט אין שפיטאל, אבער הצלה האלט יא א פונקטליכער חשבון אויף יעדן איינעם. אויף דעם ספעציפיש איז דא געשטעלט א חשוב'ער איד, ר' יצחק שלמה פאלאטשעק, וואס ער באגלייט יעדן פאציענט און פארזיכערט אז אפילו נאכדעם וואס הצלה ענדיגט זייער קאל און לייגט אראפ דעם פאציענט אין שפיטאל שטייט מען אויף דעם קעיס און מ'נעמט קעיר.

ווען מיר פרעגן ר' דניאל פאלאטשעק איבער וויאזוי ער ספראוועט זיך מיט די שווערע סצענעס, קומט זיין אומגעראכטענער ענטפער, "איך קום פון א חברה קדישא אין תל אביב, וואס אין א גוטן טאג איז בלויז געווען פערצן-פופצן לויות... און טעג אזוויווי זונטאג אדער אסרו חג, האט געקענט זיין צענדליגער ר"ל, און איך ווער שוין נישט איבערגענומען פון שווערע סצענעס.

## הצלה איז העכסט-קאנפידענשאל

"הצלה רופן זענען עפעס וואס ווערן געהאלטן זייער פריוואט," הערן מיר איבער און איבער יעדעס מאל מיר בעטן אז די הצלה לייט זאלן אונז מיטטיילן עטליכע זאפטיגע געשיכטעס וואס זיי האבן מיטגעהאלטן אין לויף פון די יארן. דא דארט האבן מיר יא סוקסעספול באוויזן צו דערוויישן עטליכע געשיכטעס וואס די וואלונטירן האבן דערציילט, פארשטייט זיך אן קיין נאמען.

ר' יחזקאל בראך זאגט אונז: "אן עלטערער וואלונטיר האט מיר אמאל געזאגט א כלל, "איך בין נישט אלץ קיין הצלה וואלונטיר, נאר בלויז פון ווען איך נעם אן דעם רוף ביז איך לייג צוריק דעם אמבולאנס בין איך א הצלה-מאן, אבער פארדעם און נאכדעם האב איך נישט קיין שייכות..." דאס הייסט אז א הצלה-מאן דארף וויסן ווען זיך צו האלטן אינדרויסן פונעם בילד און זיך נישט אריינמישן אדער ח"ו איבערדערציילן געשיכטעס."

## דער חילוק פון אמאל ביז היינט

איין געשיכטע וואס ברענגט ארויס דעם חילוק פון הצלה היינט צו טאג ביז צו יענע ערשטע צייטן, איז ווערד צו דערציילן. עס איז געווען אמאל א פאל וואס עמיצער האט ליידער בטעות אראפגעקלאפט א קליין קינד. היינט וואלטן געקומען צו פליען צענדליגער קארס פון אלע זייטן און די שטאט וואלט זיך איבערגעדרייט, דעמאלט האט מען אבער נאר געהאט איין אמבולאנס טראק, און דעם קינד האט מען געדארפט טראגן מיט א קאר אין שפיטאל אריין....!

הצלה אין יענע יארן איז געווען אזוי אנדערש ווי ס'איז היינט. די אלע סאפיסטיקירטע עקוויפמענט און געצייג, די באסעס און ראדיאוס און אלעס אינצווישן איז געווארן אזוי פארגעשריטן, אז עס איז שווער זיך פארצושטעלן וויאזוי הצלה האט געקענט עקזיסטירן איידער זייער באשאף, אבער עס איז א פאקט, הצלה גייט שוין אן פון דעמאלט ביז היינט, די וואלונטירן מערן זיך כסדר, און נאך און נאך טייערע עקוויפמענט צו העלפן ראטעווען שנעלער און גרינגער אידישע קינדער ווערט כסדר צוגעלייגט.

ר' דניאל פאלאטשעק דערמאנט זיך זיינע זכרונות פון יענע יארן, און דערציילט אונז א טשיקאווע געשיכטע וואס ברענגט ארויס וויאזוי קרית יואל האט אויסגעקוקט אין יענע יארן:

עס איז געווען איין טאג ווען מיר האבן באקומען א רוף איבער א ריזן טרעילער וואס האט זיך איבערגעקערט אויף בעיקערטאון. פארשטייט זיך אז הצלה איז געקומען און דער דרייווער איז געווארן אריינגעפירט אין שפיטאל, אבער דער טרעילער איז אזוי איבערגעדרייטערהייט געבליבן אויפ'ן ארט פאר צוויי וואכן אן דעם וואס איינער זאל זיך קימערן דערמיט, געדענק איך אז איינער איז אנגעקומען און אראפגענומען אלע רעדער פונעם טראק, א חשבון פון אכצן רעדער, עס איז ווערד געווען א שיינע מטבע...! מ'האט כאטש געהאט עפעס ריוח פון דעם.

אזוי אויך, אין יענע צייטן האבן נאכנישט עקזיסטירט קיין חברים, שומרים, מצילי אש אא"וו, און פאר יעדער זאך וואס האט

נאר פאסירט אין שטאט האט מען געהאט איין נומער: "הצלה"! עס איז געווען א פרוי וואס האט אהיימגעברענגט א קלייד פון די קלינערס און עס אויפגעהאנגען אויף איר טיר. עטליכע מינוט זענען פארביי און זי האט אינגאנצן פארגעסן דערפון, און פלוצלינג זעט זי אז עפעס שאקלט זיך ביי דער טיר, און זי האט געמיינט אז עס איז דא א גנב ביי איר טיר.

זייענדיג אזוי דערשראקן, האט זי גערופן הצלה, און מיר זענען פארשטייט זיך געקומען נאר צו זען אז ביי דער טיר הענגט א קלייד וואס שאקלט זיך מיט דעם ווינט...

"אמאל פלעגט מען נאך קענען נאכגיין פונקטליך יעדע קאל און וועלכע וואלונטירן זענען געגאנגען אא"וו," דערציילט אונז ר' יחזקאל בראך. "הצלה האט זיך אזוי געטוישט דורכאויס די יארן, אז ס'איז שווער צו גלייבן בכלל אז דאס איז די זעלבע ארגאניזאציע ווי אמאל. מיט'ן וואוקס פון דער שטאט האט זיך עס אזוי געטוישט צו אזא ריזיגע פארנעם.

"אין די בראשית יארן פלעגט קענען דורכגיין עטליכע טעג וואס די הצלה טראקס זענען געבליבן פארקירט אינעם גאראדזש, און די וואלונטירן האבן כסדר אויספרובירט די ראדיאוס, ווייל מ'האט געמיינט אז עס איז צעבראכן, אזוי שטיל פלעגט אמאל זיין... ברוך ה', היינט איז שוין נישטא כמעט אזא זאך אז עס זאל דורכגיין א טאג אן דעם וואס די אמבולאנסן זאלן נישט ארויספארן צענדליגער מאל - ליידער.

"היינטיגע צייטן זענען די וואלונטירן אויך פיל מער געלערנט. אז א וואלונטיר זאל אמת'דיג טויגן און זיין א גוטער הצלה מאן, קומט דאס נישט נאר פון זיך אסאך לערנען, נאר עס קומט בעיקר פון עקספיריענס, פון גיין אסאך אויף קאלס, און ווי מער מ'גייט אויף קאלס, אלץ מער ערפארונג באקומען די וואלונטירן"

"מענטשן מיינען אמאל אז הצלה איז בלויז דא צו העלפן דעם געזונט אישו," דערציילט אונז איינער פון די אנוועזנדע וואלונטירן. "הצלה איז פיל מער ווי בלויז דאס. ווען א פאציענט קומט אן אין שפיטאל און מ'ווייסט נישט וואס צו טון ווייטער, ווערט דער וואלונטיר ארויסהעלפן מיט וואס ער קען נאר, אז איינער דארף א טעלעפאן טשארדזשער, ווערט דאס דער וואלונטיר אהינגעבן, און אזוי ווייטער זענען פארהאן פיל זייטיגע זאכן וואס די הצלה וואלונטירן לייגן צו פון זייער אייגענעם ווילן און ווארעם הארץ פאר אידישע קינדער."

## מסירת נפש פון די וואלונטירן

די וואלונטירן געבן צו פארשטיין: מענטשן זעען אסאך מאל וואלונטירן לויפן אויף עמוירדזשענסי קאלס מיט לעמפלעך, און עס קוקט אויס ווי אסאך פאן, אבער צו זיין א הצלה וואלונטיר באדייט ארויסלויפן אינמיטן דעם סדר, אינמיטן פארברענגען מיט די קינדערלעך אא"וו, און מ'קען זיך קיינמאל נישט אויסרעכענען.

צו זיין א הצלה וואלונטיר איז עפעס וואס מ'דארף אמת'דיג האלטן דערביי און זיין גרייט זיך אוועקצוגעבן סיי ווען אימער און האבן מסירת נפש פאר אידישע קינדער.

דורכאויס אונזער שמועס הערן מיר נישט איינמאל פון מעשיות ווי וואלונטירן האבן געדארפט ארויסלויפן אין דער צייט וואס יעדער איינער זיצט מיט די קינדער און מ'פארברענגט געשמאק, אבער ווען א איד איז אין א צרה איז נישטא קיין צייט צו ווארטן.

חסד שטעלט זיך נישט אפ, און געוויסע פון די וואלונטירן פארמאגן אייגענע קינדער וואס זענען אנגעשלאסן אין הצלה. ר' מענדל לענראוויטש דערציילט אונז אז זיין יונגסטער זון האט אלס קינד שטארק מורא געהאט פון בכלל אנקוקן אן אמבולאנס, ער האט געהאט אזא געוויסע סארט שרעק דערפון. עוונטועל איז דער זון אויפגעוואקסן, און ער איז שוין היינט אליין א וואלונטיר און זאגאר א פאראמעדיק.

"פארשטייט זיך אז נישט יעדער איינער איז געמאכט פאר דעם," זאגט אונז ר' מענדל "נישט יעדער איינער קען זען בלוט אדער אנדערע שרעקעדיגע סצענעס, אבער אז מ'האט די זכי' אז מ'קען טון חסד איז עס גאר א גרויסער זכות."

ר' דניאל פאלאטשעק: עס זענען געווען טעג וואס איך בין געשלאפן מיט'ן ראדיאו אונטער'ן קישן, און מ'איז געווען גרייט צו לויפן יעדע ליאדע סעקונדע. זיין אין הצלה איז אן אויסערגעוועהנליכע מסירת נפש וואס איז שווער צו באגרייפן. איך בין שוין עלטער אבער איך האב נאך קיינמאל נישט געטראכט פון ארויסגיין, איך קוק עס אן ווי א זכי' אז מ'קען גיין און העלפן אנדערע אידן.

## ווערט שוואכער מיט דער צייט?

אויף אונזער אנפראגע צו ר' מענדל אויב ער פלאנט אמאל אויפצוגעבן און ארויסגיין פון הצלה, קומט זיין שטייפער ענטפער, "נישט אין פלאן! איך וויל בלייבן אין הצלה ביז






די הונדערט-און-צוואנציג, דער אויבערשטער זאל מיר געבן די כוחות."

ר' שלמה דערציילט ווייטער: עס איז געווען א מעשה מיט א איד וואס מ'האט ליידער געטראפן ביי איס א געוויקס ר"ל בדיקת חמץ פארנאכטס, און אזויווי הצלה איז נישטא בלויז צו ראטעווען אין א נויטפאל סיטואציע, נאר איז דא צו באגלייטן דעם חולה מיט אלעס וואס ער דארף, בין איך דעמאלט ארויף צו יענעם אין שטוב מיט עטליכע טויזנט דאלאר פון א זייטיגע הצלה קאסע, כדי זיין בני בית זאל נישט דארפן טראגן די פינאנציעלע דאגה, און אזוי אויך האבן מיר געזען דארט אינדערהיים אז זאכן זענען נישט גרייט אויף פסח, און מיר האבן שנעל ערלעדיגט באקסעס פון עסן פאר א שטוב פון צען קינדער, און מיר האבן ממש איבערגענומען די ווירטשאפט פון דער קיך, שטייענדיג אין אזא מצב וואס דער טאטע געפינט זיך ליידער אין שפיטאל.

דעם ספעציפישן פאל האב איך פערזענליך באגלייט נאך א לענגערע צייט שפעטער, און איך האב ארויסגעהאלפן די משפחה מיט אלעס וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט.

## די ווארימע חיזוק און שטיצע פון פאמיליע

רעדנדיג איבער דער שטיצע וואס די הצלה לייט באקומען פון די בני בית, זאגט אונז ר' בערל פאלאטשעק, "ווען איך האב זיך אנגעשלאסן אין חברה הצלה איז מיין חשוב'ע בני בית תחי' נישט נאר געשטאנען צו דער האנט, נאר זי האט אייגנטליך פיזיש אנטייל גענומען אין דעם דורכ'ן ווערן א דיספעטשער.

"אין יענער צייט האט הצלה געהאט עטליכע פרויען דיספעטשערס, און מיר האבן געשפירט פאר א זכי' אז מיר קענען ביידע עוסק זיין אין ראטעווען אידישע קינדער. ביי אונז אין שטוב האבן די קינדער שוין געוואוסט וואס צו ערווארטן, און יעדער האט אנטייל גענומען אין דער מצוה פון הצלת נפשות. די קינדער האבן געוואוסט אז אנשטאט וואס מ'זאל ענדיגן דעם אפיקומן ביי חצות, קען מען אפטמאל ערשט אנהייבן דעם סדר דעמאלט, אבער עס איז געווען ארייגעבאקן אין זיי די גרויסקייט פון חסד."

"איך פארמאג נאר איין קינד," זאגט אונז ר' יחזקאל בראך, "צוליב דעם בין איך נישט אזויפיל געלאפן אויף הילפס רופן אין צייטן ווי שבת און יו"ט ווען מ'פארברענגט מיט דער פאמיליע. קען זיין אז איך בין נישט גערעכט געווען, אבער אזוי האב איך דעמאלט געשפירט און איך פלעג כמעט נישט ארויסלויפן אינמיטן א סעודה.

"פארשטייט זיך אבער אז ווען איך האב יא געהאט א געלעגנהייט בין איך יא געגאנגען, צום ביישפיל ווען איך בין געזעסן ביים סדר ביי מיין שווער, און איך בין נישט געווען דער וועלכער פירט דעם סדר, האב איך זיך יא ערלויבט ארויסצולויפן אינדערמיט. אין דער זעלבער צייט דארף מען דערמאנען די חשוב'ע יונגעלייט וואס זיי קוקן יא אוועק אויף די פערזענליכע אינטערעסן און זיי לויפן יא אוועק אפילו אינמיטן אזעלכע צייטן, עס איז ממש מסירת נפש.

"אפילו איך פלעג טאקע ווייניג גיין אין אזעלכע צייטן, האט זיך עס יא געמאכט דא און דארט. איין יאר איז אריינגעקומען א רוף ערב יום כיפור און איך בין געווען אויפ'ן וועג צוריק פון דער סיטי, און איך זע אז עס ווערט שפעטער און שפעטער און איך גיי נישט אניאגן אנצוקומען אינדערהיים באצייטנס. הצלה האט דעמאלט ערלעדיגט אז איינער זאל מיר ברענגען עסן פון מאנסי און יענער האט עס מיר איבערגעגעבן אויפ'ן וועג.

"איך בין ערשט אנגעקומען אין בית המדרש אריין צו מעריב, לאנג נאך כל נדרי, און איך האב געשפירט זייער אויסגעשפילט, אבער איך האב געוואוסט אז איך האב געראטעוועט א איד'ס לעבן."

ר' דניאל פאלאטשעק: איך פארמאג ב"ה צוויי איידעמער אין הצלה, און נאך אייניקלעך. איך געדענק אז מיר זענען אמאל געזעסן ביים סדר און עס איז אריינגעקומען א רוף אז איינער האט זיך געשטיקט אויף כריין, און איך מיט מיינע צוויי איידעמער האבן זיך אויפגעהויבן און געלאפן ראטעווען דעם איד. איך האב שוין געהאט הילפס רופן אויף יעדן סארט טאג, יעדן יום טוב אא"וו. היינט האב איך שוין נישט קיין קינדער אינדערהיים איז אביסל גרינגער, אבער אמאל איז טאקע געווען זייער שווער, און אפילו נאך היינט איז עס שווער פאר די בני בית, און דערפאר זענען זיי טאקע שותפים צו דער מצוה. ■

# איבער וועג

## צו ראטעווען לעבנס





# און שטעגן

אן אריינבליק אין די מאסיווע טרענספער-אפעראציע
וויאזוי 'קרית יואל הצלה' וועט פארן די ווייטסטע
שטרעקעס, צו פירן יעדן פאציענט צום בעסטן
שפיטאל אפגעזען די ווייטקייט און שוועריגקייט

שמואל אייכנשטיין





א

איינע פון די זאכן מיט וואס הצלה פון קרית יואל איז באקאנט צו זיין אנדערש פון אנדערע הצלה ארגאניזאציעס, איז אז מען וועט פארן מיט יעדן פאציענט צו דעם בעסטן שפיטאל וואס איז געאייגנט פאר אים ספעציפיש. דאס טוט מען אפגעזען ווי ווייט דער שפיטאל זאל נאר נישט זיין.

כדי צו פארשטיין און ארויסהאבן אביסל טיפער וואס דאס מיינט פארן ווייטע שטרעקעס, זענען מיר זיך אוועק מיט דריי געטרייע וואלונטירן וועלכע זענען באקאנט פונדערנאנט מיט דער ארבעט פון טראגן פאציענטן לאנגע שטרעקעס, און זיי טיילן מיט אביסל פון זייער ערפארונג.

■ **צום אלעם ערשט, אויב קענט איר דערציילן ווען און וויאזוי זענט איר אנגעקומען צו הצלה?**

ר' שלמה צוויבל: איך בין אריינגעקומען דא אין חברה הצלה קרית יואל פאר איבער צוואנציג יאר צוריק, די ערשטע פינף-זעקס יאר בין איך געווען אן EMT, נאכדעם בין איך געגאנגען זיך לערנען צו ווערן א פאראמעדיק. און ברוך השם איך בין שוין א פאראמעדיק פופצן-זעכצן יאר בערך, דער אויבערשטער זאל געבן כח אויף ווייטער.

הצלה פון קרית יואל האט עפעס ספעציעל צו זיך, סיי דער וועג וויאזוי מען באהאנדלט פאציענטן, און אזוי אויך דער וועג וויאזוי מ'באגלייט ווייטער יעדן פאציענט נאכ'ן רוף, און דאס קומט זיך אסאך קרעדיט פאר'ן איבערגעגעבענעם מייסד פון דער הצלה, הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו. ער האט נישט געקוקט ווען ס'קומט צו פארן לאנג דיסטענס, צי ס'איז פינף שעה, צי ס'איז זיבן שעה, צי שבת, יום טוב אדער סיי ווען און אין סיי וועלכער סיטואציע האט ער זיך אוועקגעגעבן צו קענען העלפן אנדערע. און ער האט אויסגעשטעלט אז הצלה זאל אפערירן אויף דעם וועג. מו"ה משה אהרן האט מיר דאס אריינגעלייגט אין דיביינער ממש ביי מיין ערשטן הצלה רוף, און מיט דעם האב איך אריינגעטראטן אין הצלה.

**ר' יהושע ליבערמאן:** מיין טאטע איז הרה"ח ר' שמעון ליבערמאן הי"ו, א באקאנטער וואלונטיר אין הצלה קרית יואל שוין פאר איבער דרייסיג יאר צום גוטן, מיין מאמע תחי' איז געווען א דיספעטשער פאר הצלה פון ווען איך בין געווען א קליין קינד, שוין פאר איבער צוואנציג יאר צום גוטן, און אזוי בין איך אויפגעוואקסן מיט הצלה אלע יארן, און עווענטועל געווארן א וואלונטיר אין הצלה.

איך בין אריינגעקומען אין הצלה מיט פופצן יאר צוריק, בערך א יאר נאך מיין חתונה. הצלה איז דעמאלט געווען אסאך קלענער ווי היינט, ס'איז געווען ממש געציילטע דיספעטשערס, און ס'האט זיך געמאכט דעמאלטס פאר א וואך-צוויי אז ס'איז געווען א מאנגל אין דיספעטשערס. עטליכע דיספעטשערס זענען געווען אין קאנטרי און אן אנדערער דיספעטשער האט געהאט א קינד, מיין מאמע האט גענומען איין שיפט נאכ'ן אנדערן אלס דיספעטשער, אנשטאט די אלע וועלכע זענען נישט אנגעקומען צו דעם. הרה"ח ר' אהרן וואלף פאלאטשעק נ"י האט מיר געגעבן א זאג, "גיי העלף דיין מאמע אביסל," און איך האב אנגעהויבן דיספעטשן דעמאלט פאר הצלה פון צייט צו צייט.

נאכדעם האט הרה"ח ר' יחזקאל בראך הי"ו, וועלכער גיט זיך אפ מיט די אמבולאנסן און עקוויפמענט פון הצלה, מיך אריינגענומען אין דער אפעראציע אז איך זאל אים העלפן סערוויסן די אמבולאנסן. נאכדעם בין איך









# איבער וועגן און שטעגן

געווארן א דרייווער, און נאכדעם בין איך געווארן אן EMT און אפיציעל אריין אין הצלה אלס וואלונטיר.

אייגענטליך, פאר אינטערעסאנטקייט. מיין ערשטע רוף וואס איך געדענק, איז נישט געווען אלס א הצלה וואלונטיר, עס איז געווען ווען איך האב געטראגן דעם אמבולאנס אמאל אנצופילן מיט געז, און מען האט מיך אריינגערופן אינמיטן אז איך זאל שוין ברענגען דעם אמבולאנס צו א קאל. נאכדעם האב איך שוין אריינגעפירט אויך דעם פאציענט אין שפיטאל, פארשטייט זיך אינאיינעם מיט די אנדערע וואלונטירן וואס האבן באהאנדלט דעם פאציענט.

**ר' שמואל דוד פריעדריך:** איך בין אריינגעקומען אין הצלה מיט כמעט פינף און צוואנציג יאר צוריק, ר' שלמה צוויבל האט דעמאלט געוואלט גיין צו אן EMT קורס, עס איז נאך געווען פאר הצלה האט געמאכט קורסעס דא לאקאל אין קרית יואל. האט ער געזוכט א שותף צו פארן אינאיינעם, דעמאלט איז געווען די קורסעס אין ניו דזשערסי, אזוי האט ער מיך אריינגעשלעפט אין הצלה.

סתם פאר אינטערעסאנטקייט ווי ווייט מען איז געגאנגען אין יענע צייטן. מיין ערשטע קאל איז געווען מיט א קליין קינד וואס מען האט געדארפט אונטערזוכן, איך בין דעמאלט געפארן מיט מו"ה חיים דוד מענדלאוויטש צו ארדאן היל שפיטאל זכרונם לברכה... ווען מיר זענען אנגעקומען צום עמערדזשענסי רום האבן מיר געדארפט אנצינדן די לעקטער און אויפוועקן דעם דאקטער וועלכער האט געדרימלט דארט, צו באהאנדלען דעם קינד...

■ **לאמיר אריינגיין אין דעם נושא פון טרענספערס. וויאזוי און ווען האט זיך דאס אנגעהויבן, און ווען האט איר אנגעהויבן גיין אויף די טרענספער-קאלס?**

**ר' שמואל דוד פריעדריך:** די טרענספערס האבן זיך אנגעהויבן ווען אני הקטן אינאיינעם מיט הרה"ח ר' שלמה צוויבל הי"ו און הרה"ח ר' הערשל סאבאוויטש הי"ו זענען געווען באס דרייווער, און מיר זענען געווען געוואוינט צו פארן לאנגע שטרעקעס.

הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו איז געוואויר געווארן דערפון, האט ער אונז גלייך מזכה געווען מיט די ארבעט, און מיר זענען אומאפיציעל געווארן באשטימט אלס וואלונטירן צו טון טרענספערס.

דער גאנצער געדאנק פון טרענספערס קומט אייגענטליך פון ר' משה אהרן, וואס ער איז געווען דער ערשטער צו מאכן לאנגע טרענספערס, נישט קוקנדיג אויף דאס געלט אדער צייט וואס דאס קאסט, אלעס מיט'ן ציל צו געבן די מערסטע פאר תושבי קרית יואל ווען מ'דארף אנקומען צו אזעלכע סערוויסעס אין פאל פון נויט.

**ר' שלמה צוויבל:** ווי באקאנט צייכנט זיך אויס חברה הצלה פון קרית יואל מיט'ן מאכן טרענספערס, און מיר טוען דאס אסאך מער ווי אנדערע הצלה ארגאניזאציעס. לאמיר נעמען אלס משל הצלה אין בארא פארק. בארא פארק האט אויך א געטרייע חברה הצלה וואס איז גאר גוט און שנעל, אבער ממש נעבן בארא פארק איז דא די מיימאנידיס שפיטאל. ס'איז א גוטער שפיטאל מיט א גוטע הארץ אפטיילונג און אלע אנדערע אפטיילונגען, קומט אויס אז זיי דארפן כמעט נישט מאכן קיין טרענספערס. אזוי אויך מיט רוב אנדערע אידישע געגנטער וואו ס'איז דא שפיטעלער ממש דערנעבן.

ביי ספעציעלע פעלער ווען פאציענטן דארפן יא גיין צו א צווייטן שפיטאל, אדער אויב די פאציענטן דארפן צוקומען צו ספעציעלע דאקטוירים, אדער למשל אויב מ'דארף באהאנדלען א ניי געבוירן קינד וואס דארף חס ושלום אנקומען אין א שפיטאל מיט א ספעציעלער קינדער אפטיילונג, האט יעדע הצלה פאר זיך שוין אוועקגעשטעלט א סיסטעם אז ספעציעלע קעיסעס ווערן געטרענספערט צו בעסערע שפיטעלער אין









מאנהעטן אדער אנדערע פלעצער, מען דארף נאר באקומען רשות פון די קאארדינעיטארס אא"וו.

ביי אונז אין "הצלה קרית יואל" איז עס פארקערט. ס'דארף זיין א גוטע סיבה אז מ'זאל גיין מיט א פאציענט דא לאקאל.. ווייל די בעסטע דאקטוירים זענען אין דער סיטי, במילא איז מער א נארמאלע זאך פאר אונז אז יעדער ערנסטער הצלה רוף זאל נעמען מינימום דריי-פיר שעה.

איך דארף מיך טאקע באדאנקען פאר מיינע צוויי שותפים לדבר מצוה, מו"ה שמואל דוד פרידריך און מו"ה הערשי סאבאוויטש, וואס על פי רוב מאך איך די טרענספערס אינאיינעם מיט זיי. איך קען שוין נישט ציילן וויפיל מאל אין די לעצטע צוואנציג יאר מיר זענען געפארן אינאיינעם מאכן לאנגע טרענספערס.

מיר האבן געהאט אסאך טרענספערס פון פאציענטן אין גאר קריטישע אומשטענדן וועלכע מיר האבן געדארפט פירן ביז אזוי ווייט ווי קליוולאנד, באסטאן אדער פילאדעלפיע. די רעדע דא איז איבער וועגן וואס נעמט לענגערע שעות. ברוך השם אז דער אויבערשטער גיט אונז דער כח און זכות דאס אויסצופירן.

**ר' יהושע ליבערמאן:** מיין ערשטע לאנגע טרענספער איז געווען ווען מו"ה שלמה צוויבל און מו"ה הערשי סאבאוויטש האבן מיך גערופן אז זיי האבן א טרענספער קיין קליוולאנד און זיי דארפן האבן נאך א וואלונטיר צו העלפן דרייוון, זיי האבן מיך איינגעלאדנט מיטצוקומען, און איך בין דעמאלט געפארן דעם ערשטן מאל אויף א לאנגער טרענספער פאר הצלה.

**ר' שלמה צוויבל:** איך דערמאן זיך יעצט א מעשה פון מיינע ערשטע טרענספערס, מ'רעדט פון בערך 25 יאר צוריק. עס איז אריינגעקומען א הצלה קאל אז אן עלטערער איד רעדט זיך אפ אויף abdominal pain, איך האב עס נישט אנגעקוקט ווי עפעס ערנסט און מיטגעקומען מיט'ן אמבולאנס צו טראגן דעם איד צו א שטאטישן שפיטאל. הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו איז אויך מיטגעקומען מיט'ן אמבולאנס. איך געדענק אז אינעם אמבולאנס האט ער גערופן א בארימטער דאקטער פון א גרויסן מאנהעטן שפיטאל, און אים געלאזט מעלדן אז מיר זענען אויפ'ן וועג צו אים אז ער זאל זיין גרייט גלייך ווען מיר קומען אן צו אונטערזוכן דעם פאציענט. און דער פאציענט האט טאקע באקומען שנעלערע און בעסערע באהאנדלונג ווי אין סיי וועלכן נענטערן שפיטאל.

ר' משה אהרן האט מיר דעמאלט געזאגט די ווערטער וואס באגלייט מיך ביז היינט ווען איך לאז זיך ארויס אויף א לאנגער טרענספער "שלמה, דו גייסט יעצט אריינקומען אין הצלה, זאלסט וויסן אז דא איז נישט קיין מדובר פון צייט און אויך נישט איבער סיי וואס זאל נאר אונטערקומען, אלעס לייגט מען אוועק אין דער זייט צו העלפן א צווייטן איד."

**ווי אזוי גייט צו אזוינע לאנגע וועגן מיט עסן? איר גרייט עפעס צו פאר אזא מהלך?**

**ר' שלמה צוויבל:** ברוך השם, "הצלה קרית יואל" פארמאגט א טייערער איש החסד מו"ה יחזקאל בראך נ"י KY23, וואס ער מאכט זיכער שוין איבער דרייסיג יאר אז ס'איז דא גענוג עסן און טרונקען אין די אמבולאנסן. פארשטייט זיך אז מען האנדלט נישט פון קיין ריזיגע סעודות מיט גרויסע זאכן, אבער עס איז אייביג געווען גענוג אויף נישט צו זיין הונגעריג.

ס'איז אלץ דא אויף יעדן אמבולאנס א קעיס וואסער מיט טשיפס, אביסל מזונות און דזשוס. סיי פאר'ן פאציענט אויב ער קען עסן, און סיי פאר די הצלה וואלונטירן און משפחה פון דעם פאציענט אויב זיי דארפן עפעס צו מאכן א ברכה.

**ר' יהושע ליבערמאן:** פאר איך לאז זיך ארויס דאווען איך א תפילה, און דער








# איבער וועגן און שטעגן

אויבערשטער העלפט אלעמאל. איך געדענק נישט אז איך זאל אמאל אוועקפארן און עס זאל זיך מאכן עפעס ערנסט בשעת איך בין נישט געווען לאקאל. זייער אסאך טרענספערס זענען נישט קיין געפלאנטע טרענספערס, על פי רוב ווען איך נעם א טרענספער איז עס פון איין מינוט אויף דער צווייטער, און דער אויבערשטער העלפט און מען קען לויפן און העלפן אידישע קינדער. ברוך השם אז דער אויבערשטער איז אויף מסדר אז די ארבעט זאל ווערן געטון בהשגחה עליונה אפילו איך בין נישט אין געגנט.

איך בין געגאנגען אמאל אויף א הצלה רוף צו א קינד מיט ספעציעלע געברויכן אזוי פון איין מינוט אויף דער צווייטער, האב מיר זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין פאר א רייזע פון זעקס שעה.

אזוי ווי ס'איז א לאנגער וועג, האט מען זיך געמוזט אפשטעלן ביי א גאז סטאנציע אינמיטן, איך האב דעמאלט געכאפט אין וואס איך האב זיך אריינגעלאזט - שוין עטליכע שעה אריין אין וועג. איך בין געגאנגען קויפן אביסל טרונקען, ווייל איך האב זיך געכאפט אז דורכאויס דער גאנצער צייט וואס איך בין געווען פארנומען באהאנדלען דעם פאציענט האב איך נישט אריינגענומען עפעס אין מויל.

אזויווי ר' שלמה זאגט, מען האט נישט קיין אנונג וואס דאס ביסל עסן וואס ליגט




**האב איך אים געזאגט אז איך הייס צוויבל. ער האט מיך אנגעקוקט מיט אזא מאדנעם בליק. ער דרייט זיך אויס צו מיין שותף און פרעגט וויאזוי ער הייסט, זאגט ער "קנאבלאך". ער האט אונז דעמאלט אנגעקוקט ווי אראפגעפאלן פון דער לבנה "טו מיר א טובה, געב מיר דיין געהעריגע נעמען. איך גלייב נישט אז צוויבל און קנאבל האבן זיך געטראפן דא נעבן מיין בעט..." מיר האבן שווער געארבעט אים איבערצוצייגן אז "איך הייס טאקע צוויבל און ער איז הייסט טאקע קנאבלאך".**



וואס האט נישט געשפירט גוט, עס איז געווען א געווענליכע קאל וואס האט זיך נישט געהערט אויף דער ראדיא אז עס וועט נעמען צו לאנג. למעשה האט דער דאקטער פונעם קינד וואס איז אין קליוולאנד פארלאנגט אז מען דארף אים ארייברענגען פאר אונטערזוכונגען. און פון דארט, גראד אויף דעם אמבולאנס טוט אויף. און די וועלכע לייגן עס אריין ווייסן טאקע נישט, עס מאכט זיך אז מען פארט ארויס פון איין מינוט אויף דער צווייטער אן קיין געהעריגע פלענער, און על פי רוב ווען דאס געשעט האט מען נישט דעם מח צו טראכטן פון עסן, און מען כאפט זיך נאך עטליכע שעות אז




# איבער וועגן און שטעגן

מען האט שוין לאנג נישט געגעסן, קען מען נעמען פון וואס ליגט אויף די אמבולאנסן.

אסאך מאל מאכט זיך אויך אז די משפחה פון די פאציענטן כאפן זיך אינמיטן וועג אז עס איז דורך שעות זייט זיי האבן עפעס אריינגענומען אין מויל, און ברוך השם אז מען קען זיי געבן עפעס זיך צו דערכאפן דאס הארץ. דאס איז שוין א זייטיגע חסד און הצלת נפשות וואס הצלה טוט...

**דערציילט אונז עפעס אן אינטערעסאנטע געשיכטע וואס איר האט שוין אמאל געהאט אין לויף פון א טרענספער?**

**ר' שמואל דוד פרידריך:** די אינטערעסאנטסטע מעשה וואס איך געדענק, איז געווען ווען מיר זענען געווען אויף א לאנגער טרענספער וואס האט פאסירט פון איין מינוט צו די צווייטע, און צווישן דעם קאל און ארויספארן האב איך אינגאנצן פארגעסן אז עס איז ערב תשעה באב און מען דארף איינפאסטן. מיר זענען ארויסגעפארן אן איינפאקן גארנישט.

ממש פאר'ן זמן האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין א גאז סטאנציע און געזוכט עפעס כשר'ס צו עסן, ב"ה אז צווישן די עסן וואס ליגט אויפ'ן אמבולאנס און די כשר'ס וואס מיר האבן געטראפן דארט אין דער גאז סטאנציע האט מען געקענט עפעס אריינעמען אין מויל אויף צו איינפאסטן.

**ר' שלמה צוויבל:** מיט יארן צוריק איז געווען אן עלטערער איד וואס האט זיך זייער נישט גוט געשפירט. איך געדענק נישט פונקטליך וואס דער פראבלעם איז געווען, אבער אויב געדענק איך ריכטיג האט ער געהאט א היסטאריע פון הארץ פראבלעמען. איך בין אנגעקומען מיט מיין שותף מו"ה ישראל קנאבלאך, דער אדמיניסטראטאר פון הצלה היינט צוטאג, און מיר האבן אים באהאנדלט און געטראגן קיין מאנהעטן אין שפיטאל.

בשעת מיר האבן זיכער געמאכט אז די דאקטוירים קומען צו אים און געבן זיך אפ מיט אים, און זיך שוין געגרייט אוועקצוגיין, האט דער איד אונז געוואלט באדאנקען, ער האט מיך צוגערופן און געפרעגט וויאזוי איך הייס, האב איך אים געזאגט אז איך הייס צוויבל. ער האט מיך אנגעקוקט מיט אזא מאדנעם בליק. ער דרייט זיך אויס צו מיין שותף און פרעגט וויאזוי ער הייסט, זאגט ער "קנאבלאך". ער האט אונז דעמאלט אנגעקוקט ווי אראפגעפאלן פון דער לבנה "טו מיר א טובה, געב מיר דיין געהעריגע נעמען. איך גלייב נישט אז צוויבל און קנאבל האבן זיך געטראפן דא נעבן מיין בעט..." מיר האבן שווער געארבעט אים איבערצוצייגן אז "איך הייס טאקע צוויבל און ער איז הייסט טאקע קנאבלאך."

**איז דא עפעס וואס איר שפירט אז תושבי קרית יואל דארפן וויסן וועגן חברה הצלה?**

**ר' יהושע ליבערמאן:** תושבי קרית יואל זאלן וויסן אז ס'איז נישטא קיין איין גרויסע הצלה ארגאניזאציע אין דער גאנצער וועלט וואס איז אזוי ווייט פון א גוטן שפיטאל ווי קרית יואל. און ביי יעדע הצלה קאל באזונדער פארן מיר א לאנגער וועג ביז'ן בעסטן שפיטאל, בלויז צו קענען העלפן א צווייטן איד. אפילו די קעטסקילס הצלה וואס איז ווייטער פון דער סיטי, שיקן אריבער זייערע פאציענטן קיין קרית יואל, און די וואלונטירן פון דא טראגן ווייטער קיין מאנהעטן. די געגנטער פון וויליאמסבורג און בארא פארק זענען ממש א שפאן אוועק פון גוטע שפיטעלער, אבער פאר אונז מאכט נישט קיין חילוק אויב מען איז נאנט אדער ווייט, יעדער וואלונטיר גיט אוועק אלעס פון זיך צו העלפן א צווייטן איד.

**ר' שלמה צוויבל:** מענטשן דארפן וויסן אז מ'דארף מחזק זיין די הצלה וואלונטירן, סיי ווען מען גייט ארום נאך געלט זאל מען זיך משתתף זיין בעין יפה, דאס אלעס וואס הצלה טוט און ווי ווייט הצלה קען העלפן איז נאר אדאנק וואס מיר האבן ב"ה די סאמע טייערסטע און בעסטע טעכנאלאגיע און עקוויפמענט, וואס דאס גיבט אונז די כלים צו קענען ראטעווען אידן ממות לחיים. און דאס אלעס קאסט געלט!

אבער בעיקר איז וויכטיג פאר אידן צו וויסן, אז ווען מען זעט א וואלונטיר נאך א הצלה רוף, זאל מען נישט קומען פרעגן קיין שאלות וואס דער וואלונטיר קען נישט און וועט נישט ענטפערן, אפילו אויב מען איז זייער נייגעריג אדער מען האלט אז עס איז וויכטיג מען זאל וויסן. פארקערט, דאס בעסטע איז ווען מען זאגט פאר א וואלונטיר "יישר כח פאר דיין ארבעט". מענטשן כאפן נישט און מענטשן ווייסן נישט - דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער אז מען זאל טאקע נישט וויסן - וואס הצלה טוט אלץ. א ווארט פון חיזוק קען אלץ ארויסהעלפן און צוניץ קומען פאר יעדע הצלה וואלונטיר. ■

דער גאנצער געדאנק פון טרענספערס קומט אייגענטליך פון ר' משה אהרן, וואס ער איז געווען דער ערשטער צו מאכן לאנגע טרענספערס, נישט קוקנדיג אויף דאס געלט אדער צייט וואס דאס קאסט, אלעס מיט'ן ציל צו געבן די מערסטע פאר תושבי קרית יואל ווען מ'דארף אנקומען צו אזעלכע סערוויסעס אין פאל פון נויט.

# NorthEast Community Bank



We're here for you.

Member FDIC

NorthEast® Community Bank

necb.com

Equal Housing Lender




### א קליינער שפיטאל;

# דער אמבולאנס

## מיט אלע צוגעהערן

וויאזוי אן אמבולאנס ווערט אויסשטאפירט פון אויבן ביז אונטן זיכער צו מאכן אז עס איז גרייט ארויסצופארן ראטעווען אידישע קינדער צו אלע צייטן




אברהם שפירא

מיר האבן שוין אלע אסאך געהערט און געליינט איבער די געוואלדיגע אקטיוויטעטן אין די רייען פון חברה הצלה, מענטשן ווייסן אבער נישט וויפיל כוחות עס גייען אריין הינטער די קוליסן זיכער צו מאכן אז זאכן קלאפן ביז'ן לעצטן דעטאל, אז יעדער אמבולאנס אדער מעמבער זאל שטענדיג זיין אנגעפילט מיט יעדע קלייניגקייט און וואס די וואלונטירן וועלן זיך מעגליך נויטיגן אין לויף פון א הילפס-רוף.

צו הערן מער איבער דעם אמבולאנס און וויאזוי עס ווערט אויסשטאפירט גרייט צום באנוץ, זענען מיר אריין אין א שמועס מיט צוויי געטרייע און איבערגעגעבענע וואלונטירן וואס שטייען הינטער דער מאסיווער אפעראציע פונעם 'אמבולאנס סערוויס'. זיי זענען די וואס גיבן זיך אפ מיט די אמבולאנסן און מאכן זיכער אז זיי זענען שטענדיג גרייט ארויסצופארן אויפ'ן קומענדיגן הילפס-רוף.

צום אלעם ערשט זעצן מיר זיך אוועק מיט'ן וואלונטיר וואס זיין אויפגאבע איז טאקע זיך אפצוגעבן מיט די אמבולאנסן, הרה"ח ר' **מאיר שטראוס**:

**וויאזוי זענט איר געווארן א טייל פון דעם שטאב וואס גיט זיך אפ מיט די אמבולאנסן?**

עס איז געווען מיט ארום א יאר צוריק ווען מ'האט געזוכט אויסצוברייטערן די סערוויס אפטיילונג פון חברה הצלה, און מ'האט זיך גענייטיגט אין מער וואלונטירן וואס זאלן זיך אפגעבן דערמיט. מ'דארף פארשטיין אז מיר שטייען אין א צייט וואס די גאנצע ארגאניזאציע איז געוואקסן און זיך היפש פארברייטערט איבער די פארלאפענע פאר יאר, מ'האט שוין געקענט ניצן מער הענט אין יעדע אפטיילונג, און דאס זעלביגע איז געווען מיט'ן געברויך צו סערוויסן די אמבולאנסן.

ס'האט מיר דאן א חבר אנגעקלונגען און געפרעגט אויב איך וואלט געקענט ארויסהעלפן אביסל פון צייט צו צייט, און אזוי פלעג איך טאקע אריינקומען און טון די אמבולאנס סערוויס פון צייט צו צייט.

פון אמאל-אמאל איז עס געווארן אן אפטע ערשיינונג, און מיט בערך א יאר צוריק האט מען מיר געפרעגט צי איך וויל אפיציעל אריינקומען אין דער 'סערוויס אפטיילונג'. זייענדיג שוין באקאנט אין דעם פעלד האב איך עס גלייך אנגענומען, און דא שטייען מיר היינט.

דער דעפארטמענט ווערט אנגעפירט דורכ'ן געטרייען הצלה מעמבער הרה"ח ר' **יחזקאל בראך**, וואס ס'איז נישט מעגליך אראפצוגעבן אויף פאפיר וויפיל ער גיבט אוועק פון זיך, זיכער צו מאכן אז די זאך זאל קלאפן ווי א שווייצער זייגער און פארן געשמירט אויף די ריכטיגע רעלסן. ער איז טאקע געווען דער וואס האט מיך אויפגענומען מיט אפענע ארעמס ווען איך בין אריינגעקומען אין דער אפטיילונג. ער האט מיך גאר שטארק געשטיצט און ארויסגעהאלפן אויף יעדן מעגליכן וועג.

■ **וויפיל אמבולאנסן שטייען אונטער אייער שטענדיגער אויפזיכט און ס'איז אייער פאראנטווארטליכקייט זיכער צו מאכן אז זיי זענען גרייט אריינצוגיין אין דינסט סיי ווען?**

ווי געזאגט איז די סערוויס אפטיילונג שטארק פארברייטערט געווארן, און היינט זענען מיר א גרופע פון אפאר יונגעלייט וואס זענען פאראנטווארטליך בלויז אויף דעם אפטיילונג אליין.

יעדער פון אונז האט זיך זיינע צוויי-דריי אמבולאנסן אויף וואס ער איז געשטעלט און ער דארף זיכער מאכן אז די אמבולאנסן ווערן איבערגעפרישט און זענען ריין. דאס איז אויסער זיכער מאכן אז ס'האט יעדע מעגליכע זאך וואס מ'גייט נאר דארפן ניצן אויף א הילפס-רוף, נאנט צו וויט.

■ **איז די סערוויס א זאך מיט וואס איר דארפט זיין פארנומען יעדן טאג אדער איז עס נאר פון צייט צו צייט?**








**קיינער וויל זיך נישט טרעפן פאר א וויכטיגן רוף, און דער אמבולאנס איז ליידיג פון גאז...**

# דער אמבולאנס מיט אלע צוגעהערן









דאס איז א זאך וואס גייט אן יעדן טאג, און פון מאל צו מאל מאכט זיך אפילו וואס מען דארף אריינקומען צוויי צי דריי מאל א טאג איבערצופרישן און צוגרייטן פון פריש דעם אמבולאנס.

עס ארבעט זייער פשוט, יעדעס מאל וואס אן אמבולאנס קומט צוריק פון א קאָל באקומט א מעסעדזש דער וואס איז אחראי אויף יענעם אמבולאנס, און מען לאזט אים וויסן אז דער אמבולאנס איז דא צוריק און מען דארף אריבערקומען ווי שנעלער זיכער צו מאכן אז דער אמבולאנס איז גרייט ארויסצופארן פאר'ן נעקסטן קאָל, על כל צרה שלא תבוא.

**■ וואס גייט אלץ אריין אין צוגרייטן אן אמבולאנס פון ווען עס קומט צוריק ביז עס קען נאכאמאל ארויספארן?**

ווי דערמאנט איז יעדעס מאל וואס אן אמבולאנס קומט צוריק אין גאראדזש, באקומען מיר באלד א מעסעדזש דערוועגן און מען גייט אריבער אנצוהייבן מיט די צוגרייטונגען, און מען דארף באקוקן יעדן קליינעם דעטאל פונעם אמבולאנס, צו מאכן זיכער אז ס'געשעט נישט קיין פאנטשער שפעטער. די אחריות איז זייער גרויס, ווייל יעדע קלייניגקייט קען צופירן שפעטער צו שטארקע עגמת נפש.

מ'דארף זיכער מאכן אז די געז איז פול; קיינער וויל זיך נישט זען פאר א וויכטיגן קאָל אז דער אמבולאנס איז ליידיג פון געז און קען נישט פארן ווייטער. מ'באקוקט אלע עקוויפמענט און די מאשינען, צו מאכן זיכער אז אלעס איז צוריק אין פלאץ, און אויב עפעס פעלט דארף מען זיכער מאכן אז מ'ווייסט וואו ס'ליגט און אז ס'ווערט צוריקגעלייגט. מ'דארף אויך 'ריסטאקן' דעם אמבולאנס מיט 'סופלייס' וואס זענען אויסגעגאנגען. אסאך מאל דארף מען רייניגן דעם אמבולאנס אויב ס'איז געווארן שמוציג, און אויב די בעט איז געניצט געווארן דארף מען עס רייניגן און מאכן גרייט פאר שפעטער.

אסאך מאל מאכט זיך פרייטאג נאכמיטאג ווען אן אמבולאנס קומט צוריק א שעה פאר'ן זמן, וואס מען מוז אריבערלויפן און מסדר זיין דעם אמבולאנס ווייל ס'קען נישט פארן ווייטער אן דעם.

אין די טעכנישע דעטאלן גייט אויך אריין אסאך ארבעט, אנגעהויבן פון קליינע דעטאלן ווי טשארדזשערס און בעטערי-פעקס פאר די וואלונטירן צו ניצן, ביז גרויסע דעטאלן ווי איבריגע אקסידזשען טאנקען און פולע הצלה-קיטס, אז עס זאל אייביג זיין צו דער האנט אלעס וואס מען קען אפשר אמאל דארפן ניצן.

**■ וואס טוט מען ווען ס'קומט צו שבתים אדער לאנגע ימים טובים, ווען די אמבולאנסן ווערן געניצט מער?**

יעדעס מאל ווען ס'קומט ערב שבת און נאכדערצו א לענגערער יום טוב, פרובירט מען אנצוגרייטן אלעס פון פריער און מאכן זיכער אז ס'איז דא גענוג פון אלעס און אז מ'ווייסט פינקטליך וואו אלעס ליגט. ר' **יחזקאל בראך** ני"ו שטייט טאקע דערויף און מאכט זיכער אז מ'לויפט קיינמאל נישט אויס פון אינווענטארי און סופלייס, און אז עס איז אלץ דא גענוג פון אלעם.

מיר גרייטן אויך אן אין דעם גאראזש אסאך איבריגע סופלייס, אז די אמבולאנסן זאלן אפילו אין לאנגע ימים טובים קענען פונקציאנירן ווי געווענליך.

פאר שבת און יום טוב קומט אויך צו די גרעסערע פעקלעך, וואס מיר גרייטן אן אז ס'זאל אלץ זיין אויף די אמבולאנסן, גרעיפ דזשוס, חלה און אסאך עסן און טרונקען, אז אין פאל איינער דארף אריינפארן אדער א וואלונטיר וואס איז לאנג אויף א קאָל זאל אלעס האבן צו דער האנט. אויף דעם אליין זענען געשטעלט אפאר יונגעלייט וואס גיבן זיך אפ נאר מיט דעם.

אויסערדעם במשך די וואכן טעג מאכט מען אויך זיכער אז ס'איז אלץ דא אין די אמבולאנסן לייכטע איבערבייס, ווי ווייט מעגליך, צו דערקוויקן דאס הארץ פון די וואלונטירן און מיטרייזנדע.

**■ ווי וויכטיג איז צו מאכן זיכער אז אלעס איז מסודר אויף הונדערט און פופציג פראצענט?**

עס איז זייער וויכטיג און א שטארקע אחריות צו מאכן זיכער אז אפילו א קלייניגקייט פעלט נישט, ווי מיר האבן זיך עס שוין אסאך מאל איבערצייגט. בעבר איז שוין געווען פעלער וואס א גאנצער קאָל וואלט זיך געקענט אויפהאלטן אויב האט מען ווען נישט א קליינעם דעטאל.

מיר האבן א ליסטע פון יעדע זאך וואס מוז ווערן מסודר אויפ'ן אמבולאנס, און מען גייט איבער יעדע איינציגע דעטאל. און מען רעדט נישט דא פון א קליינע ליסטע, נאר צענדליגער זאכן, גרעסערע און קלענערע,

מוזן ווערן איבערגעקוקט. מיר מאכן זיכער אז אלעס ווערט מסודר און אז מ'זאל זיך נישט שפעטער טרעפן מיט עפעס וואס פעלט. די אחריות איז גאר גרויס, און מיט דער ריכטיגער השתדלות און סייעתא דשמיא מאכן זיך ברוך ה' נישט קיין פראבלעמען.

איך הער אסאך מאל צוריק פון וואלונטירן אז נאך א מזל 'האסט יענץ דארט געלייגט און האסט יענץ אינזין געהאט'. דאס צייגט אונז איינמאל און נאכאמאל ווי וויכטיג ס'איז מסדר צו זיין אן אמבולאנס אויפ'ן העכסטן פארנעם נאר שייך.

## א פרישער כח צו די הצלה מאשין

אונזער קומענדיגער שמועס איז מיט א פרישן וואלונטיר וואס איז דא זיך אפצוגעבן מיט די אמבולאנסן, הרה"ח ר' **יעקב איצקאוויטש** הי"ו.

■ **ר' יעקב! ווען זענט איר אריין אין דער סערוויס אפטיילונג פון הצלה?**

עס איז געווען מיט בערך פינף חדשים צוריק ווען מען איז מיך געקומען פרעגן, צי איך וואלט געקענט באשטיין אריינצוקומען אין דער סערוויס אפטיילונג. איך האב עס פארשטייט זיך גלייך אנגענומען, און פאר די לעצטע פאר חדשים פרובירט מען צו טון דאס בעסטע וואס מעגליך ארויסצוהעלפן מיט דעם אפטיילונג.

■ **וויאזוי זענט איר אנגעקומען צו ווערן אויפגענומען אין דער אפטיילונג?**

היות מיין טאטע הרה"ח ר' **אליעזר דוד איצקאוויטש** הי"ו איז א קאארדינאטאר פאר די הצלה בין איך אויפגעוואקסן און מיטגעהאלטן פון דער נאנט מיט די הצלה אקטיוויטעטן, און ווען די ארגאניזאציע האט זיך מער פארברייטערט און מען האט געזוכט נאך וואלונטירן איז אויסגעקומען אז מ'האט מיך געפרעגט אויב איך וואלט געקענט באשטיין אריינצוקומען, און ברוך ה' מען האט נישט קיין חרטה.

■ **ווי אפט איבער'ן טאג זענט איר פארנומען דערמיט און וואס נעמט די ארבעט אלץ אריין?**

ווי ר' **מאיר שטראוס** האט שוין פריער דערמאנט באקומט יעדער וואלונטיר א מעסעדזש ווי נאר אן אמבולאנס אויף וואס ער איז אחראי קומט צוריק, און דאס פריסטע וואס מעגליך גייט מען אראפ און מען רישט אויס דעם אמבולאנס אז עס זאל אויסזען ממש דאס זעלבע ווי פאר דער אמבולאנס איז ארויס אויף דעם קאָל.

וויבאלד קרית יואל הצלה האט א ריזיגע צאל אמבולאנסן מאכט זיך געווענליך נישט קיין סאך אז מען זאל דארפן איבערפילן אן אמבולאנס מער ווי איין מאל א טאג, אבער עס מאכט זיך יא אמאל ווען מען דארף צוריקקומען מער ווי איין מאל א טאג.

די ארבעט נעמט אריין זייער אסאך. מען גייט איבער איין מאל און נאכאמאל אלע זאכן, כדי זיכער צו מאכן אז מען לאזט נישט גארנישט אויס. מען עפנט אלע שאפעס און לעדלעך און מען מאכט זיכער אז פון יעדער



זאך איז דא איבער געגוג.

מיר ווייסן פינקטליך וואס עס דארף אלץ זיין אין דעם אמבולאנס, אנגעהויבן פון דער בעט ביז פלעשלעך וואסער. יעדע זאך ווערט איבערגעקוקט און מסודר אויפ'ן העכסטן פארנעם נאר מעגליך.

■ **וואס זענען די וויכטיגסטע זאכן וואס מען דארף זיכער מאכן אז דער אמבולאנס האט פאר עס קען נאכאמאל ארויספארן אויף א הילפס-רוף?**

עס איז שווער אנצוצייכענען אויף א ספעציעלער זאך וואס שטארצט ארויס, וויבאלד ווען מען רעדט פון א הצלה-רוף מאכן אפילו די קלייניגקייטן אסאך אויס. למשל, אויב האט דער אמבולאנס נישט קיין פרישע אקסידזשען טאנקען אדער אן איבריגן פולן הצלה-קיט קען זיך אסאך מאל מאכן וואס מען זאל דארפן אויפהאלטן דעם אמבולאנס פאר איבריגע מינוטן, וואס קענען אסאך מאל זיין צופיל און גיין אויפ'ן חשבון פון דיני נפשות.

עס איז וויכטיג צו דערמאנען אז אנפילן דעם אמבולאנס מיט גאז צו דעם מאקסימום קען אסאך מאל זיין דאס זעלבע וויכטיג ווי די קלייניגקייטן וואס מען קען אסאך מאל אוועקמאכן, אבער שפעטער שטעלט זיך ארויס אז דאס איז גאר געווען פון די וויכטיגסטע זאכן.

■ **מאכט זיך אמאל וואס מען ארבעט אונטער דרוק נאך וואס דער אמבולאנס מוז ארויספארן ממש פון איין רוף צו דעם אנדערן?**

געווענליך מאכט זיך עס נישט צו אפט, וויבאלד מיר האבן אסאך אמבולאנסן. איך אליין האב עס טאקע נאך קיינמאל נישט געהאט, אבער עס האבן זיך שוין געמאכט פעלער ווען מען האט גערדארפט איבערניצן איין אמבולאנס אפאר מאל איינס נאכ'ן אנדערן, צי ווייל איין אמבולאנס איז ארויס פון באנוץ אדער צוליב וואס אן אמבולאנס האט געמוזט ארויספארן פון געגנט.

■ **וויאזוי האנדלט מען אין אזעלכע אנגעשטרענגטע פעלער?**

מען ארבעט אביסל אונטער דרוק, אבער נאך אלץ דאס שנעלסטע וואס מעגליך. מען מאכט זיכער אז אפילו ווען מען יאגט זיך פארגעסט מען נישט קיין איין קליינעם דעטאל וואס דארף ווערן מסודר, נאר אלעס זאל קלאפן ווי געווענליך. ■

# הצלה אמבולאנס **עקווּיפּמענט**




יעדער אמבולאנס פארמאגט הונדערטער באשטאנדטיילן דערין, אלעס אויסגעשטעלט צו קענען ראטעווען חולי ישראל

יעדער הצלה-אמבולאנס קומט אויסגעשטאט מיט צענדליגער, אויב נישט הונדערטער, זאכן, אנגעהויבן פון זאכן וואס יעדער זעט און געענדיגט ביי זאכן וואס ליגן אין א קליין לעדל הינטן פונעם אמבולאנס אבער איז צו דער זעלבער צייט אזוי וויכטיג ווי די גרויסע זאכן.

יעדער אמבולאנס איז ווי א קליינער שפיטאל, מיט דער מעגליכקייט צו קענען ראטעווען לעבנס, אויסהיילן אדער שטארק סטאביליזירן דעם מצב. ווי מער די מעדיצינישע וועלט ווערט פארגעשריטן, ווערן די אמבולאנסן אויך מער און מער אויסגעברייטערט. אמאל האט אן אמבולאנס נאר געהאט א בעט מיט אן אקסידזשען טאנק, אבער היינטיגע צייטן קען מען פארלוירן ווערן פון אזויפיל זאכן און מען דארף האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ צו געדענקען פונקטליך וואס עס ליגט וואו.

אויף די געטרייע וואלונטירן פון חברה הצלה ליגט טאקע די אחריות זיכער צו מאכן אז יעדעס איינס פון די אלע געצייג זענען צו יעדער צייט דא גענוג דערפון אויפ'ן אמבולאנס.

לאמיר אייך ארויפפירן אויפ'ן אמבולאנס און זען וואס ליגט אלץ דערויף, צו פארשטיין ווי קאמפליצירט און וויכטיג עס איז צו האבן די ריכטיגע אחריות אז אלעס זאל קלאפן אויפ'ן בעסטן פארנעם.

איידער מיר הייבן אן מיט דעם אמבולאנס איז זייער אינטערעסאנט צו באמערקן אז אנדערש ווי ביי דער אלגעמיינער EMS, וואו אלע געצייג ליגט אויפ'ן אמבולאנס, איז עס אויסגעשטעלט ביי הצלה אז יעדער מעמבער פארמאגט אסאך וויכטיגע געצייג ביי זיך אין קאר. א געוועגליכער הצלה-מעמבער וועט אייביג האבן ביי זיך אין קאר די מינימום געצייג וואס פעלט זיך אויס, א שטייגער ווי א דעפיברילאטאר, עטליכע וויכטיגע מעדיצינען, און נאך.

א מעדיק וועט שטענדיג האבן מיט זיך פיל מער טייערע און וויכטיגע געצייג. א מעדיק פארמאגט א גאר טייערן דעפיברילאטאר, וואס קען קאסטן גאנצע פופציג טויזנט דאלאר, ער פארמאגט ארום פערציג מעדיצינען, און נאך אסאך געצייג. דער קאר פונעם מעדיק מוז אלעמאל זיין אויסגערישט מיט מערערע סחורה, אז ער זאל קענען רעאגירן צו עטליכע קאָלס אן דארפן פארן צום הצלה-גאראזש זיך אנצופילן מיט געצייג.

יעצט לאמיר צוגיין צום אמבולאנס. אן אמבולאנס פארמאגט נישט די ALS מעדיצינען, וואס זענען די גאר טייערע און קאמפליצירטע מעדיצינען וואס ליגן נאר ביים מעדיק. דער סארט מעדיצינען דארפן זיין איינגעשריבן ביי דער שטאט, און עס איז זייער שווער דאס צו האלטן אויפ'ן אמבולאנס. אויפ'ן אמבולאנס געפינען זיך נאר די בי-על-עס מעדיצינען, די געוועגליכע מעדיצינען, וואס מען דארף כסדר ניצן. דער אמבולאנס קומט אן צו אלע סארטן קאָלס מיט די געוועגליכע געצייג וואס מען דארף האבן, און אויב דארף מען אנקומען צו א מעדיק וועט ער אנקומען מיט די געצייג, וואס נאר א מעדיק פארמאגט.

## די הצלה-בעט (סטרעטשער)

ממש פון די ערשטע זאכן וואס מען ווייסט איבער'ן אמבולאנס איז די בעט. יעדער ווייסט פון דעם גרויסן סטרעטשער וואס מען קען גרינג און שנעל ארויסשלעפן און אריינשטופן אינעם אמבולאנס, אבער זייער ווייניג ווייסן וואס עס נעמט אלץ אריין.

אנגעהויבן פון דער עצם בעט מיט דעם מאטראץ און זיכערהייט גארטלען, נעמט עס אויך אריין זאכן ווי קישנס, דעקעס און א 'לאַקינג'-סיסטעם. די געטרייע וואלונטירן דארפן אגאנצע צייט זיכער מאכן אז עס איז ציכטיג ריין, אז די באטערי ארבעט און אז די רעדלעך און אנגלען ארבעטן געשמירט און שנעל.

אין מערערע פעלער איז נישט מעגליך צו ניצן דעם סטרעטשער, און צוליב דעם פארמאגט יעדער אמבולאנס א ספעציעלן ראדשטול אין ווערד פון עטליכע אלפים, וואס איז געמאכט צו פירן פאציענטן פון שמעלערע הייזער, אראפ שטיגן, אדער אין אנדערע פעלער. דאס בענקל איז א גאר טייערע זאך, צוליב זיינע מעגליכקייטן צו פירן מענטשן אין אלע סיטואציעס אויף א זיכערן אופן.

## לופט און אטעמען עקווּיפּמענט

אויף יעדן אמבולאנס מוז ליגן איינס אדער מער אקסידזשען טאנקען, וואס איז געמאכט אז אויב א מענטשנ'ס אקסידזשען פאלט צו נידריגע נומערן, אדער ער קען חלילה בכלל נישט אטעמען, זאל מען עס קענען צושטעפן צו אים און אים דערמיט ראטעווען. מען דארף עס האלטן אין איין איבערפרישן, אז עס זאל אייביג זיין אין באניץ.

מיט יעדן אקסידזשען טאנק קומט אויך מיט אן אקסידזשען



רעגולאטאר, וואס מען קען אלץ ארויפלייגן אויף דעם טאנק, צו האלטן חשבון וויפיל צו נוצן. עס לאזט אויך זיך קענען ארומשפילן מיט וויפיל אקסידזשען דער טאנק זאל ארויסלאזן.

דערנאך זענען דא נאך אסאך זאכן נאר פאר דעם אקסידזשען טאנק אליין, אנגעהויבן ביי ״פלאו מיטערס״, וואס איז געמאכט צו קענען פונקטליך מיטהאלטן אלעס איבער די אקסידזשען, און געענדיגט ביי ״נעזעל קענאלס״ אדער ״אקסידזשען טובינג״, וואס דאס אלעס העלפט ארויס אז דער פאציענט זאל זיך פילן דאס מערסטע באקוועם און רואיג ווען ער באניצט זיך מיט'ן אקסידזשען טאנק.

די טאנקען אויפ'ן אמבולאנס זענען ארום צען מאל די גרויס פון די טאנקען וואס מען קען ארומפירן אין הייזער, און יעדער פון אונזערע אמבולאנסן פארמאגט צוויי אזעלכע טאנקען. די סיבה פארוואס מיר פארמאגן צוויי איז צוליב דעם וואס מיר פירן דורך ווייטערע טראנספארטן ווי אנדערע הצלה-ארגאניזאציעס, און מען דארף האבן גענוג אקסידזשען אויפ'ן אמבולאנס פאר נויטבאדערפטיגע פאציענטן.

דאס אלעס איז אויב דער פאציענט קען אטעמען און ער דארף בלויז האבן אקסידזשען, אבער אויב ער קען ניש טאטעמען פארמאגט דער אמבולאנס א ספעציעלע מאסקע, גערופן א בי-ווי-עם. די שטאט פארלאנגט צו האבן צוויי דערפון אויף יעדן אמבולאנס, אבער מיר פארמאגן פינף מאל מער, צו זיין פארזיכערט אז מיר האבן אלעמאל גענוג סחורה. קרית יואל הצלה גייט לחומרא ווען ס'קומט צו הצלת נפשות!

יעדע אמבולאנס פארמאגט אויך אלע סארטן אקסידזשען מאסקעס, פון אלע סייזעס. יעדע מאסקע מוז זיין געפאקט אין א באזונדער פעקל, און גארנישט קען נישט ווערן איבערגעניצט. אזוי אויך ווען עס קומט צו נאך סארטן געצייג קען מען נישט האבן א פעקל פון עטליכע שטיק, וואס קאסט ביליגער, ווייל מיר טראגן פאציענטן מיט אלע סארטן מחלות און קרענק, און מיר דארפן גאר שטארק אכטונג געבן אז גארנישט זאל זיך חלילה אריבערכאפן פון איינעם צום צווייטן און אלעס זאל זיין ציכטיג ריין.

## פון אלץ און אלעמען

יעדער אמבולאנס האט אויף זיך א גאנצע אפטיילונג פאר טראומע סיטואציעס, וואס קענען זיך מאכן אין אסאך פעלער און אין פארשידענע ערליי וועגן, און יעדער אמבולאנס מוז קענען זיין גרייט צו רעאגירן אין סעקונדעס צו אזא קאַל און זיך צוגרייטן מיט די נייטיגע געצייג.

יעדער אמבולאנס פארמאגט פיל סארטן געצייג וועלכע זענען געאייגנט פאר צעבראכענע ביינער. דאס נעמט אריין אלע סארטן ״ספלינטס״ פון אלע מאסן, פאר הענט, פיס, און נאך סארטן. אויך זענען פאראן אלע סארטן ״גאוז פעדס״ פון אלע מאסן, וואס דארפן אויך זיין באזונדער געפאקט יעדעס איינס. אויך איז דא ביי די האנט א טייערע 'בלאד-פרעשור' מאשין – א ווערד פון 'פינף טויזנט דאלאר' – צו קענען מאניטירן די בלוט-דרוק, ספעציעל ביי לענגערע טרענספערס און פאר פאציענטן אין א קריטישן צושטאנד.

דערנאך זענען פאראן מאשינען צו קוקן די צוקער, וואס נעמט אריין פיל סארטן געצייג. אויך איז דא אויף יעדן אמבולאנס ספעציעלע כעמיקאלן צו ריינינגן אויגן, אין פאל וואס ס'איז אריין עפעס אין די אויגן. אין אזא פאל קען מען נישט ניצן פשוט וואסער, און מען דארף ניצן א ספעציעלע פליסיגקייט וואס ציפט נישט אין די אויגן.

אויך איז דא א פולע ״קיט״ וואס ווערט גענוצט אויב א פאציענט בלוטיגט אויף א שטארקן אופן, און עס אנטהאלט א ספעציעל בענדל וואס מען ניצט אפצוהאלטן דאס בלוט ביז מען קומט אן צום שפיטאל. הצלה פארמאגט אויך א ספעציעלע זאך אפצושטעלן בלוט, גערופן א ״קוויק קלאט״. דאס איז א סארט פוידער וואס ליגט אויף א ״פעד״ און שטעלט אפ בלוט. דאס איז א זאך וואס די גוים פארמאגן נישט אין זייערע אמבולאנסן צוליב די גרויסע קאסטן דערפון און צוליב וואס דאס איז א כעמיקאל וואס 'עקספייערט' און מען דארף כסדר קויפן פרישע.

דערנאך זענען פאראן ״האט פעקס״ און ״קאלד פעקס״, מיט וואס יעדער אמבולאנס איז אנגעסטאקט. דער האט פעק איז געמאכט צו בארואיגן שמערצן פון א וואונד, און דעם קאלד פעק לייגט מען אויף א קלאפ ווען מען וויל נישט אז עס זאל ווערן א באל. די אמבולאנסן פארמאגן נישט קיין פרידזשידער אדער מייקראוועיוו, און די פעקס ווערן אנגעהייצט אדער אפגעקילט דורך ספעציעלע כעמיקאלן.

דערנאך קומען די קליינע זאכן, וואס זענען טאקע נישט לעבנס-וויכטיג אבער מען קען נישט פונקציאנירן אן דעם. דאס רעכנט אריין הענטשיך, מאסקעס, סענטייזערס, גוטע ווענטילאציע סיסטעמען און נאך פיל מער. די ליסטע גייט נאך לענגער און לענגער, מיט גאר אסאך זאכן וואס שטעלן צוזאם דעם אמבולאנס צו קענען דערמיט ראטעווען מענטשן און העלפן אין יעדער מעגליכער סיטואציע וואס איז נאר פאראן. ■


Calacatta Viola,
FROM THE QUARRIES OF ITALY
Visit our mega showroom
1055 Rt 17m, Monroe NY, 10950
845.783.3121 | allstilesinc.com | @allstiles
ALL STILES
Granite and Marble
podium.nyc




אברהם שפירא

# הצלה'ס נאכט פויגל

אן אריינבליק אויף די ערנסטע אפעראציע וואס הצלה קרית יואל האט אין לויף פון די נעכט, זיכער מאכנדיג אז די תושבים אין שטאט זענען פארזיכערט אין אלע שעות פונעם טאג

איינע פון די דיוויזיעס אינערהאלב הצלה זענען די ספעציעלע 'נאכט יוניטס'. דער געדאנק דערפון איז אז די נאכט ווערט צוטיילט אין משמורות, און פאר יעדע דריי שעה זענען פארהאן צוויי אנדערע מעמבערס וועלכע זענען אויף און שטייען גרייט יעדע רגע ארויסצולויפן אויף א קאל, על כל צרה שלא תבוא.

דער רעיון דערפון איז געבוירן געווארן יארן צוריק דורכ'ן מייסד הצלה ר' משה אהרן שטיינבערג וואס האט עס דאן געהאט צוזאמגעשטעלט מיט די געטרייע הצלה מעמבער'ס ר' חיים דוד מענדלאוויטש און ר' חיים אלעזר הורוויץ. היינט צו טאג ווערט דאס געפירט דורך די געטרייע מעמבערס ר' יואל גראס און ר' יוסף (יוסי) בלומענטאל.

אין א שמועס מיט'ן געטרייען וואלונטיר ר' משה הערש בראך, וועלכער נעמט יעדן חודש לפחות 'דריי נאכט-שיפטס', גיבט ער אונז צו פארשטיין ווי ער זעט בחוש די געוואלדיגע אויפטוה דערפון, זייענדיג עדות אז אדאנק דעם וואס ער איז געווען אויף און גרייט צו רעאגירן יעדע סעקונדע צו אן אריינקומענדן קאל, האט שוין בפועל געראטעוועט אידישע לעבנס, מענטשן וועם ער וואלט נישט געהאט די מעגליכקייט פון ראטעווען אויב וואלט ער נאך געליגן אין בעט און געדארפט האבן מער צייט זיך צוצוגרייטן און דאן קומען צו לויפן!

רעדנדיג מיט ר' חיים דוד מענדלאוויטש, וועלכער האט – ווי דערמאנט - אריינגעברענגט דעם געדאנק אינאיינעם מיט ר' משה אהרן, ערקלערט ער אונז, אז ס'זענען אויך דא מעמבערס וועלכע שטייען אויף יעדן טאג גאר פרי לעבודת הבורא, ממש אין די סאמע ערשטע צופרי שעות ווען ס'איז נאך טונקל, און זיי שטייען דעמאלטס גרייט אין פאל מ'רופט הצלה, צווישן די ציילן זיך די העלדישע מעמבערס ווי ר' ליפא אפענהיים און ר' יעקב יוסף (יאנקי) גלויבער.

די 'נייט-יוניט' פארמאגט היינט צו טאג א באזונדערע קאר – געספאנסערט דורכ'ן געטרייען מעמבער ר' יואל גראס פון 'נעסטוועל העלט' - וואס איז ספיציעל דעזיגנירט פאר דעם צוועק, שטייענדיג כסדר גרייט צו קענען האלטן דער שטאט פארזיכערט בעז"ה און קענען גלייך רעאגירן צו יעדע קאל.






Materials For
Every Purpose.
artractiveny.com
ADEN
Mining & Materials Corp
Shia Lieberman
Sales
347.781.4545
ADEN
Mining & Materials Corp
(845)-990-ROCK || adenaggregates.com || slieberman@adenaggregate.com

# דינער זכרונות

"א בילד רעדט מער ווי טויזנט ווערטער" איז אן אור-אלטער שפריכווארט, אבער זעענדיג אזוינע בילדער, באקומט דאס ווארט א גענצליך פרישן משמעות. די בילדער צייגן באשיינפערליך דאס הארץ פון כלל ישראל.

אידן ווייסן ווי וויכטיג הצלה איז, אידן ווייסן צו שעצן די ארבעט וואס די וואוילטעטיגע וואלונטירן לייגן אריין, אידן פארשטייען אז אן זייער שטיצע קען אזא מאסיווע אפאראציע נישט אנגיין פאר מער ווי א טאג, און טאקע דערפאר האבן זיך טויזנטער אידן, תושבי קרית יואל, באטייליגט ביי די דינער'ס וואס זענען אפגעהאלטן געווארן אויף א יערליכן פארנעם דא אין שטאט, ביז בערך 10 יאר צוריק.

אבער נישט נאר וואס טויזנטער הערצער באטייליגן זיך ארויסצואווייזן שטיצע, נאר די מיליאנען וואס אידן זענען מנדב ביי די דינער'ס פאר חברה הצלה ווערט אויף אייביג דינען ווי עדות אז די ארבעט פון חברה הצלה איז כמים פנים לפנים - מיט די אויסערגעווענליכע שטיצע פון תושבי קרית יואל.












# ר׳ יצחק שלמה, דער באגלייטער





שמואל וואלדמאן

מיר פרובירן כאפן א שמועס מיט'ן בארימטן עסקן ומומחה בעניני רפואה והצלה הרה"ח **ר' יצחק שלמה פאלאטשעק הי"ו**, וועלכער איז ברייט באקאנט אלס מלאך המושיע וואס באגלייט יעדע איינציגסטע קעיס פון חברה הצלה, אבער אפילו אונזער קורצע שמועס איז נישט אנגעגאנגען אָן ווערן איבערגעהאקט...

מיר האבן געדארפט נאכלויפן ר' יצחק שלמה פאר עטליכע טעג, בלויז צו באקומען עטליכע מינוט פון זיין צייט, צו קענען הערן פון אים א משהו מער איבער זיין איבערמידליכע ארבעט אינערהאלב חברה הצלה, וואס איז ממש ענדלאז און צום באוואונדערן.

"יום ולילה לא ישבותו" איז נישט קיין גוזמא צו זאגן אויף הרה"ח ר' יצחק שלמה פאלאטשעק הי"ו; טאג און נאכט, איז ער אקטיוו און פיבערט מיט'ן באגלייטן און רעקאמענדירן קעיסעס פון הצלת נפשות.

אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה, אט דאס איז מיט וואס ר' יצחק שלמה איז פארנומען! ער איז דא מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה צו מאכן זיכער אז הצלה'ס ארבעט ווערט ערלעדיגט ביז צום שלימות, טוענדיג באגלייטן יעדן קעיס מיט טאט און ראט, צו ברענגען די בעסטע רפואה והצלה רעזולטאטן בעזה"י.

מיר באדאנקען זיך הערצליך פאר ר' יצחק שלמה פאר'ן אונז וועקשענקען אפאר געציילטע מינוט פון זייערע טייערע צייט.

**■ א גוטן ר' יצחק שלמה, וואס געני' טוט איר אין חברה הצלה?**

פינף מינוט צוריק האט מיר אנגערופן איינער פון אונזערע פאראמעדיקס, ר' אליעזר שווארץ, וואס איז אויך א דאקטער דא אין שטאט. ער האט מיר געקלונגען בנוגע א פאציענט וואס האט געהאט א וויזיט ביי אים, פאר וועמען ער האט גערופן הצלה. נאך איידער ער האט גערופן הצלה האט ער מיך געקאלט, פשוט זיך דורכצורעדן איבער דעם פאציענט, וועלכע שפיטאל איז די בעסטע אין דעם פאל און אזוי ווייטער.

איך בין יעצט גרייט אז די מעמבערס וואס רעאגירן צו דעם קאל וועלן מיר אויף רופן, און איך וועל מסתמא האבן נאנט צו צען טעלעפאן קאלס דורכאויס די נאכט, אלעס נאר איבער דעם איינעם פאציענט. כמעט אלע דאקטוירים דא אין קרית יואל רופן מיר אין אזוינע פעלער, און איך בין פארנומען מיט די אלע קאלס פון דארט און ווייטער.

פארשטייט זיך אז מען רעדט נישט נאר פון דאקטוירים וואס רופן... איך האב דאס אנגעכאפט ווייל דאס האב איך ממש יעצט געהאט, געציילטע מינוט צוריק. איך בין פארנומען מיט יעדע איינציגסטע פאציענט וואס הצלה פירט אריין אין שפיטאל. איך באגלייט פערזענליך דעם פאציענט ביז ער קומט אן אהיים געזונטערהייט אין א גוטע שעה. איך בין אין קאנטאקט מיט די מעמבערס בשעת דעם קאל, מיט די פאציענט זעלבסט, און מיט יעדן וואס איז נאר פארמישט דערין.

ביי יעצט איז שוין ארום פופצן יאר וואס איך פאלג נאך פאציענטן, זאל דער אויבערשטער ווייטער שטיין צו די רעכטע האנט.

איידער מיר גייען ווייטער, עס איז וויכטיג צו פארשטיין אז קרית יואל איז אנדערש ווי רוב אנדערע געגנטער, איבערהויפט בארא פארק און וויליאמסבורג, וועלכע האבן, גוטע, וואוקגעשטעלטע שפיטעלער נישט ווייט. דא אין קרית יואל ברויך מען אין יעדן פאל פאר זיך שוקל זיין דער מצב, און געבויט אויף דעם דארפן מיר מחליט זיין אין וועלכע שפיטאל אריינצוטראגן דעם פאציענט, וועלכע דאקטאר איז די בעסטע צו באהאנדלען אין דעם פאל און אזוי ווייטער.

**■ דאס הערט זיך ווי א 'פול-טיים' דזשאב; טוט איר עפעס פאר פרנסה אויסערדעם?**

אמת, דאס פארנעמט טאקע היינט פול-טיים, און דאס איז מיין ארבעט אין וואס איך בין עוסק אגאנצן טאג. איך בין געשטעלט אויף דעם דורך חברה הצלה.

דאס איז אבער א דזשאב וואס איז אינגאנצן

## אמת, דאס פארנעמט טאקע היינט פול-טיים, און דאס איז מיין ארבעט אין וואס איך בין עוסק אגאנצן טאג. איך בין געשטעלט אויף דעם דורך חברה הצלה.



**נישטא קיין זייגער בכלל. איך בין אוועילעבל אויפצוהייבן טעלעפאן רופן פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך. נישטא קיין טאג אראפ, נישטא קיין וואקאציע, נישטא גארנישט.**

למעלה מן הזמן. נישטא קיין זייגער בכלל. איך בין אוועילעבל אויפצוהייבן טעלעפאן רופן פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך. נישטא קיין טאג אראפ, נישטא קיין וואקאציע, נישטא גארנישט.

אונזער קומענדיגער פראגע האט ר' יצחק שלמה ניטאמאל עספיעט צו ענטפערן, וויבאלד זיין טעלעפאן האט זיך צעקלינגען. מיר זענען געבליבן הערן פון וואס עס רעדט זיך, פרובירנדיג אויפצוכאפן פון וואספארא קאל ס'האנדלט זיך, פארשטייט זיך אן די נאמען און פערזענליכע אינפארמאציע.

עס האט זיך געהאנדלט איבער א בעבי פון זעקס-זיבן וואכן, פאר וועם דער דאקטער האט געהייסן רופן הצלה און אריינפירן אין שפיטאל. דאס קינד האט זייער שווער געאטעמט, און ב"ה אז אין עמערדזשנסי רום איז עס היבש בעסער געווארן. דער טאטע פונעם קינד האט גערופן ר' יצחק שלמה, איבערשמועסן וואס ער האט גערעדט מיט'ן דאקטאר און דורכגיין אלע אינפארמאציע.

דער יונגערמאן האט דאן אויך געגעבן דעם טרייבל פאר'ן דאקטער, וואס האט באזונדער מסביר געווען פאר ר' יצחק שלמה זיין בליק אויפ'ן קעיס, זאגנדיג אז דאס קינד דארף בלייבן איבערנאכט אין שפיטאל, נעמענדיג אין אכט ווי קליינטשיג דאס קינד איז, און וואס דער מצב איז מיט'ן קינד.

מיר האבן געקענט מיטהאלטן ווי ר' יצחק שלמה האט זיך גוט פארשטאנען מיטן דאקטער ווי כאילו זיי רעדן יעדן איינציגן טאג, און ער האט דערנאך גרינג מסביר געווען פאר'ן פאטער אז זיין קינד מוז בלייבן איבערנאכט אין שפיטאל כדי די דאקטוירים זאלן קענען האלטן אן אויג אויפ'ן קינד.

דער שמועס איז שוין מער וויניגער געווען געענדיגט ווען ר' יצחק שלמה האט אראפגעלייגט מיט דעם פארלוירענעם טאטע, מיר האבן אבער נישט געדארפט מער ווי דעם.

נאכן מיטהאלטן איין אזא רוף האבן מיר שוין פארשטאנען אז קרית יואל ווייסט ניטאמאל וואספארא ארבעט ר' יצחק שלמה לייגט אריין יעדן איינציגן מינוט פון טאג, וויפיל קעיסעס גייען דורך זיין הענט און וויפיל ער פארגרינגערט און דערלייכטערט דעם ציבור אין אזעלכע סיטואציעס.

זאל אים דער אייבערשטער העלפן און געבן די כוחות ווייטער צו קענען אויספירן זיין שליחות מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא געזונטערהייט מתוך הרחבת הדעת.

לך בכחך זה והושעת את ישראל! ■




Care with passion™
Blooming Grove pharmacy
Rx #050200
YOM TOV, PESACH
Directions: take for 8 days or as otherwise directed.
FYI: Children's Ibuprofen, Acetaminophen, and Diphenhydramine (Benadryl) are all kosher for Pesach.
PRESCRIBED L'PESACH.
No need to worry about checking if your medication is kosher for Pesach. If we sent it, we checked it. Because great care is why we're here, every day of the year.
א געזונטן פרייליכן פסח
faigyporgesz.com
שמואל יוסף זאלדאן
Blooming Grove pharmacy
Formerly RegionRX
HAVE YOUR DOCTOR SEND IN YOUR PRESCRIPTION. WE'LL HANDLE THE REST.
Call/Text / WA 845.775.4175
Fax: 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950
NEW NUMBER
Sunday - Thursday
9 AM - 9 PM
Friday
9 AM - zman
FAST, RELIABLE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING.








# הצל

## חברי הצלה פרישן אויף זייערע זכרון-קעמערלעך צוריקגייענדיג צו זייער שטארקסטן הצלה-מאמענט וואס זיי האבן געהאט אין לויף פון זייערע יארן אלס וואלונטיר

שמואל אייכנשטיין

















# אומפארגעסליכע
# ה מאמענטן






אין יעדער הצלה-קאריערע איז דא אזויפיל וואס א מעמבער זעט און האלט מיט אין לויף פון די יארן, פון אידן וואס מ'האט ממש צוריקגעברענגט ממות לחיים ביז גאר שווערע אומשטענדן אין וועלכע מ'האט געדארפט ראטעווען א קריטישן פאציענט.

וואס זענען דען נישט הצלה-מעמבערס? פון שווערע עקסידענטן ביז איינער וואס דערטרינקט זיך, איינער וואס איז אראפגעפאלן און באקומען א שווערן לאך אין קאפ, און דעם נעקסטן וואס מ'דארף ארויסראטעווען פון א העלישן פייער ה"י.

יעדע הצלה-רוף טראגט אונטער זיך א געשיכטע, עפעס וואס דער מעמבער האט נאכנישט געהאט פארדעם און וועט נישט וויסן דערנאך. דעם מעמבער'ס ראדיא קען זיך צעקלינגען ווען ער איז ביי א חתונה, אינמיטן שחרית, פארשלאפן אין בעט אדער אינמיטן מאכן 'יחץ' פראוועןדיג דעם סדר-נאכט מיט זיינע קינדער.

טאקע כדי צו קענען באגרייפן די שטארקסטע מאמענטן וואס הצלה-וואלונטירן האבן געהאט אין לויף פון די יארן וואס זיי ראטעווען חולי ישראל, האבן מיר זיך פארבינדן מיט א גרויסן טייל מעמבערס, אז זיי זאלן אונז שילדערן זייער שטארקסטן הצלה-מאמענט.

■ ■ ■

## מאיר יצחק ווייס

**KY-21**

פון איבער די לעצטע צוואנציג יאר וואס איך האב די זכיה צו קענען לויפן העלפן אידישע קינדער, קען איך דערציילן צענדליגער מעשיות וואס עס קומט מיר ממש צו וויינען ווען איך דערמאן זיך דערפון. איין מעשה איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק, די צווייטע נאכט פורים, בערך עלף אזייגער, ווען עס איז אריינגעקומען א רוף איבער אן עלטערן איד וואס מוטשעט זיך צו אטעמען ל"ע און רעאגירט נישט געהעריג. פורים איז באקאנט צו זיין דער מערסט פארנומענער טאג אין הצלה, עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט און אלע מעמבערס האבן שוין געהאלטן אדער נאך עד דלא ידע אדער נאך אגאנצן טאג לויפן אויף הצלה-קאלס.

למעשה זענען מיר אנגעקומען, דריי ערשעפטע מעמבערס, און אריינגעפירט דעם איד אין א לאקאלן שפיטאל. נאכ'ן זיין דארט פאר א שעה מיט אים האט דער שפיטאל גענאגט אז זיי קענען אים נישט ריכטיג באהאנדלען, נאר מען דארף אים טרענספערן קיין מאנהעטן. מיר האבן אים טאקע געטראגן צו א גוטן שפיטאל אין מאנהעטן, און ווען מיר זענען אהיימגעקומען צוריק קיין קרית יואל איז שוין געווען שושן פורים צופרי און מיר זענען גראד געגאנגען דאווענען שחרית.

בערך צוויי יאר שפעטער בין איך געווען ביי א שמחה און אן עלטערער איד איז צוגעקומען צו מיר און זיך אידענטיפיצירט אלס דער איד וואס מיר האבן געראטעוועט פורים. איך בין דעמאלט ארויסגעלאפן פון זאל און פשוט אנגעהויבן וויינען אינדרויסן אין פארקינג לאט. כ'האב געוויינט פאר התרגשות. איך האב דעמאלט איינגעזען די העלדישקייט פון די הצלה-מעמבערס וואס האבן זיך איבערגעשטרענגט מער ווי מען האט געקענט פארלאנגען פון זיי, און ברוך השם באוויזן צו ראטעווען אן איד וואס איז היינט געזונט און שטארק.

■ ■ ■

## יצחק עקשטיין

**KY-72**

מיין שטארקסטער מאמענט איז בלי ספק געווען ווען איין פרייטאג נאכמיטאג אינעם זומער דא אין בלומינגגראוו איז אריינגעקומען א רוף צו הצלה, אז א אינגל האט זיך דערטרונקען אין א סווימינג-פול. ווען מיר זענען אנגעקומען איז דאס קינד געווען אין "קארדיאק ארעסט", און ברוך השם מ'האט אים צוריקגעברענגט ממש ממות לחיים אזוי ווייט אז א וואך שפעטער איז ער שוין געווען צוריק אין חדר כאחד האדם. דאס איז מיר אריין אין די ביינער מער ווי אנדערע קעיסעס, ווייל כ'האב שוין געהאט אסאך ערליי קאלס, אבער דאס איז געווען אן אויסטערלישער פאל ווען איך האב צוריקגעברענגט איינעם וואס איז שוין געווען כמעט אויף יענער וועלט.

אזוי אויך ווען איך באקום א רוף פון א משפחה-מיטגליד אדער פון א פאציענט נאך א הצלה-קאָל און ער זאגט מיר, "איך בין געווען אין שפיטאל און זיי זאגן אז ס'איז גארנישט ערנסט, עס איז נישט געווען קיין סיבה פארוואס מען האט געדארפט גיין אין שפיטאל", איז עס פאר מיר אויך שטארקע מאמענטן, ס'פריידט מיר דאס הארץ אויף די גוטע בשורות.

■ ■ ■

## אלי שפיצער

**KY-37**

הצלה איז ביי מיר יעדן טאג עפעס אנדערש, און עס איז שווער צו געדענקען איין זאך. ס'געווען אמאל ווען עס איז אריינגעקומען א רוף צו הצלה אז אן עלטערער איד האט אריינשפאצירט אין א פרעמד הויז און נישט געכאפט וואו ער איז. פאר די אריינרופער איז עס געווען א לאכעדיגע סיטואציע, זיי האבן גערופן הצלה בלויז פאר דעם מצב, אבער די מעמבערס וואס זענען אנגעקומען האבן גלייך געכאפט אז די סיטואציע איז מער פון דעם. זיי האבן שנעל

געגומען דעם איד אין שפיטאל און אים געראטעוועט א מינוט פאר ער האט געהאט א מאסיווע הארץ אטאקע ה"י.

איך געדענק אז אמאל האט א מאמע אריינגערופן הצלה אז איר קינד פארפירט אז ס'איז אים אריינגעפלויגן א פליג אין דער נאז און ער פילט ווי דער פליג פליט ארום אין זיין רוקן. מיר זענען אנגעקומען עטליכע מעמבערס צום קאָפ און נישט געקענט כאפן וואס מען דארף דא טון מיט'ן קינד. עס איז נישט געווען קיין שום פליג, נאר א אינגל וואס האט פארפירט אז ער שפירט עס אין זיין רוקן.

איין מעמבער האט גענומען קאנטראל און געזאגט פאר'ן אינגל אז ער גייט ארויסנעמען דעם פליג. ער איז געגאנגען מיט א פאפיר און געפאכעט ביים רוקן און געמאכט גערודער, ביז "דער פליג" איז וואונדערליך ארויסגעקומען... כ'בין ארויס פון התפעלות ווי דער מעמבער איז אזוי איבערגעגעבן אז ער איז גרייט זיך נאריש צו מאכן אבי צו העלפן דעם קינד און זיין מאמען. דאס איז הצלה, מ'העלפט אויף יעדן אופן מיט די העכסטע מאס געטריישאפט.

■ ■ ■

## אליעזר וואלדמאן

### KY-79

איך געדענק אמאל ווען מיר זענען געלאפן צו א קאָל פון אן איד וואס האט געהאט א הארץ אטאקע ר"ל. מיר זענען אנגעקומען, עטליכע מעמבערס צוזאמען, און באוויזן צו סטאביליזירן דעם איד, מיר האבן אים ארויפגעלייגט אויפ'ן סטרעטשער און אים אראפגעטראגן אויף דער גאס און אריינגעלייגט אין אמבולאנס.

ווי נאר דער אמבולאנס איז וועקגעפארן האבן מיר באמערקט ווי איינער פון די מעמבערס הייבט אן ווערן בלאס און לייגט זיך אראפ אויף דער גאס. מיר זענען שנעל צוגעלאפן און געזען אז אויך דער מעמבער האט ל"ע געכאפט א הארץ אטאקע. אזוויי מיר זענען פונקט יעצט געווען ביי א קאָל האבן מיר געהאט אלע נויטיגע געצייג ביי די הענט, און אים געקענט צייטליך ראטעווען ברוך ה'. כ'וויל נישט טראכטן וואס וועלט געווען ווען ער וואלט נישט געווען אויף די סצענע און עס וואלט געגומען אפילו נאר צוויי מינוט פאר הצלה צו קומען.... איך האב דעמאלט געשפירט ווי דער אויבערשטער גיבט א גלעט פאר אלע חברי הצלה און זאגט, "אויב עטס העלפטס מיינע קינדער וועל איך ענק העלפן..."

■ ■ ■

## שלמה טירנויער

### KY-11

איין ספעציפישע מעשה וואס ליגט מיר יעצט אין קאפ האט פאסירט בערך צען יאר צוריק. איין טאג האב איך באקומען א טעלעפאן-קאל פון אן אומבאקאנטן נומער, און דער מענטש אויף דער אנדערער זייט טעלעפאן האט זיך פארגעשטעלט מיט זיין נאמען און מיך איינגעלאדנט צו א חתונה אין א געוויסן זאל. דער איד האט מיר געזאגט, "היינט נאכט מאכסטו חתונה, קום אנגעטון מיט א שטריימל און בעקיטשע..."

איך האב נישט פונקטליך פארשטאנען וואס ער וויל, אבער שפעטער בין איך אנגעקומען צום זאל און דער אבי החתן איז צוגעקומען צו מיר און ער ווייזט מיר זיין זון אויפ'ן חתן, און זאגט: "ער האט געהאט א שווערן עקסידענט מיט עטליכע יאר צוריק, און דו ביסט דעמאלט אנגעקומען און אים געראטעוועט דאס לעבן. דו ביסט דעמאלט געווען אויפ'ן קאָל פאר לאנגע שעות ביז ער איז איז געווארן פלאצירט אין א גוטן שפיטאל, און היינט קען ער שוין שטיין און טאנצן אויף די אייגענע פיס. דו ביסט דא א מחותן פונקט ווי איך..."

■ ■ ■

## שמואל האפמאן

### KY-60

איך באקום זייער שטארקע עמאציאנעלע רעאקציעס ווען איך גיי אין בית המדרש אדער אויף שמחות און איך טרעף א איד אויף וועמען איך האב מיט עטליכע טעג פריער געמאכט 'סי-פי-אר' און אים צוריקגעברענגט פון יענע וועלט און דער איד שפאצירט ארום כאחד האדם. דאס זעלבע איז ווען מען קומט אן צו א סצענע פון א קינד אדער ערוואקסענע וואס האט געהאט אן

אלערגישע רעאקציע און קען נישט אטעמען אדער איז שוין בלוי, און מען גיט אים אן 'עפי-פען', אז עטליכע מינוט שפעטער, ווען די מעמבערס פאקן צוזאם דאס געצייג און ענדיגן רעדן מיט די עלטערן, שפילט שוין דאס קינד אינדרויסן צוזאמען מיט זיינע חברים. ווען מיר גייען ארויס פון דעם הויז באטראכט ער די גרויסע הצלה-טאטעס מיט נייגער ווי כאילו נישט אים מיינט מען...

נאך א זאך איז ווען מען הערט צוריק פון מעמבערס וואס גייען אוועק פון הילפס-רופן אבער בלייבן זארגן פאר דער משפחה וואס די עלטערן זענען געפארן אין שפיטאל. מ'וועט זיכער מאכן פאר'ן פארלאזן דעם פאציענט אז זאכן ווערן קעיר גענומען און מ'טוט אפילו באגלייטן שפעטער צו זארגן פאר דעם וואוילזיין פון די קינדער ביז די עלטערן קומען צוריק פון שפיטאל. מ'קען פשוט איבערגענומען פון ווערן, ס'נישטא קיין ווערטער ארויסצוברענגען די געטריישאפט פון הצלה וואלונטירן.

■ ■ ■

## מרדכי יואל אונגאר

### KY-88

איך האב א גוטן חבר וואס מיר האבן ביידע געהאט אינגלעך אינעם זעלבן טאג, מיר האבן זיך געטראפן אין שפיטאל דעמאלט און זיך געוואונטשן מזל טוב אינאיינעם. מיר האבן צוזאמען אויפגעצויגן די קינדער און מיטגעהאלטן ווי זיי הייבן אן קריכן און רעדן, און כמעט דריי יאר שפעטער האט מיין חבר מיך איינגעלאדנט צום אפשערן פון זיין זון, אבער איך האב אים געזאגט אז איך קען נישט קומען ווייל איך מאך אויך אן אפשערן דעם זעלבן טאג.

איך האב געהאלטן אינמיטן אנגרייטן די סעודה ביי מיר אינדערהיים, ווען עס איז אריינגעקומען א רוף איבער א אינגל וואס האט זיך צעקלאפט. איך בין אהינגעלאפן באהאנדלען דאס אינגל, און ווען אלעס איז מסודר געווארן מיט דעם קינד האב איך זיך ארומגעקוקט

וואס טוט זיך און זיך געטראָפן ביי מיין חבר'ס אפשערן...

אבער דער ריכטיגסטער מאמענט איז געווען ווען איין ערב שבת בין איך געזעסן מיט מיין משפחה אין קאר און ס'איז אריינגעקומען א רוף איבער א ספעציעל קינד וואס מען דארף אונטערזוכן.

איך בין אהינגעפלויגן מיט'ן חשבון אז ס'וועט נישט נעמען מער ווי אפאר מינוט, אבער למעשה האבן זיך זאכן פארשלעפט און א שעה שפעטער האב איך גערופן דעם דיספעטשער און געזאגט אז דער קאָל וועט נאך נעמען לאנג און מיין משפחה ווארט אינדרויסן. דער דיספעטשער האט מיר געזאגט אז ער וועט עס מסדר זיין, און אפאר מינוט שפעטער איז געקומען א צווייטער מעמבער, גענומען מיין קאר און אהיימגעטראגן מיין משפחה ממש אפאר מינוט פאר ליכט צינדן. יעדעס מאל ווען איך טראכט צוריק צו דער מעשה ווער איך נאכאמאל מרוגש פון יענעם מעמבער אז ער האט אוועקגעגעבן פון זיין צייט עטליכע מינוט פאר'ן זמן פשוט צו העלפן א צווייטן מעמבער, אפילו נישט קיין אפיציעלער הצלה-קאָל און אן קיין שום פרסום.

■ ■ ■

## שלמה אפעל
### KY-101

איך האב אמאל געדיספעטשט א הצלה-קאָל אין די טעג פאר פורים, פון א איד בערך דרייסיג יאר אלט וואס מען האט אריינגעפירט אין שפיטאל און עס האט גענומען עטליכע וואכן ביז ער האט געקענט צוריקגיין אהיים און צו זיין ארבעט.

א טאג נאכ'ן דיספעטשן דעם קאָל בין איך איניינעם מיט איינעם פון די מעמבערס וואס האבן רעאגירט צו דעם רוף דורכגעפארן דעם שפיטאל וואו דער פאציענט איז געווען, און דער מעמבער פרעגט מיר, "וואס טוט זיין משפחה יעצט, אז דער פרנסה-ברענגער איז אין שפיטאל?"

דארט אינעם אמבולאנס האט דער מעמבער ארומגערופן אפאר אידן און איינגעזען אז יעצט ווען דער איד איז אין שפיטאל האט זיין משפחה באמת נישט וואס אריינצונעמען אין מויל.

דער מעמבער האט זיך אריינגעלייגט אין דער זאך און אנגעהויבן שיקן עסן פאר דער משפחה יעדע וואך. דער מעמבער האט אנגעהויבן גיין נאך געלט יעדן צופרי ביי שחרית און עס אריינגעלייגט אין זייער גראסערי אקאונט, און ער האט אויך באצאלט שכר לימוד פאר דער משפחה. פאר פסח האט ער ארומגערופן עטליכע געשעפטן און ערלעדיגט פאר די קינדער הערליכע נייע קליידער פאר יום טוב.

ווי דער נוסח הצלה ווייסט קיינער נישט פון דער מעשה, און בלויז ווייל איך בין געווען אין אמבולאנס בשעת מעשה האב איך מיטגעהאלטן וויאזוי עס אנטוויקלט זיך נאך א קייט אין דעם חסד וואס באגלייט חברה הצלה.

■ ■ ■

## יואל דייטש
### KY-24

דער שטארקסטער מאמענט וואס איך האב געהאט איז געווען ווען איך בין אמאל געזעסן אין אן אמבולאנס זונטאג פארטאגס אויפ'ן וועג אהיים פון א קאָל וואס איז אריינגעקומען ממש נאך וואס איך האב געענדיגט הבדלה. איך בין געזעסן צוזאמען מיט צוויי אנדערע מעמבערס וואס זענען אויך געלאפן צום קאָל א רגע נאך הבדלה, און עס האט אונז אלע געכאפט די שטארקייט פון די משפחות פון די מעמבערס. די פרויען פון די מעמבערס זענען די ריכטיגע העלדן פון הצלה.

זינט דאן זעה איך אסאך מאל אינעם אמבולאנס אויפ'ן וועג אהיים פון א קאָל, און איך טראכט נאכאמאל וועגן די מעמבערס וואס זענען מיט מיר. יעדער פון זיי האט א פרוי וואס איז אים מחזק צו גיין ווייטער מיט דער ארבעט און פארקוקט אויף די טעג און נעכט, שבתים און ימים טובים און שמחות ווען דער מאן איז נישט אנוועזנד מיטצוהאלטן.

יעדער מעמבער האט א ראדיא וואס ארבעט פיר-און-צוואנציג שעה, צי זאל עס זיין אינמיטן דער נאכט און וועקט אויף, אדער אינמיטן דער סעודה ווען עס קומט א קלינגעדיגער פייף. די פרויען זענען די וואס שטיצן דאס מערסטע די מעמבערס, און די פרויען פון די מעמבערס וואלט נישט געווען קיין הצלה.

■ ■ ■

## יואל בער גרין
### KY-59

איך קען דיר דערציילן וואס איך האב מיטגעהאלטן היינט אינדערפרי. איך בין געזעסן מיט א צווייטן מעמבער אין בית מדרש און געשמועסט על דא ועל הא, ווען אינצווישן איז צוגעקומען א איד וואס איך קען זיך מיט אים און ער איז אויך א גוטער חבר מיט'ן צווייטן מעמבער.

דער איד איז אריין אין א שמועס מיט'ן צווייטן מעמבער איבער א הצלה-קאָל וואס איז געווען נעכטן אין דער געגנט וואו ער וואוינט, און ער האט פרובירט מיט אלע וועגן צו מאכן דעם צווייטן מעמבער רעדן און פארציילן פונקטליך וואס עס איז פארגעקומען. ער האט פרובירט צו טענה'ן אז ער איז א ווייטער קרוב און ס'איז וויכטיג צו וויסן ווייל ער דארף פארציילן פאר דער משפחה, ער האט גע'טענה'ט אז ער דארף קענען זאגן פאר די גאס אז מען דארף זיך נישט זארגן, און נאך אזעלכע טענות. דער מעמבער מיט וועמען איך האב געהאלטן אינמיטן רעדן האט זיך געהאלטן שטארק און בלויז איבערגעזאגט אז אלס מעמבער קען ער נישט זאגן און ארויסגעבן פריוואטע אינפארמאציע פון הצלה-קאָלס. נישט קיין חילוק וויפיל מאל דער איד האט פרובירט צו מאכן רעדן, האט דער מעמבער געהאלטן דאס מויל און גארנישט

ארויסגעגעבן.

איך האלט כסדר מיט אזוינע מעשיות, ווי אידן פרובירן דורכצובורעכן די פריוואטקייט וואס נעמט ארום די חברי הצלה, אבער היינט אינדערפרי האב איך עס מיטגעהאלטן פערזענליך. דער מעמבער וואלט פונקט אזוי געקענט לאזן פאלן האלבע רמזים אדער אפילו בלויז זאגן דריי ווערטער כדי לויז צו ווערן פון דעם איד וואס האט אים געמוטשעט, אבער אלס חבר הצלה האט ער אכטונג געגעבן אויפ'ן כבוד פון דעם פאציענט וואס האט געדארפט אונזער הילף.

▪ ▪ ▪

## שלמה אפעל

**KY-80**

דער שטארקסטער מאמענט וואס באגלייט מיך פערזענליך איז ווען מען זעט די חסדי השם וואס באגלייט הצלה. מען קען נישט באגרייפן וואס עס מיינט ווען מען זעט נאך א שווערן הצלה-קאָל ווי די מעמבערס גייען אהיים אן קיין כוח און אויסגעמאטערט. אסאך מאל קומען קאָלס באגלייט מיט שווערע איבערלעבענישן וואס קענען שווער אויסקלאפן, און אלע מעמבערס זענען יעדער ביי זיך ווי דער אויבערשטער אליין גיט כוח צו קענען גיין ווייטער.

איך דערמאן זיך יעצט א שטארקער מאמענט — זאל עס זיין לעילוי נשמת חנניה יום טוב ליפא בן אברהם (ר' ליפא קאהן ז"ל) — אז נאכ'ן אהערמופן פון מאנטרעאל האב איך אנגעהויבן גיין אויף קאָלס אין קרית יואל, און זייענדיג ביי איינס פון די ערשטע קאָלס האב איך בשעת מעשה געדארפט מאכן א החלטה וואס צו טון מיט'ן פאציענט איבער א מעדיצינישן פרט. די מעמבערס האבן געשמועסט און ארויפגעברענגט אלע אפציעס, און אלס פרישער מעמבער האב איך זיך געהאלטן שטיל, נישט ווילנדיג אריינרעדן. אבער אינמיטן דעם שמועס דרייט זיך ר' ליפא ז"ל אויס צו מיר און פרעגט מיר, "און וואס זאגסטו?"

דאס געפיל וואס איך האב דעמאלטס באקומען געדענק איך נאך ביז יעצט. ביז היינט, ווען איך זע א פרישן מעמבער וואס האט מורא צו רעדן פרוביר איך אים אלע ארייַנצוברענגען אין דעם שמועס. ער באקומט קוראזש און חיזוק אנצוגיין מיט העלדישקייט פאר הצלת נפשות.

▪ ▪ ▪

## חנני' איינדיג

**MEDIC 3**

די שטארקסטע מאמענטן זענען בלי שום ספק יעדעס מאל ווען עס קומט אריין א קאָל און עס קומען אן מעמבערס אין געציילטע רגעים. הצלה פון קרית יואל איז באקאנט מיט איר שנעלער רעספאָנס-צייט.

מענטשן מיינען אז א הצלה-מעמבער איז א געוויסער סארט מענטש וואס ווערט געבוירן אלס מעמבער און אגאנצן טאג זיצט ער אין קאר מיט די הענט אויפ'ן קנעפל וואס צינדט אן די סירענעס און ווארט פשוט אז ס'זאל אריינקומען א קאָל, אבער דער אמת איז אז יעדער איינציגער מעמבער האט א משפחה מיט קינדער און א פרנסה מיט שיעורי תורה און שמחות מיט אנדערע התחייבות'ן צו זיין פארנומען.

אויב איינער ווערט אפשטעלן א מעמבער צופרי און אים פרעגן אויב ער פלאנט צו האבן היינט איבעריגע דריי-פיר שעה פאר א הצלה-קאָל וועט ער ענטפערן אז ניין, אבער למעשה ווען עס קומט אריין א רוף ווילן אלע מיטהאלטן ווי די מעמבערס לאזן אלעס אפּ און קומען אן אויף דער סצענע אין ממש רגעים. עס איז א חידוש יעדעס מאל באזונדער.

איך קען דיר זאגן נאכמער, אז אסאך מאל קומען אריין רופן צו אדרעסן פון אידן וואס האלטן אז עס איז נישט לפי כבודם אז מען רופט הצלה, אדער סתם צעבראכענע אידן, און זיי זענען נישט צופרידן מיט דעם אז מעמבערס קומען, און זיי קענען אסאך מאל רעדן נישט שיין צו מעמבערס אדער אפילו שרייען אויף דעם וואס האט גערופן הצלה. אבער אנשטאט רעאגירן מיט אנטוישונג "אז דו ווילסט שרייען טרעף א צווייטן צו רופן", קומען די מעמבערס צו זיי נאכאמאל און נאכאמאל מיט דער גרעסטער מאס געטריישאפט, פשוט ווייל מ'ווייסט אז מ'איז דא מיט א שליחות פון הימל, צו העלפן אידישע קינדער.

מיין פערזענליכער שטארקסטער מאמענט איז געווען אין די ערשטע פאר וואכן וואס איך בין געווען א הצלה-מעמבער. איך בין געווען דער ערשטער מעמבער צו א שרעקליכן עקסידענט, ווען עס איז אריינגעקומען א רוף אז א טראק איז איבערגעפארן א קאר. איך געדענק אז אנקומענדיג האב איך געזען א שטיקל קאר, איך בין עס דורכגעפארן און געזוכט וואו דער קאר איז... ביז עטליכע מענטשן וואס זענען געשטאנען ביי דער זייט פון דעם שאסיי האבן מיך געוויזן צו דעם שטיקל קאר אז דארט דארף מען מיין הילף. איך בין צוריקגעפארן און געזען אז דאס שטיקל קאר איז בעצם דער גאנצער קאר, צעקוועטשטערהייט, און אלע פינף אידן אינעווייניג זענען ליידער אומגעקומען רח"ל! דאס איז געווען די ברוכים הבאים פאר מיר צו הצלה. פאר חדשים שפעטער, יעדעס מאל וואס איך האב נאר געשמעקט געז האב איך נאכאמאל מיטגעלעבט די קאשמארן פון דעמאלט, אבער ברוך השם איך בין עס סוף כל סוף איבערגעקומען און מען גייט אן ווייטער מיט די ארבעט.

▪ ▪ ▪

## משה יקותיאל שווארץ

**KY-10**

אין מיין ספרים-שטוב הענגט א 'פלעק' וואס איך האב באקומען פון א משפחה ביי וועמען איך האב געהאט די זכי' צו ראטעווען זייער קינד ברוך ה'. עס איז געווען איין טאג ווען עס איז אריינגעקומען א קאָל אז א קינד קען נישט אטעמען ר"ל. איך בין אריינגעלאפן אין קאר און אנגעהויבן פליען, און איך האב אינמיטן נישט באמערקט און אריינגעשניטן פארנט פון א פאליצי'. ער האט מיך אנגעהויבן נאכפארן און געשריגן דורך דעם הויכהילכער אז איך זאל זיך אפשטעלן און אויב נישט גייט ער מיך ארעסטירן.

איך געדענק אז איך בין אנגעקומען צו דעם אדרעס, און ארויסקומענדיג פון קאר האב איך געהערט די קולות וואס די מאמע פונעם בעיבי האט

## אומפארגעסליכע
# הצלה מאמענטן

געמאכט. איך בין ארויפגעלאפן די טרעפ און אין קארידאר פונעם בנין האב איך שוין אנגעהויבן ארבעטן אויפ'ן קינד, און ברוך השם עטליכע מינוט שפעטער האט דאס קינד אנגעהויבן צוריק אטעמען. דער פאליציי-מאן איז געבליבן אינדרויסן דורכאויס דעם גאנצן קאַל, זיכער צו מאכן אז אלעס איז בסדר.

די מעשה איז מיר געבליבן איינגעקריצט, און איך דערמאן זיך דערפון ביז היינט כסדר, ווייל יענע משפחה האט מיך ממש אריינגענומען אלס א חלק פון זייער משפחה. זיי רופן מיך צו אלע שמחות, ווען דאס קינד האט אנגעהויבן רעדן און אנגעהויבן גיין אין שולע האבן זיי מיך מיטגעטיילט, און ביז היינט גיבט מיר דער טאטע איבער יעדע שטיק צייט א גרוס וואס זיין קינד מאכט.

אגב, אז מען רעדט וועגן דער פאליציי, זיי האבן א גרויסע רעספעקט פאר חברה הצלה. איך האב שוין געהאט עטליכע מאל וואס די פאליציי האט מיך אפגעשטעלט, און ווען זיי האבן געזען דעם הצלה-סטיקער האבן זיי געזאגט אז זיי ווילן נישט געבן א טיקעט פאר א וואלונטיר פון אזא רעספעקטפולע ארגאניזאציע.

## מרדכי ווייס
**KY-65**

מיין שטארקסטער מאמענט אין הצלה האט מיך געכאפט אויף א פארקערטן וועג. ממש אין אנהייב ווען איך בין געווארן א מעמבער אין הצלה איז אריינגעקומען א רוף צו אן אדרעס וואו איך בין געווען נאנט מיט איינעם פון דער משפחה, און בטעות האט זיך מיין ראדיא געדריקט אין טאש און דער דיספעטשער האט געמיינט אז איך האב גענומען דעם קאַל. איך האב נישט געוואלט אפזאגן איינמאל מען האט מיך שוין געשיקט, און איך האב פרובירט ביים אנקומען צו פארקן אביסל ווייט, אז מען זאל נישט זען אז איך בין דא, און אינעווייניג האב איך פרובירט זיכער צו מאכן אז ווי וויינציגער פון די אנוועזנדע זאלן זען ווער איך בין.

למעשה איז מיין חבר געווארן געווארן אז איך בין געווען ביים קאַל און אז איך ווייס פון זיין פעקל, האט ער זיך אויסגערעדט און אויסגעוויינט צו מיר. איך האב פרובירט אים מחזק צו זיין, אבער ס'האט נישט געהאלפן קיין סאך און איך אליין בין אויך געווארן אפעקטירט פון דעם. איך האב דעמאלט געמאלדן פאר הצלה אז איך גיב אויף די גאנצע מעמבערשאפט, און פטור אן עסק, ס'איז נישט געמאכט פאר מיר. איך וויל גיין צו שמחות און נישט דארפן מיטהאלטן יענעמ'ס צרות. כ'האב עס געהאט גענומען זייער ערנסט.

מען האט מיך דעמאלט איבערגערופן פאר א מיטינג מיט עטליכע וועטעראן מעמבערס, און זיי זענען איבערגעגאנגען מיט מיר וואס עס האט פאסירט און וויאזוי מען קען זיכער מאכן אז עס געשעט נישט נאכאמאל. די מעמבערס האבן מיך דעמאלט קאמפלימענטירט אז דווקא דאס אז איך נעם עס שווער איז א סימן פון א אידיש הארץ, און דאס וועט העלפן אז מען זאל קענען העלפן מענטשן מיט'ן גאנצן הארץ.

## משה יוסף לאנדא
**KY-85**

עס איז זייער שווער ארויסצוברענגען איין שטארקע מאמענט, ווייל מיר זענען צוגעוואוינט צו טון אויסערגעווענליכע זאכן יעדן טאג. דער שטארקסטער מאמענט איז ווען מען גייט אוועק פון א הצלה-קאַל און מען האט דאס געפיל פון האבן געהאלפן א צווייטן איד אין צייט פון נויט. איך האב שוין מיטגעהאלטן וויאזוי מעמבערס נעמען אפילו ארויס געלט פון זייער אייגענעם טאש ארויסצוהעלפן אידן וואס דארפן הילף און קענען נישט אליין באצאלן צרכי רפואה וכדומה.

די אינטערעסאנטסטע מעשה איז געווען ווען איך בין לעצטנס אנגעקומען צו א הצלה-קאַל, ווען א מאמע האט אריינגערופן אז איר אינגל עסט נישט און טרינקט נישט. ס'האט נישט אויסגעזען ווי אן ערנסטע קאָל איז נישט נאכגעקומען קיין בעק-אַפּ. די מעשה איז געווען אז דאס אינגל איז געווען ביים דענטיסט א טאג פריער ארויסצושלעפן א ציין, און יעצט האט ער נישט געוואלט עפענען דאס מויל, אז מען זאל נישט זען אז ס'פעלט אים פון

זיינע ציין... מען האט פרובירט אים צו געבן אייזקריעם און קענדיס, אבער ס'האט גארנישט געארבעט.

איך האב גענומען א בענקל און זיך אוועקגעזעצט שמועסן מיט אים ווי א טעראפיסט, און נאך א גוטע צוואנציג מינוט פון פרובירן מיט גוטן און מיט בייזן איז מיר געלונגען איבערצוציינגן דאס אינגל אז ס'איז נארמאל אז מען האט אים ארויסגעשלעפט א צאן און ער זאל טרינקען אביסל וואסער. נאך אביסל איז געלונגען אז ער זאל שוין אויך עסן אביסל אייזקריעם, און נאך בערך א שעה זיצן און זיין א טעראפיסט האב איך ארויסשפאצירט פון יענעם הויז איבערלאזנדיג א פריילין אינגל און א רואיגע מאמע. ברוך ה'.

נאך א שטארקער מאמענט איז ווען מען זעט בחוש אז מען האט געראטעוועט א איד ממות לחיים. פאראגאנגענע וואך האט הצלה אריינגעטראגן א קליין אינגל, מיר האבן געזען אז ער פילט נישט אמבעסטן און מיר האבן אים געוואלט אונטערזוכן ביי א דאקטער, און ווען מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל האט דאס קינד קוים געקענט כאפן דעם אטעם. ברוך השם אז מען איז געווען אין שפיטאל, האט מען אים געקענט ראטעווען.

## דוד אונגאר
**KY-09**

דער שטארקסטער מאמענט איז געווען ווען איך האב צוזאמגעשטעלט אז הצלה איז דא צו העלפן אידן נישט קיין חילוק ווי אזוי ס'קומט אויס. מיט א לאנגע צייט צוריק האט מיר אונזער מעדיקעל קאארדינעיטאר געבעטן אז ס'איז דא א פרוי וואס האט געהאט א סטראוק ר"ל, ז' קומט פון קאנאדע און ז' איז אין א שפיטאל אין אפסטעיט, און אזוי ווי ז' האט בלויז אינשורענס אין קאנאדע דארף מען איר טרענספערן צוריק קיין קאנאדע. מען האט דעמאלטס אפגעמאכט מיט הצלה פון קרית טאהש אז זיי

## הצלה מאמענטן
### אומפארגעסליכע

וועלן אונז אפווארטן ביים גרעניץ און איבערנעמען דעם פאציענט.

איך האב אנגעהויבן דעם טאג מיט'ן ארויפפארן צו די קעטסקילס אפצונעמען דעם פאציענט. עס האט גענומען צייט אנצוקומען צו יענעם שפיטאל, און נאך צוויי שעה ביז זיי האבן ארויסגעלאזט דעם פאציענט. מיר זענען געפארן זעקס שעה צום גרעניץ איר איבערצוגעבן צו דער ארטיגער הצלה, און צוריקגעפארן נאך זעקס שעה קיין קרית יואל.

דעם קומענדיגן טאג האב איך זיך נאכגעפרעגט וואס די פרוי מאכט, האט מיר ר' משה אהרן שטיינבערג געענטפערט אז ברוך השם די פרוי איז געזונט און שטארק און מען האט בלויז געמיינט אז זי האט געהאט א סטראוק. איך האב אים אנגעקוקט ווי פון דער לבנה אראפגעפאלן. "איך האב פארברענגט פערצן שעה דערפאר?" ענטפערט ער מיר, "און ווען דו הערסט אז די פרוי איז נישט געזונט און זי איז אויף א רעספּעראַטאָר וואלטסטו געווען פרייליך...? מיר זענען דא צו העלפן אידן אפילו ווען מען האט נישט דעם גרעסטן סיפוק.. און אפילו ווען ס'לאזט זיך אויס מיט די קלענסטע זאך". די ווערטער איז מיר גוט אריין אין די ביינער.

נאך א שטארקער מאמענט וואס איך געדענק איז ווי מיט אסאך יארן צוריק האט ליידער פאסירט אן עקסידענט אויפ'ן 17 הארט נאך קרית יואל. ווען איך בין אנגעקומען צו די סצענע האב איך געזען אז דאס פארפאלק וואס איז געזעסן אינעווייניג איז ליידער נישט בין החיים, אבער איך האב באמערקט אז עס איז ארויסגעפליגן פון קאר א בעג מיט בעיבי געברויכן. אלע מעמבערס אויף די סצענע האבן אונטערזוכט דעם קאר און דעם גאנצן וואלד דערנעבן פאר א קליין בעיבי וואס איז אנגעבליך ארויסגעפליגן פון קאר, אבער נאך א שעה זוכן זענען מיר געוואויר געווארן אז דאס בעיבי איז למעשה נישט געווען אין קאר בשעת דעם עקסידענט און דאס קינד לעבט געזונט און שטארק. איי די שמחה וואס איז דעמאלט געווען, וויאזוי מ'האט אפגעאטעמט מיט שבח והודי', די ליכטיגקייט וואס מ'האט געזען אינעם חשכות, איך געדענק דאס נאך ביז יעצט.

# דובי גוטמאן
**KY-83**

איך געדענק פון די לעצטע פאר יאר אסאך מעשיות, אבער וויפיל קען מען דען איבערזאגן? רוב דערפון זענען פריוואטע געשיכטעס וואס מען קען נישט פארציילן ברבים. איין מעשה קען איך פארציילן וואס ברענגט ארויס די שיינקייט פון הצלה.

ווי באקאנט טוט הצלה פון קרית יואל נישט איבערלאזן א פאציענט אין שפיטאל נאכ'ן אריינטראגן, נאר ווערט זיכער מאכן אז ער ווערט ריכטיג באהאנדלט און מ'וועט נאכפאלגן מיט די משפחה.

עס איז געווען מיט א ספעציעלן בחור וואס האט נישט גוט געשפירט. מיר האבן אים אריינגענומען אין שפיטאל בלויז אויף אונטערזוכונגען, און ווען מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל איז ער געווען אין אביסל א שווערן מצב ל"ע.

א טאג שפעטער האב איך אריינגעטראגן א צווייטן פאציענט אין דעם זעלבן שפיטאל, און איך האב אינאיינעם מיט'ן צווייטן מעמבער געוואלט גיין באזוכן דעם בחור. עס האט גענומען צייט ביז מיר האבן געטראפן זיין צימער, און ווען מיר זענען אנגעקומען האט אונז דער דאקטער דארט געזאגט אז מען האלט פאר יציאת נשמה ל"ע. מיר זענען געכאפט געווארן אין שאק, מיר זענען געווען די איינציגסטע אידן דארט, מיר האבן שנעל גערופן דעם טאטן און אים געלייגט אויפ'ן ספיקער און געזאגט צוזאמען נשמת און פסוקי יחוד.

איך בין ארויס פון דארט מיט אזא סארט געפיל פון סייעתא דשמיא און השגחה פרטית, ווי דער אויבערשטער שיקט אונטער די חברי הצלה ווען מען דארף, סיי ביי הילפס-רופן און סיי ווען ס'פעלט זיך אויס פאר אנדערע זאכן.

# משה לוי ברוין
**KY-50**

מיין שטארקסטער מאמענט איז געווען היפש לאכעדיג. עס איז אריינגעקומען א הצלה-קאָל אז א קליין קינד פון עטליכע טעג האט א גרויסן בלויע צייכן אויפ'ן שטערן, א סימן וואס ווייזט געווענליך אויף עפעס ערנסט. ביים אונטערזוכן דאס בעיבי האט אויסגעקוקט ווי עפעס ערנסט גייט פאר, וויל דאס הארץ און דאס אטעמען האט אלעס געקלאפט ווי געהעריג, און דאס האט נאך מער דערשראקן וואס עס קען זיין מיט'ן קאפ. מען האט געכאפט דאס קינד און אריינגעלאפן אין אמבולאנס צו פליען אין שפיטאל.

אין אמבולאנס האב איך געהאט צייט צו קענען אביסל אויספרעגן די משפחה אויב עפעס איז געשען מיט'ן קינד, צי ער איז אפשר אראפגעפאלן, צי איינס פון די אנדערע קינדער האט זיך געשפילט נעבן אים, אדער אפשר ניצט ער א ניי קלייד וואס לאזט איבער צייכנס. מ'האט אהיימגערופן צו די מאמע אויספרעגן און נאכ'ן רעדן אביסל האט זי זיך דערמאנט אז זי האט ממש יעצט באנייט א נייעם קערידזש פאר'ן קינד, און דאס דעקל איז טאקע דער זעלבער קאליר ווי דער צייכן אויפ'ן שטערן...!

מען האט אפגעשטעלט דעם אמבולאנס אינמיטן פארן און זיך געשטעלט אין דער זייט, איך האב גענומען וואסער מיט א שמאטע און אפגעווישט דעם שטערן, און וואונדער איבער וואונדער, אלעס איז געווארן מסודר. מיר האבן זיך אויסגעדרייט אינמיטן וועג און צוריקגעפארן אהיים. ווען מיר זענען אנגעקומען צוריק צום הויז און אראפגעלאזט דאס בעיבי געזונט און שטארק, די מאמע מיט די משפחה האט זיך אזוי געפרייט, זיי האבן ממש באוואונדערט די הצלה וויאזוי מ'האט באוויזן אזוי שנעל צוריקצוקומען...

# יואל אברהם כ"ץ
**KY-58**

מיין שטערקסטע הצלה-מאמענט איז געווען נאך פאר איך בין אריינגעקומען אין הצלה. אזויווי איך

בין א מנהל אין א חדר פאר די קליינע קינדער האב איך מיטגעהאלטן ווי א קליין קינד האט געהאט אן אלערגישע רעאקציע, עס איז נאך געווען פאר איך בין געווארן אן הצלה-מעמבער, און עס האט אויסגעקוקט זייער שרעקעדיג. אין צוגאב איז דעמאלט פארגעגאנגען קאנסטרוקציע נעבן די תלמוד תורה, און עס האט גענומען פאר הצלה היפש לאנג אנצוקומען. איך האב דעמאלט באשלאסן אז איך מוז ווערן אן הצלה-מעמבער, איך בין זיך געגאנגען לערנען צו ווערן אן 'אי-עם-טי', און נאכדעם א פאראמעדיק.

פאר אלעמען איז באמת וויכטיג איבערצוגעבן, אז געזונט איז מען ווען דער אויבערשטער וויל. איך האב אין די לעצטע פערצן יאר וואס איך האב די זכי' צו זיין א מעמבער אין הצלה געזען אידן וואס זענען געווען געזונט און שטארק, און ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין פון דער וועלט האט זיי גארנישט געהאלפן.

און פון דער אנדערער זייט זענען דא אידן וואס עס האט אויסגעקוקט ווי מען קען זיך גרייטן פאר א לויה ה"י, אבער למעשה גייט דורך א יאר נאך א יאר און זיי לאכן אין פנים פון די דאקטוירים וואס האבן זיי געזאגט אז עס איז דערנאך מיט זיי.

איך זאג דאס פשוט ווייל עס איז וויכטיג ווען מען רעדט פון געזונט נישט אריינצוגיין אין א פאניק. פארשטייט זיך אז מען טאר נישט זיין לייכטזיניג ווען עס קומט צום געזונט, אבער מען דארף געדענקען אז געזונט קומט פונעם אויבערשטן אליינס! מ'דארף טון השתדלות און מתפלל זיין צום רבוש"ע.

■ ■ ■

## יואל גראס

**KY-18**

ברוך השם אז די לעצטע צוועלף יאר האב איך די זכי' צו זיין א דיספעטשער פאר חברה הצלה, און איך האב מיטגעהאלטן אומצאליגע מעשיות ווי מעמבערס ווערן זיך מוסר נפש זיין צו טון אלעס אין דער וועלט פאר א צווייטן איד.

עס איז לעצטנס געווען א איד וואס האט אריינגערופן צו הצלה אז ער איז אויף שבת אין בלומינגבורג און ער האט אן עמערדזשענסי אבער ער ווייסט נישט דעם אדרעס וואו ער שטייט איין. מיר האבן פרובירט אויף אלע וועגן געוואויר צו ווערן דעם אדרעס, ביז א מעמבער איז געגאנגען און נאכגעזוכט דעם נאמען פון דעם משפחה וואו דער איד איז איינגעשטאנען, און אהינגעשיקט די בלומינגבורג הצלה.

אז מען רעדט שוין פון דער מעשה, עס איז זייער וויכטיג ווען מען פארט סיי וואו אויף שבת אדער וואקאציע צו ווייסן קלאר דעם אדרעס וואו מען שטייט איין. אזוי אויך ווען מען רופט א בעיביסיטער צו זיך אהיים, זאל מען קלאר איבערגעבן דעם אדרעס צו ווייסן אין פאל עס זאל זיך נישט מאכן. עס איז ראטזאם צו לייגן א צעטל מיט דעם אדרעס נעבן דעם היים-טעלעפאן.

■ ■ ■

## יואל ברייער

**KY-42**

מיין שטארקסטער מאמענט איז ווען אלס מעמבער וואס גיט זיך אפ מיט די אמבולאנסן און געצייג זע איך כסדר די איבערגעגעבנקייט פון די באורד-מעמבערס פון הצלה.

עס איז קיין איין מאל נישט געווען, אפילו פעם אחת, וואס מען זאל זאגן פאר די קאמיטע אז מען דארף געלט פאר וויכטיגע געצייג אדער צו פארריכטן די אמבולאנסן און מען זאל שטאמלען אדער נישט געבן דאס געלט. די חברי הנהלה פון הצלה זענען באמת איבערגעגעבן מיט'ן גאנצן הארץ צו הצלה.

■ ■ ■

## מענדל ברייער

**KY-25**

אין די לעצטע צוויי-און-דרייסיג יאר וואס איך בין אנגעשלאסן אין חברה הצלה האב איך שוין מיטגעהאלטן הונדערטער שטארקע מאמענטן. דאס שטארקסטע איז ווען מען קומט אין שפיטאל נאך א לאנגע הצלה-קאָל, מען האלט שוין נאך עטליכע שעה פון באהאנדלן דעם פאציענט, ארויפלייגן אין אמבולאנס און פארן א שעה-צוויי צום שפיטאל, אין אזא מאמענט נאכ'ן אזויפיל צייט פארברענגען ביז אהער וואלט מען געקענט פארשטיין אז דער מעמבער זאל שפירן ווי ער האט שוין גענוג געטון און ער זאל זיך שוין וועלן זעהן ווי שנעלער צוריק אהיים, אבער למעשה איז נישט אזוי, נאר עס קומען אן עטליכע אויסגעשעפטע מעמבערס, מען גיט זיך אפ מיט'ן פאציענט, און מען טרעט נישט אפ פון בעט ביז דער בעסטער דאקטער פונעם שפיטאל קומט אונטערזוכן. עס איז א חידוש מיטצוהאלטן יעדעס מאל באזונדער.

■ ■ ■

## שלמה פנחס שווימער

**KY-03**

איך בין אמאל אנגעקומען צו א קאל פון א אינגל וואס האט געהאט א שווערע אלערדזשיק רעאקציע, בשעת'ן לויפן צום הויז האב איך בטעות איבערגעלאזט די בעג וואס האט געהאט מיין עפי-פען, איך האב אריינגערופן צום דיספעטשער אז דער קומענדיגער מעמבער זאל געדענקן ארויפצוברענגען אן עפי-פען ווייל אויב מען האט נישט איינס ביז עטליכע מינוט קען ר"ל זיין גאר ביטער.

בשעת'ן רעדן מיטן דיספעטשער איז פונקט אנגעקומען א צווייטע מעמבער, איך האב געשריגן צו אים איבער אלע גערודער אז מען דארף בלויז אן עפי-פען. נישט מער און נישט ווייניגער, ער שלעפט גראד ארויס פון טאש א עפי-פען און שטעכט אריין אינעם קינד. ביז געציילטע סעקונדעס איז דער קינד געווען צוריק ביי זיך און געקענט געהעריג אטעמען.

איך האב געפערעגט דעם מעמבער פון וואו ער האט געוואוסט אריינצולייגן אין זיין טאש א עפי-פען? האט ער מיר געענטפערט אז זייט ער איז געווארן א וואלונטיר פאר חברה הצלה האלט ער דאס אין טאש. זאל זיין סיי ווען, וועט ער אייביג האבן אין טאש אן עפי-פען צו קענען ראטעווען לעבנס, על כל צרה של תבוא! ■

## הצלה מאמענטן



די שמחה
איז קרויס
pivotgroup.nyc
קרויס
שטריימלער
די שטריימל פארענדיגט די שמחה מיט א ספעציעלע טעם און ברענגט
עס ארויף אויף א העכערע שטאפל. עס איז נישט סתם א שמחה עס
איז א שמחה מיט פראכט און חן אזוי ווי עס פאסט. א קרויס שמחה.
בארא פארק | וויליאמסבורג | מאנסי | קרית יואל | לעיקוואוד | מאנטריאל | לאנדאן | ירושלים


משפחת
הצדיקים

# די העלדישקייט פון די הצלה משפחות

**א בליק אריין אין די טאג-טעגליכע מצבים ביי משפחות פון הצלה וואלונטירן און זייער מסירת נפש'דיגע ראלע צו העלפן ראטעווען אידישע לעבנס**

אברהם שטערן



א יעדע הצלה מעמבער האט זיך זיינע שווערigקייטן וואס קומט מיט מיט'ן זכות פון קענען וואלונטירן צו העלפן און ראטעווען לעבנס. אסאך מאל קען עס אנקומען אביסל שווערער ווי ערוואַרטעט און מ'דארף אסאך כוחות און חיזוק ווייטער צו קענען טון די עבודת הקודש. ס'איז דא אסאך מאל וואס א מעמבער דארף לויפן אינמיטן דאווענען אדער לערנען, און אסאך מאל דארף מען לויפן אינמיטן שבת סעודות אדער איבעררייסן אנדערע געשמאקע משפחה מאמענטן, ווי ימים טובים אדער בשעת שמחות וואו יעדער פארברענגט אינאיינעם, ווען פלוצלינג קומט אריין א קאאל און ס'איז מער נישטא מיט וועם צו רעדן וויל דער מעמבער לויפט שוין...

ווי שווער עס קען אסאך מאל אנקומען פאר די מעמבער איז עס אסאך מאל נאך שווערער פאר די ארומיגע משפחה, און נישט מער ווי איינמאל מאכט זיך אז דער טאטע איז ארויס פון שטוב פאר עטליכע שעה א טאג, די ווייב דארף איר מאן און די קינדער דארפן זייער טאטע, און בשעת'ן זיצן אינאיינעם און פארברענגען לויפט ער אוועק אויף א קאל.

לאמיר איבערגעבן דאס ווארט פאר אפאר העלדישע וואלונטירן צו הערן פון זיי ערשטהאנטיג זייער ארייַנבליק פון א פאמיליע קוק-ווינקל וויאזוי מ'ספראוועט זיך אין אזעלכע מצבים יעדעס מאל וואס א מעמבער לויפט א קאאל איבערלאזנדיג איינמאל און נאכאמאל זיין משפחה ווארטנדיג ווען ער וועט צוריק זיין.

צום ערשט לאמיר מכבד זיין דער לאנגיעריגער איש הצלה והחסד, הרה"ח **ר' שמעון ליבערמאן הי"ו.**

**■ ר' שמעון, ווי לאנג זענט איר שוין אין הצלה און וואס האט אייער ווייב דאן געזאגט צום געדאנק פון ווערן א וואלונטיר?**

פאר איבער 30 יאר האב איך שוין די זכי' צו העלפן אידן אין אלע אומשטענדן, פאר מיר פערזענליך איז עס געווען היפש גרינג נאך וואס מיין ווייב איז אליינס געווען א דיספעטשער פאר הצלה פאר לאנגע יארן ממילא איז עס געפארן ווי אויטאמאטיש אז מיר זענען ביידע עוסק פאר די זעלבע הייליגע מיסיע.

איך און מיין ווייב זענען געווען פון די סאמע ערשטע דיספעטשערס אין "הצלה קרית יואל", נאך פון די צייטן ווען מ'האט אפערירט מיט א פשוט'ע טעלעפאן צו דיספעטשן. אונז פלעג מיר האבן א פשוט'ע טעלעפאן אין די קאך און נאך איינס אין שלאף צימער און אזוי האט מען אויפגעהויבן א יעדע מאל וואס א קאאל איז אריינגעקומען.

שפעטער בין איך געווארן א מעמבער און מ'האט געטון סיי דיספעטשינג און סיי געלאפן אויף קאאלס, און מיין ווייב קענענדיג גוט די זייטיגע אפעקטן וואס פאלט אויף די משפחה פון א וואלונטיר האט נישט געהאט קיין שום פראבלעם דערמיט און כ'האב געהאט איר פולסטע שטיצע און מיטארבעט פאר דעם.

**■ וויאזוי זענען אייערע קינדער אויפגעוואקסן מיט דעם וואס דער טאטע איז א מעמבער און ווערט אפט פארשווינדן פון שטוב פאר לאנגע שעות?**

געלויבט השי"ת, מיינע קינדער האבן קיינמאל נישט ארויסגעוויזן אז ס'באדערט אדער שטערט זיי אויף סיי וואספארא פארנעם, און די גרעסטע ראי' דערצו איז היינט זענען צוויי פון מיינע קינדער אליינס הצלה מעמבער'ס און גייען אין די זעלבע דרכים ווי מיר.

זיי זענען אויפגעוואקסן מיט'ן פאקט אז אינמיטן א סעודה שבת ביינאכט, צי פסח ביינאכט ביים סדר אדער חנוכה בשעת'ן זיצן ביי די לעכט ארומגענומען מיט די גאנצע משפחה, קען איך אלעס אפלאזן און לויפן ראטעווען א אידיש לעבן, און יא ס'קען אסאך מאל נעמען א שעה צוויי ביז איך קום צוריק אין שטוב און מ'איז ממשיך נאכדעם וואו מ'האט געהאלטן, און דווקא דאס אז זיי האבן געזען מיט וואספארא זכי' מיר גייען צו, צו אזא לעבנסוויכטיגע זאך, וויאזוי א איד דארף זיין גרייט אלעס מקריב צו זיין צו ראטעווען נפשות ישראל, דאס האט זיי מחנך געווען, זיי האבן עס ארויפגעקוקט און זיך נישט אפגערעדט.

אין מיין שטוב איז מען אלץ געווען פארנומען מיט חסד, מיט העלפן א צווייטן איד, אזוי ווייט אז כ'געדענק נישט ווען דאס לעצטע מאל איז געווען וואס כ'האב נישט געהאט געסט ביי מיין סעודה, און דעריבער זענען מיינע קינדער אויפגעוואקסן מיט חסד.

כ'וועל נישט זאגן אז ס'איז אלס געווען גרינג פאר זיי, פונקט פארקערט, איך פארשטיי ווי שווער ס'איז זיי אסאך מאל אנגעקומען, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל איז געווען וואס כ'בין געלאפן אויף א קאאל בשעת'ן לערנען מיט זיי אדער האלטנדיג אינמיטן עסן אדער געבן פאר איינעם זיין פריוואטע צייט און כ'האב פלוצלינג געמוזט לויפן אויף א קאאל, כ'האב געקענט זען אויף זיי אז ס'קומט זיי נישט אן גרינג, ס'האט זיי נישט אזוי געשמעקט, אבער קיינמאל האבן זיי גארנישט ארויסגעוויזן קיין אומצופרידנהייט, נאר זיי זענען למעשה געווען שטאלץ מיט וואס זייער טאטע טוט.

**■ האט איר שוין געהאט א פאל וואס האט ספעציעל אפעקטירט אייער משפחה, און אויב יא וויאזוי האט איר זיך אן עצה געגעבן דערמיט?**

אויף וויפיל איך געדענק יעצט האב איך נאכנישט געהאט עפעס א ספעציעלע מעשה וואס זאל האבן עקסטער אפעקטירט מיין משפחה. ס'איז שוין געווען קאאל'ס וואס האבן גענומען לאנג פארצויגענע שעות און מ'האט אסאך מאל געקענט ווארטן פאר מיר ביי א סעודה פאר שעות אויף שעות צו קענען ווייטער ממשיך זיין, אבער ווי שוין געזאגט איז מען שוין געוואוינט דערצו, מ'האט געמאכט הפסקה און שפעטער ווען איך בין אהיימגעקומען האט מען ממשיך געווען ווייטער.

איין אינטערעסאנטע געשיכטע דערמאן איך זיך יא יעצט רעדנדיג. געווען איז עס א נאכט איידער'ן חתונה מאכן איינע פון מיינע קינדער און כ'האב זיך שוין געגרייט צו גיין שלאפן, ווען פלוצלינג איז אריינגעקומען א קאאל פון איינעם וואס וואוינט ממש נעבן מיר און כ'האב עס אנגענומען.

בשעת'ן זיין דארט ביי יענעם אינדערהיים רופט זיך אן די פרוי צו איר מאן "איין מינוט, יענער מאכט דאך חתונה א קינד מארגן!", זיי האבן זיך געשפירט שלעכט, אז כ'וואלט נישט געדארפט קומען, אבער כ'האב זיי בארואיגט און געזאגט אז איך בין דא צו העלפן, דאס איז מיין חיות, און נישט נאר דאס נאר מ'האט געדארפט פירן דאס קינד צו א געוויסע דאקטער אין מאנסי און אינמיטן נאכט בין איך אראפגעפארן מיט'ן פאציענט און געמאכט זיכער אז אלעס ווערט מסודר. די משפחה איז געווארן אזוי איבערגענומען און די קומענדיגע נאכט ביי די חתונה פון מיין קינד האבן זיי אריבערגעברענגט פיל מיט וויינען און ברוינפן אלס הכרת הטוב.

■ **אויף פאקטישע טאג-צו-טאג זאכן ווען א קליין קינד דארף א טאטע, וויאזוי האבן זיי זיך אן עצה געגעבן ווען איר זענט געלאפן אויף א קאל?**

אויף יעדע פאל עקסטער האבן זיי זיך אן עצה געגעבן אויף אן אנדערן וועג. למשל אויב איז געווען שבת ביים דאווענען וואס כ'בין געגאנגען אויף א קאאל און כ'בין נאכנישט געווען צוריק ביים אהיימגיין איז אלס געווען גוטע אידן וואס האבן זיי אהיימגענומען צו מיר אין שטוב, און דאס זעלבע איז אלס געווען מיט'ן נעמען און ברענגען פון חדר, ווען ס'איז נישט געווען קיין באסעס. שבת סעודות איז אויך געווען גרינגער מיט'ן פאקט אז מיין ווייב פלעגט דיספעטשן און דעריבער האט זי מער וויניגער געקענט מיטהאלטן ווען כ'קום צוריק אהיים און צי ס'וועט נעמען לענגער אדער שנעלער ווי ערווארטעט.

ווי געזאגט, ס'האט זיי נישט אפעקטירט, נאר אדרבה ס'האט זיי גאר געבויט און געהאלפן שפעטער אויפ'ן לעבן, מיט דעם וואס זיי האבן אינגאנצן אן אנדערן בליק אויף חסד און זענען אויך גרייט צו העלפן אידישע קינדער בעת צר.

## מ'האלט אינמיטן די שבת'דיגע סעודה און דער טאטע לויפט...

כדי צו באקומען אביסל מער דעקונג איבער די טעמע פון די מסירת נפש'דיגע משפחות פון די מעמבערס, פארבינדן מיר זיך מיט **הרה"ח ר' ישעי' ווערצבערגער ני"ו** וואס איז אליינס א מעמבער און א קאארדינאטאר פאר הצלה, אז ער זאל אונז געבן מער צו פארשטיין די מסירת נפש וואס ליגט אונטער יעדע הצלה קאאל ווען א מעמבער רייסט זיך אוועק פון זיין טאג טעגליכע לעבן.

ר' ישעי': ס'איז באמת צום שטוינען אויף די איבערגעגעבנקייט וואס א מעמבער לייגט אריין ווען ער רייסט זיך אפ פון אלעס ארום צו נעמען איין קאאל נאך די אנדערע.

אסאך מאל קען עס ממש צושטערן זיין גאנצע סדר היום, דאס איז אמת'ע מסירת נפש און אן עבודת הקודש וואס מ'קען ניטאמאל שאצן. און מ'דארף פארשטיין אז מ'רעדט נישט דא פון מענטשן וואס האבן איבריגע צייט, נאר אין מערסטנס פעלער רעדט מען פון יונגעלייט וואס האבן א פארנומענע טאג און פירן געשעפטן.

אפגערעדט פון דעם אז די מעמבערס האבן אלע ב"ה קינדער-געבענטשטע משפחות וואס פארלאנגט זיך פון זיי צו זיין אינדערהיים און ארויסהעלפן מיט וואס מ'דארף. מ'קען זיך אליינס פארשטעלן וואס

## א היטש אהיים מיט די קינדער צום זמן ליכט צינדן

**א געשיכטע וואס א איד האט אריינגעלאזט אין הצלה וואוסמעיל זייענדיג איבערגענומען ביז גאר פון וואס ער האט זעלבסט מיטגעהאלטן, ווי ווייט די משפחות פון מעמבערס געבן אוועק פון זיך**

"... לכבוד אלע חברי הצלה, איך בין א איד פון קרית יואל. איך וויל מיטטיילן א מעשה וואס איך האב מיטגעהאלטן, וואס האט מיך זייער איבערגענומען.

עס איז געווען מיט עטליכע וואכן צוריק ווען מיין טאטע האט חתונה געמאכט. איך האב זיך גערדרייט ביי מיין מאמע אינדערהיים פאר שבת ארויסצוהעלפן מיט וואס זי האט גערדארפט, און זי האט מיך געבעטן אויב איך קען עפעס גיין אויפפיקן פאר איר.

איך בין ארויסגעלאפן פון הויז בערך א האלבע שעה פאר'ן זמן. ארויסקומענדיג אינדרויסן האב איך געזען ווי ארום מיין קאר שטייט א פרוי מיט עטליכע קינדער. עס האט אויסגעקוקט אביסל אינטערעסאנט, אבער אזוי ווי איך האב זיך געיאגט, האב איך נישט געהאט קיין צייט צו צולייגן קאפ און איך בין געפארן ווייטער.

ווען איך בין צוריקגעקומען ממש פאר'ן זמן, האט שוין געקלונגען דער ערשטער פייף, און איך זע די זעלבע פרוי שטייט נאך אלץ דארט. איך האב געפילט אז איך דארף זיך אפשטעלן פרעגן אויב זי דארף עפעס. איך מאך אויף דעם פענסטער און איך פרעג איר: "קען איך אייך מיט עפעס העלפן?"

זאגט זי מיר אז איר מאן איז דא אריינגעלאפן, און זי האט גערופן א טעקסי אהיימצוגיין, אבער זיווארט שוין אויפ'ן טעקסי א שטיק צייט און זי מוז אנקומען אהיים פאר שבת. האב איך איר געזאגט: "נישט קיין פראבלעם, איך טראג אייך אהיים."

זי זעצט זיך אריין אין קאר מיט די קינדער, און איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס דא גייט פאר. וואו איז איר מאן אריינגעלאפן? וואו ווערן מענטשן פארשוואונדן עטליכע מינוט פאר'ן זמן?...

אויפ'ן וועג האב איך איר געפרעגט "אפשר דארפט איר עפעס הילף?" זאגט זי מיר, "ניין, אלעס איז מסודר. מיין מאן איז פון הצלה, און מיר זענען געווען אויפ'ן וועג אהיים פון גראסערי ווען ס'איז אריינגעקומען צו אים אן הצלה-קאל, און ער איז גלייך אריינגעלאפן."

איך בין געקומען פון ווען ביורען, און זיי האבן גערדארפט אנקומען ביז עצי תמרים געגנט. ביז איך בין אנגעקומען ביי זיי אין שטוב און זיי זענען ארויס פון קאר, האט שוין געקלינגען דער צווייטער פייף... !

אינמיטן וועג האב איך מיטגעהאלטן ווי זי פירט די גאנצע שטוב; זי האט געהאט מיט זיך אלע קינדער וואס זענען געבליבן אין איר מאנ'ס קאר ווען ער איז אריינגעלאפן צום הילפס רוף. זי האט געזאגט פאר יעדן פון די קינדער וואס ער דארף טון ווען מען קומט אן: איינער וועט אנגרייטן די ליכט, א צווייטער די שבת זייגערס, און א דריטער וועט ארויפלייגן די עסן אויפ'ן בלעך. אלעס וואס האט גערדארפט געטון ווערן אין דער לעצטער האלבער שעה דורכ'ן מאן איז מסודר געווארן אין די פאר מינוט ווען זיי זענען אנגעקומען אינדערהיים.

איך בין געווארן אזוי איבערגענומען. מען האט נישט קיין אנונג וואס די וואלונטירן גיבן אוועק פון זיך, און בעיקר ווייסט מען נישט וואס די משפחות פון די וואלונטירן גיבן אויף, כדי די יונגעלייט פון הצלה זאלן קענען לויפן ראטעווען אידישע קינדער".

ס'מיינט פאר אזא מעמבער זיך צו דארפן אפרייסן פון איין מינוט צום צווייטן און לויפן אויף א קאל נישט וויסענדיג ווי לאנג עס קען נעמען, ווען איין קאל נעמט א שעה קען אן אנדערע נעמען אסאך מער, און אז די ווייב און קינדער ווערן נישט בייז אדער פראטעסטירן, נאר פונקט פארקערט זיי ארבעטן מיט און שטיצן די מעמבער ווייטער אנצוגיין, איז דאס איז עפעס וואס קען נישט באצאלט ווערן, און א גרויסע חלק פון די קרעדיט קומט זיך פאר זיי.

קרית יואל איז שוין נישט אזוי קליין ווי אמאל, אויב אמאל האט הצלה געדארפט נעמען קאאלס אויף אפאר בלאקס פון א מייל אויף א מייל דארף מען היינט דעקן א שטח פון איבער צען מאל אזוי גרויס, און אפילו מיט די יארן האט מען אויפגענומען נאך מעמבערס און מ'האלט און איין אויפנעמען פרישע לויט'ן געברויך, קומט עס אבער ליידער נאך אלץ נישט נאך דער פארלאנג פון קאאלס וואס קומען אריין טעגליך אזוי אז די מעמבערס זענען געצווינגען צו נעמען מער קאלס, דאס מיינט פון זייער זייט מער מסירת נפש.

אבער ווי געזאגט, די מעמבערס טוען עס ממש לשם מצוה און די קידוש ה' איז עפעס וואס לאזט זיך נישט באשרייבן. טראכט נאר אריין פאר א סקונדע: דער טאטע איז יעצט אהיימגעקומען נאך א שווערע טאג ארבעט, אין שטוב טוט זיך לעבעדיג מיט אסאך קליינע קינדערלעך וואס מ'דארף זיי געבן צו עסן, באדן, מאכן היים-ארבעט, לייגן שלאפן, און צומאל איז דא נאך אנדערע טירדות, און פלוצלינג נעמט זיך די מעמבער'ס רעדיאו רעדן, ס'איז אריינגעקומען אן עמוירדזשענסי קאלל, און אן קיין פיפס איז דער טאטע שוין נישט אין שטוב און די ווייב דארף זיך יעצט אליינס אפגעבן מיט די גאנצע שטוב ווירטשאפט פאר די קומענדיגע פאר שעה....! איי איז דאס א מסירת נפש!

ווער רעדט נאך ווען עס געשעט א קאל ערב שבת, וואס מ'קען נישט וויסן צי ער וועט זיין צוריק אינדערהיים פאר שבת אדער ערשט שפעט ביינאכט. עס איז זיכער אז דער זכות פון ראטעווען מענטשן איז ממש אייניג צעטיילט צווישן דעם מעמבער און זיין משפחה.

און אזוי איז דא אסאך ערליי פעלער און ביישפילן ווי די ווייב און קינדער געבן אוועק פון זיך אסאך באקוועמליכקייטן, פשוט אז דער טאטע זאל קענען וואלונטירן און העלפן אידן אין צייט פון נויט. ווער רעדט נאך ווען א ברודער מאכט חתונה אדער מ'דארף נעמען א קינד צום דאקטער אדער אין חדר וואס ס'איז ממש נישט מעגליך פאר די מאמע דאס צו טון און מיטאמאל מוז דער מעמבער אלעס איבערלאזן צו דעקן א קאל. מ'קען עס ממש נישט משיג זיין אדער פארשטיין ווילאנג מ'האלט עס נישט מיט ערשטהאנטיג.

ווען דו זעסט א מעמבער לויפן אויף א קאל זאלסטו וויסן אז ס'איז דא א גאנצע משפחה וואס האט אויפגעגעבן א חלק פון זייער לעבן וועגן דעם. וויפיל מ'וועט דאס מסביר זיין וועט עס נישט זיין גענוג, די פאמיליעס זענען ריכטיגע פופציג פראצענטיגע שותפים אין די פעולות פון הצלה!

## היכי דמי מסירת נפש? ארויסגעלאפן פרייטאג פאר'ן זמן און אהיימגעקומען נאנט צו מוצאי'...

פארשטייט זיך אז צו די זעלבע צייט ווי שווער ס'איז פאר די משפחה, איז עס פונקט אזוי שווער אויב נישט מער פאר'ן טאטן, פאר'ן געטרייען מעמבער, אלעס אפצולאזן און ארויסלויפן.




ווען א קאל קומט אריין האט ער נישט די מינדסטע השגה ווילאנג דער קאל וועט נעמען. ס'קען זיין ער גייט היינט פארפאסן א גאנצע טאג ארבעט אדער א שבת סעודה מיט זיין משפחה. דאס נישט וויסן איז נאך די שווערסטע. יעדער האט ליב צו וויסן פינקטליך אין וואס ער גייט אריין זיך צו קענען אויסרעכענען, אבער דאס איז עפעס מיט וואס א מעמבער און זיין פאמיליע דארפן זיך ספראווען אויף א טאג-טעגליכן פארנעם, נישט האבנדיג קיין אנונג ווילאנג זאכן קענען געדויערן.

ס'איז ממש נישט משיג צו זיין די געוואלדיגע מאס קוראזש וואס יעדער קאל באזונדער נעמט פון א מעמבער. ער טרעפט זיך אסאך מאל עסן סעודות שבת, שפעט אויפדערנאכט, אפגעמוטשעט און איינער אליין, צינדן חנוכה-ליכט שפעט, אדער פארפאסן א חול המועד פארברענגט מיט זיינע ליבליכע קינדער אויף וואס ער און זיי קוקן שוין אזוי לאנג ארויס. ער לויפט ביי נעילה און קומט צוריק מיט א סוכה וואס שטייט שוין גרייט...

אזוי קען מען דערציילן צענדליגער געשיכטעס און עכטע פעלער ווי מעמבערס געבן אלעס אוועק פון זיך, גאנצע טעג און די שענסטע מאמענטן כדי צו העלפן א צווייטן איד ווען זיי קענען ניטאמאל.

ביי מיר איז אמאל געווען וואס איין פרייטיג נאכמיטאג פארן זמן איז אריינגעקומען א קאל און אויפן פלאץ בין איך געלאפן רעספאנדן, צופיל דיטאלן צום געשיכטע איז נישטא, אבער די נעקסטע מאל וואס כ'בין געווען צוריק אינדערהיים איז געווען שבת שפעט נאכמיטאג נאנט צו מוצאי'!

און איך בין נישט דער איינציגסטער, נאר כמעט יעדע מעמבער קען פארציילן אזאנע מעשיות, און יעצט לאמיר א מינוט טראכטן ויאזוי ס'זעט אויס ביי אזא מעמבער אינדערהיים דעמאלטס, זיי ווייסן נישט ווען זייער טאטע וועט זיין צוריק, ס'איז נישט אין די וואכן וואס דעמאלס איז עס די זעלבע שווער אבער מען קען זיך כאטש פארבינדן און וויסן וויאזוי זאכן ריקן זיך, נאר ווען אזא זאך געשעט אין שבת אדער יו"ט קען מען נישט וויסן צי ער וועט זיין אינדערהיים אין א שעה ארום אבער אין א טאג ארום... ס'איז פאקטן וואס לייגן צו א ריזיגע סכום פון מסירת נפש אויפ'ן מעמבער און זייער משפחה, און מיט דעם אלעם זענען זיי דא מיט'ן גאנצן הארץ און מיט די פולסטע חיזוק. מ'קען אזויפיל זאגן: מי כעמך ישראל!

דער זכות פאר זיי און זייערע פאמיליעס איז עד אין לשער.

אשריכם משפחות הצדיקים! ■


Rambam
GOOD MORNING.
GOOD NIGHT.
GOOD HEALTH.
nussi pinexteam
BOOK A NIGHT OWL WELL VISIT
Well Visit appointments with world class doctors, after 5!
GENERAL CARE
Primary Care
Urgent Care
Care At Home
CARE FROM 9AM - 12AM
SPECIALTIES
GYN
Cardiology
Podiatry
Optometry
Dermatology
Lyme Specialists
Pain Management
THERAPIES
Physical Therapy
Occupational Therapy
Speech Therapy
Vision Therapy
IV Infusion Therapy
Ctrue Vision Center
Rambam
BY PARCARE
1 STRELISK CT
845.783.1234




מיר אנערקענען אייער ריזן חלק אין ארויסנעמען הונדערטע

לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ
חַיָּבִים לְהוֹדוֹת,
לְהַלֵּל, לְשַׁבֵּחַ,
לְפָאֵר, לְרוֹמֵם,
לְהַדֵּר, לְבָרֵךְ,
לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס




נפשות מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה, וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב, וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל



ווען און וויאזוי איך
האב זיך געטראפן

# לויפן אויף הצלה קאלס...

# א רייע באקאנטע הצלה וואלונטירן שילדערן העכסט-אינטערעסאנטע דעטאלן וויאזוי זיי האבן געמאכט זייער וועג אריין אין הצלה און וואס מיינט דאס צו זיין א הצלה וואלונטיר פון זייער פערספעקטיוו

שמואל ליכטענשטיין



א הצלה מעמבער איז נישט בלויז איינער וואס דינט אלס א וואלונטיר וואס לויפט אויף קאלס, אדער אפילו א טיטל וואס מ'נוצט און דאס געבט אויף אן אויסרייד צו קענען האבן 'לייטס' און 'סירענעס' אויף די קאר. ס'איז עפעס וועלכע נעמט איבער די גאנצע אידענטיטעט פון א מענטש, ווער ער איז און וואס איז זיין אויפגאבע אין לעבן . ער איז דא צו ראטעווען אידישע קינדער אין א צייט פון נויט!

צו פארשטיין בעסער וויאזוי א הצלה וואלונטיר זעט זיך אליינס אינעם טאג טעגליכן לעבן האבן מיר זיך אוועקגעזעצט מיט א רייע גאר באקאנטע הצלה וואלונטירן צו הערן ערשטהאנטיג פון זיי וויאזוי זיי זענען אריינגעקומען אין די ארגאניזאציע און וואס הצלה מיינט אין זייער לעבן.

# וויאזוי איך האב זיך געטראכן לויפן אויף הצלה קאלס...

## פון א פרישע מעמבער צו פאנדרעיזער...

צום אלעם ערשט זעצן מיר זיך אוועק מיט ר' לוי אפפעל, א לאנגיעריגער מעמבער און איינער וואס דינט שוין איבער צוואנציג יאר אויף די פאזיציע פון זיין דער הצלה פאנדרעיזער אויפטרייבנדיג גרויסע סכומים מנדבות לבם פון תושבי עירנו פאר דעם לעבנסוויכטיגן מוסד.

**א גוט יאר, ווען און וויאזוי זענט איר געווארן אנגעשלאסן אין חברה הצלה?**

איך בין אנגעשלאסן געווארן אין הצלה אין לויף פון די תש"נ יארן.

ר' יעקב מאיר פערענץ איז דעמאלט געווען זייער שטארק אריינגעטון אין הצלה, און ער האט מיר דעמאלט געבעטן אויב איך קען זיכער מאכן אז די געז-טענק פון די אמבולאנסן זאלן אייביג זיין פול. הצלה איז דעמאלט געווען ממש א קליינינקייט קעגן וואס עס איז היינט, מיר האבן דעמאלט געהאט איינגאנצן צוויי אמבולאנסן וואס פלעגן זיצן אין דעם גאראדזש רוב צייט.

יעדן צופרי אויפ'ן וועג צו כולל פלעג איך אריינקומען אין הצלה גאראדזש, זיך אומצוקוקן צי די טאנקען פון די אמבולאנסן זענען פול. אויב נישט, פלעג איך ארויספארן און עס אנפילן מיט געז. מיט א יאר שפעטער איז געווען א קורס מטעם הצלה פאר נייע וואלונטירן צו ווערן אן EMT. אזוי ווי איך האב שוין געהאט א שטיקל שייכות און ווארימקייט פאר הצלה, האב איך זיך אויפגעסיינט פאר דעם קורס און איך בין דעמאלט געווארן אן EMT, און זייט דעמאלט האב איך די זכי' צו זיין א וואלונטיר אין הצלה.

ס'איז זייער אינטערעסאנט צו פארציילן, אז די סאמע ערשטע רוף וואס איך האב געהאט נאכ'ן ווערן א וואלונטיר, איז געווען ביי אן אייגענע נאנטע משפחה מיטגליד. יענער האט מיך דעמאלטס גערופן איין טאג אז ער האט זייער שטארקע בויך ווייטאג.

איך האב געדענקט אז ביי דער קורס פון הצלה האט מו"ה משה אהרן שטיינבערג אפאר מאל איבערגע'חזר'ט פאר די וואלונטירן, אז סיי וואס קומט פאר פון דעם האלדז און אראפ, ביי סיי וועלכן ווייטאג, מוז מען אנקומען אין שפיטאל די שנעלסטע וואס מעגליך, ווייל מען קען נישט וויסן אויב עס איז גארנישט אדער אויב ח"ו עס איז עפעס ערנסט ווי א הארץ אטאקע אדער קידני שטיינער, צי חס ושלום עפעס ענליך.

האב איך דעמאלטס געזאגט פאר מיין משפחה מיטגליד "איך בין דיך מייעץ, גיי ווי שנעלער צום דאקטער." ער איז געגאנגען צו א דאקטער, און דער דאקטער האט אים געזאגט, "דו האסט יעצט א הארץ אטאקע, פלי אריין אין שפיטאל." ברוך השם ער איז אנקומען צייטליך אין שפיטאל און מען האט אים געקענט ראטעווען. ברוך השם ער איז היינט געזונט און שטארק, דער אויבערשטער זאל העלפן וואייטער ביז די הונדערט און צוואנציג.

**האב איך דעמאלטס געזאגט פאר מיין משפחה מיטגליד "איך בין דיך מייעץ, גיי ווי שנעלער צום דאקטער." ער איז געגאנגען צו א דאקטער, און דער דאקטער האט אים געזאגט, "דו האסט יעצט א הארץ אטאקע, פלי אריין אין שפיטאל."**

■ **אידן פון קרית יואל קענען אייך אלס דער פאנדרעיזער פון הצלה, ווי אזוי איז דאס צושטאנד געקומען און וואס נעמט עס אלץ אריין?**

איך בין געווארן פאנדרעיזער דורך הרה"ח ר' יודל כהנא הי"ו לרפו"ש. ער האט מיר דעמאלט געבעטן אז איך זאל ווערן א שותף מיט אים און קומען פאנדרעיזן איינאיינעם מיט אים וואו אימער ער גייט. און אזוי טאקע האבן מיר אנגעהויבן פאנדרעיזן אין בתי מדרשים און מאכן אפיעלס. מיר האבן אנגעהויבן גיין נאך געלט אין קאנטריס, כדי צו שאפן די נויטיגע געלטער פאר הצלה. אין יענע תקופה פלעגט פארקומען גרויסע הצלה אווענטן, וואס זענען געווען א שם דבר אין דעם גאנצן שטעטל. דאס פלעגט זיין אן ארבעט פון חדשים לאנג צוצוגרייטן און אויספלאנירן.

היינט איז אונזער עיקר וועג פון פאנדרעיזן צו מאכן אפיעלס אין בתי מדרשים אום שבת, כאטש ווייניג טועון דאס נאך היינט, איז דאס געווארן א שטיקל סטעמפל פון דער הצלה פאנדרעיזינג.

על פי רוב איידער איך קום מאכן אן אפיעל אין א בית המדרש, וועל איך רופן די גבאים א וואך צוויי פריער. מיר וועלן אפרעדן פונקטליך ווי אזוי עס גייט צו, יעדער ביהמ"ד האט זיך זיין וועג וויאזוי זיי ווילן דער אפיעל זאל ווערן געמאכט. נאכ'ן שבת-אפיעל במשך די נאכפאלגנדע וואך זיצט מען אין ביהמ"ד אפצונעמען די הבטחות און אויפטרייבן די נדבות פונעם ציבור מתפללים.

אין די גרעסערע בתי מדרשים לייגט מען אוועק צוויי דריי וואכן צו זיין אין שול יעדן צופרי אין די וואכן נאכ'ן אפיעל, און זיכער מאכן אז מען קומט אן צו יעדן באזונדער און מען גיט פאר יעדן די זכי' צו קענען געבן צדקה פאר הצלה. אזוי



גייט מען יעדן שבת אין אן אנדערן בית המדרש, און אזוי מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קומט מען אן צו גאנץ קרית יואל.

ברוך השם אז תושבי קרית יואל האבן א גאר שטארקע געפיל פאר הצלה און דער עולם רופט זיך אן גאר ווארים, וואס גיבט אונז דער שטופ און חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די לעבנסוויכטיגע ארבעט.

איך געדענק ווי בעפאר איך האב אנגעהויבן די ארבעט פאנדרעיזן בין איך אריין צום רבי'ן דער ברך משה זצ"ל צו בעטן א ברכה. דער רבי ז"ל האט מיר דעמאלט געזאגט, אז איך זאל נישט טראכטן אז מען גייט מיר נאכלויפן מיט געלט, נישט ווייל הצלה איז נישט וויכטיג, נאר ווייל פאר א גוטע זאך דארף מען ארבעטן שווער...! ער האט מיך זייער ווארים אריינגעפירט צו די ארבעט, שטארק מחזק געווען און געוואונטשן ברכת קדשו וואס באגלייט מיך אלע יארן.

■ **צום לעצט, איר האט דאך אויך א שייכות מיט פאציענטן נאכדעם וואס זיי קומען ארויס פון שפיטאל, וואס קענט איר אונז מער מיטיילן וועגן דעם?**

במשך עטליכע שעה א טאג ארבעט איך אין זאלענקא'ס אפיס, מיין ארבעט ביי אים האט זיך אנגעהויבן ווען ער האט נאך געלעבט און געווען א בארימטער דאקטאר פאר תושבי קרית יואל. אין יענע תקופה האט ער מיך אמאל געהאט געבעטן אז איך זאל אים העלפן אין זיין אפיס. ער האט געהאט דעמאלט ווייניג שטאב מיטגלידער, און איך אלס הצלה וואלונטיר האב איך געשפירט אז איך קען אננעמען די ארבעט, אזוי האב איך אנגעהויבן אריינקומען צו די ארבעט יעדן טאג.

איך ארבעט צוזאמען מיט הרה"ח ר' יצחק שלמה פאלאטשעק הי"ו, וואס ער איז ממונה מטעם הצלה צו פאלאווען מיט פאציענטן נאכדעם וואס די וואלונטירן פון הצלה ענדיגן זייער חלק. יעדע פאציענט וואס גייט דורך הצלה באקומט א טעלעפאן רוף פון אים, ער מאכט זיכער אז מ'גיט זיך אפ און אז מ'באקומט די נויטיגע באהאנדלונג אין שפיטאל און אפילו נאכ'ן ארויסקומען פון שפיטאל.

און אזוי ווי איך ארבעט אין א דאקטער'ס אפיס, העלף איך אים אסאך ארויס מיט עקסרעיס, קעט סקען, איי-ווי, און נאך אזעלכע זאכן, אלעס למען הצלת נפשות.

■ **אויב מען איז אזוי פארנומען מיט דער ארבעט, וויאזוי איז נאך דא צייט צו לויפן אויף הצלה קאלס?**

ווען ס'קומט צו העלפן אידן קען מען נישט זאגן ניין. צי ס'איז א דבר קטן אדער א דבר גדול, ווען א איד דארף הילף טרעפט מען צייט. און ברוך השם. גאנץ הצלה איז געשטעלט אויף דעם, און ס'איז מיר א כבוד צו זיין א חלק דערפון.

הצלה איז בכלל נישט קיין ארגאניזאציע וואס קען זאגן ניין פאר א מענטש. איך וועל דיר געבן איין ביישפיל וואס איך האב געהערט ממש יעצט. א איד איז צוגעקומען און מיר דערציילט אז מיט גאנצע 17 יאר צוריק האט ער געבוירן א קינד וואס איז נישט געווען אזוי געזונט. דאס ערשטע האלבע יאר איז דאס קינד געווען אין פילאדעלפיע ביי א דאקטער.

דער איד האט מיר אראפגעלייגט ווי אזוי מיט 17 יאר צוריק איז ר' אהרן וואלף פאלאטשעק געווען פארנומען מיט אים מיט'ן גאנצן הארץ און זיך איבערגעגעבן נפשו ורוחו אז דאס קינד זאל קענען באקומען די בעסטע באהאנדלונג, אפילו דריי אזייגער אינמיטן דער נאכט האט ער אלעס צוגעשטעלט אז מ'זאל קענען טראגן דעם קינד קיין פילאדעלפיע אויב ס'האט זיך אויסגעפעלט.

וואס הצלה טוט, קען מען נישט באשרייבן מיט ווערטער.

## כרכא דכולא בי'; פינאנצן, שרייבן און אידישע לעבנס....!

אצינד ווענדן מיר זיך צום באקאנטן הצלה וואלונטיר ר' יצחק עקשטיין. א באקאנטער פינאנציעלער ראטגעבער און בארימטע שריפטשטעלער וואס איז אין די לעצטערע יארן געווארן א הצלה וואלונטיר.

**א גוט יאר ר' יצחק, ביטע שטעלט אייך פאר וויאזוי איר זענט אריינגעקומען אין הצלה?**

איך בין געווארן א וואלונטיר אין הצלה מיט בערך אכט יאר צוריק. איך האב זיך דעמאלט ארויסגעצויגן פון וויליאמסבורג קיין קרית יואל, און עטליכע חברים האבן מיר דעמאלט געזאגט אז הצלה זוכט אריינצונעמען נאך וואלונטירן, האב איך זיך אנגעשלאסן אין א קורס וואס הצלה האט צוגעשטעלט פאר א גאנצער גרופע יונגעלייט זיך צו לערנען EMT, דעמאלטס בין איך אריינגעקומען אין הצלה צוזאמען מיט בערך נאך צען וואלונטירן.

**■ איך זענט דאך פארנומען מיט פילע געשעפטן, וויאזוי מאכט איר נאך צייט פאר הצלה?**

דער עיקר וואס איך טו היינט פאר פרנסה, איז איך העלף אידן בעזה"י צו קענען זיך אוועקשטעלן אויף די פיס און עפענען ביזנעסער מיט סוקסעס, אדער צו זען וויאזוי זיי קענען פארגרעסערן זייערע ביזנעסער. מען גייט דורך אלע נומערן פון דעם ביזנעס, און מען פרובירט ארויסצוהעלפן זען ווי מען קען בעסער מאכן.

ס'איז טאקע זייער א שטארקע טשעלענדזש ווען מען זיצט מיט מענטשן פאר א ביזנעס מיטינג, מענטשן צאלן געלט אז איך זאל זיצן מיט זיי רעדן וועגן זייערע ביזנעסער. און ס'האט זיך שוין געמאכט צייטן וואס מען האט נישט געהאט קיין ברירה און מען האט געדארפט אפשטופן זיצונגען פשוט ווייל מען איז געווען פארנומען מיט הצלה קאלס אדער אז מ'האט נישט געקענט איבערלאזן א פאציענט אינמיטן. אדער מאכט זיך זעלטן וואס מען מוז ארויסלויפן פון א זיצונג ווייל עס איז קומט אריין אן עמוירדזשענסי הצלה קאל.

אין צייטן ווען איך זעה אז איך בין אסאך מער פארנומען מיט ביזנעס, מאך איך אפ פון פאראויס א באשטימטע צייט פון א שעה-צוויי במשך עטליכע מאל א וואך, וואס איך לאז אביסל ליידיגער אין מיין סדר היום, צו קענען דעמאלטס זיין גרייט צו לויפן אויף סיי וועלכע הצלה רוף ס'קומט דעמאלטס אריין.

איך טראכט כסדר, אויב ח"ו מען וואלט גערופן הצלה אין דער אייגענער שטוב, וואלט איך זיך געפרייט אז הצלה וואלט געקומען צו לויפן די שנעלסטע וואס מעגליך. נו דאס זעלבע איז דאך פארקערט, דעם געדאנק גיבט מיר די קוראזש און שטופ צו לויפן ווען מ'קען נאר צו ראטעווען נפשות מישראל.

ס'איז נישטא קיין וואלונטיר וואס ליגט אויפ'ן קאוטש און ווארט אז ס'זאל אריינקומען א הצלה רוף. געווענליך ווען די ראדיא פייפט, דארף מען מאכן א שנעלע באשלוס אין רגעים, אויב מען זאל איבערלאזן דאס וואס מען האלט יעצט אינמיטן טון, צי ס'זאל זיין ארבעטן אדער לערנען, פארברענגען מיט דער משפחה, און גיין אויפ'ן רוף. דא קומט אריין דאס אידישע הארץ, די אידישע נשמה, וואס מאכט אז מ'זאל אויפשפרינגען און לויפן, נישט קיין חילוק ווי פארנומען מען איז. דאס איז נישט קיין זאך וואס מען קען מסביר זיין וויאזוי ס'ארבעט.

ס'פאסירט אסאך מאל ווען מ'לויפט ארויס אינמיטן דער נאכט ווען קיינער זעט נישט, ס'איז נישטא קיין לייטס און סיירענס, ס'איז נישטא גארנישט, אפילו פאר א רוף וואס מען קען טראכטן אז ס'איז נישט אזוי וויכטיג, און מ'ווייסט זייער קלאר אז ווען מ'לויפט אויף רופן ביינאכט, איז מען אויסגעג'הרג'עט דעם קומענדיגן טאג. אבער דאס אידישע הארץ לאזט נישט רוען ווען עס קומט אריין א הצלה רוף. דאס איז די פאקטישע מציאות.

**■ דערציילט אונז עטליכע אנעקדאטן איבער הצלה וואס תושבי קרית יואל ווייסן מעגליך נישט.**

נישט יעדער ווייסט וואס ס'מיינט צו זיין א הצלה וואלונטיר, און וואס די וואלונטירן טוען אלץ, אויסער לויפן אויף הילפס רופן.

איך געדענק אז איינמאל איז אריינגעקומען א רוף מיט א קינד וואס האט געהאט א נישט צו ערנסטער עקסידענט אויף דער גאס, און מ'האט געזוכט זיינע עלטערן. עס האט גענומען א שטיק צייט ביז מען איז געוואויר געווארן וועמענ'ס קינד דאס איז, און א גוטער נומער צו רופן זיינע עלטערן.

מען האט פרובירט אלע וועגן צו רופן, אבער דער טעלעפאן רוף איז נישט אדורך, ס'האט גענומען א לאנגע צייט ביז מען איז אריבערגעפארן און געברענגט די עלטערן און מען איז אריינגעפארן אין שפיטאל. דער טאטע האט זייער געקווענקלט אויב מען דארף טאקע גיין אין שפיטאל, ביז מען איז למעשה געפארן.

איך בין געווען אין דעם אמבולאנס מיט'ן קינד און מיט דעם טאטן, און איך האב געזען אז דער טאטע איז זייער אומרואיג, איך האב געזען אז עפעס שטערט אים, ער האט געהאלטן אין איין פרעגן אויב מען איז זיכער אז מען מוז אריינגיין אין שפיטאל. ביז איך האב צוזאמגעשטעלט אז ער האט א פראבלעם אז ס'איז נישטא קיין געלט אין שטוב, און ער האט נישט באצאלט זיין טעלעפאן ביל אינדערהיים. פאר דעם האט מען אים נישט געקענט כאפן.. ער האט נישט געהאט קיין וועג צו לאזן וויסן אין שטוב דעם מצב מיט'ן קינד אז מען פארט אריין אין שפיטאל. איך בין צוגעגאנגען צום דרייווער הרה"ח ר' מענדל ברייער נ"י פארציילט די געשיכטע. ער האט נישט געטראכט צופיל, ער האט אויפ'ן פלאץ געמאכט זיכער קעיר צו נעמען און אויסגעצאלט דעם טעלעפאן ביל פון דער משפחה, און נישט נאר דאס, נאר ער האט עקסטער איבערגעגעבן א שיינעם סכום טאשן געלט פאר די משפחה.

אזא מעשה איז נישט קיין חידוש פאר הצלה, יעדער וואלונטיר קען דיר דערציילן



אומצאליגע מעשיות פון חסד וואס די וואלונטירן טוען בשתיקה.

**■ וואספארא ספעציעלע קאל איז אייך אויסגעקומען צו האנדלען?**

מיין שרעקעדיגסטער הצלה רוף איז געווען ווען ס'איז אריינגעקומען א קאל אז מ'דארף טרענספערן א קינד אין שפיטאל ווייל דער דאקטער האט געבעטן. אויפ'ן ראדיא האט עס נישט אויסגעקוקט ווי אן ערנסטער רוף. איך בין אנגעקומען מיט א רואיגקייט צום אדרעס, אבער ווען איך בין אריינגעקומען און געזען וועלכע קינד מען דארף טראגן אין שפיטאל, האב איך געכאפט אז דאס קינד לעבט נישט, און עס איז געווען פון איין מינוט אויף דער צווייטער אן זיך גרייטן פון פריער אז עס קומט א שווערע קאל.

ווען עס פאסירט אזא זאך איז נישטא קיין וועג צו פארמיידן די קאשמארן וואס קומען נאכדעם, די ערשטע פאר טעג נאך דעם רוף בין איך געגאנגען קוקן ביינאכט צי אלע מיינע קינדער אטעמען, ממש יעדע האלבע שעה...

איך געדענק ווען ס'איז אנגעקומען קאוויד, איך האב דעמאלט געעפנט א נייע פירמע, בעלאבאסטע, און פאר פסח איז מען געווען די מערסטע פארנומען און אריינצוברענגען און אפליפערן אלע פסח'דיגע פראדוקטן צו די געשעפטן.

ס'האט אנגעהויבן אריינצוקומען מאסן הצלה רופן פאר אידן וועלכע האבן באקומען קאוויד און געדארפט הילף, איך בין געווען דעמאלט שרעקליך פארנומען מיט מיין פירמע, איך בין געלאפן אין די פארנומענע צייטן. צו מיין גוט מזל האב איך געכאפט קאוויד ביי איינס פון די רופן וואו איך בין געווען.

נאך א וואך ארומלויפן אין די געשעפטן און לויפן אויף הצלה קאלס, בין איך אריינגעפאלן אין בעט, איך האב געהאט פיבער, איך האב געבראכן, איך האב פארלוירן צוואנציג פונט אין צוויי וואכן. ווען איך האב מיטגעהאלטן וואס טוט זיך אויף דעם ראדיא, האב איך געוואוסט וואס טוט זיך אויף דער גאס.

ברוך השם איך בין ארויסגעקראכן דערפון, און צוויי וואכן שפעטער בין איך געווען צוריק ביי די כוחות צו קענען ווייטער לויפן אויף הצלה רופן. אזוי ווי איך בין דאס אריבער אויף די אייגענע הויט ממש אנהייב ווען עס האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן, בין איך דעמאלט ממש געלאפן פון איין רוף צום צווייטן אן קיין אפשטעל אינצווישן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך טרעפן בלויז אויף שמחות.

**ס'איז נישטא קיין וואלונטיר וואס ליגט אויפ'ן קאוטש אוןווארט אז ס'זאל אריינקומען א הצלה רוף. געווענליך ווען די ראדיא פייפט, דארף מען מאכן א שנעלע באשלוס אין רגעים, אויב מען זאל איבערלאזן דאס וואס מען האלט יעצט אינמיטן טון, צי ס'זאל זיין ארבעטן אדער לערנען, פארברענגען מיט דער משפחה, און גיין אויפ'ן רוף.**

יְמִינוּ שׁוֹנוֹת מִכָּל עַם...

## דער לעבנסשטייגער און נאטורליכע דאגות פון אן הצלה-מעמבער אין א פשוט'ן טאג

### געשילדערט דורכ'ן געטרייען הצלה-מעמבער מוה"ר יושע גרינהוט הי"ו

"... דאס לעבן פון א הצלה מעמבער איז אינגאנצן אנדערש ווי דאס לעבן פון יעדע אנדערע מענטש, אפילו אויף א טאג טעגליכן פארנעם. דאס איז א זאך וואס רוב מענטשן כאפן ניטאמאל, אלזא איז אינטערעסאנט צו געבן עטליכע משלים, פשוט אז מענטשן זאלן איינזען אויף ווי ווייט דאס גייט.

"אנקומענדיג אין בית המדרש צופרי מיט'ן קאר, מאכט דער הצלה מעמבער זיכער צו פארקירן זיין קאר מיט'ן נאז אויף ארויס, אפגעזען ווי פארנומען ער איז און ווי שטארק ער יאגט זיך, ווייל ער דארף דאך קענען תיכף ארויספארן אין פאל ער באקומט אן הצלה קאל.

"אריינקומענדיג אין שול ברויך דער הצלה מעמבער באשליסן, יעצט גיין אין מקוה, אדער שפעטער? אלעס ווענדט זיך אין די הצלה רופן. ווייטער, ביים זיך אוועקזעצן אין שול, וואו זאל ער זיצן? ער מוז טרעפן א פלאץ גענוג נאנט צום טיר, אין פאל ער דארף ארויסלויפן אינמיטן דאוונען.

"שבת קודש, דער מעמבער איז אין שול מיט זיינע קליינע קינדער, מאכט ער שוין זיכער ביי זיך אין קאפ אנהויב דאוונען אז זיין שכן איז אויך דא, אז ער זאל קענען אהיימנעמען זיינע קליינע קינדער אין פאל ער דארף לויפן אינמיטן דאוונען אויף א קאל און ס'וועט זיך פארציען לאנג.

"ווען עס מאכט זיך אז דער הצלה מעמבער זיצט ביי א געוויסע מיטינג פון א ביזנעס וכדו', אויף וואס ערווארט שוין חדשים, און ער האט אפגעמאכט אז יעצט נעמט ער נישט אן קיין רופן, וועט ער נאכאלץ לאזן אלעס הענגען און ארויסלויפן, אויב הערט ער חלילה אז מ'רעדט פון א 'קאוד-וואן' אין די געגנט.

"און אזוי גייט די ליסטע אסאך ווייטער. דורכאויס דעם גאנצן טאג, יעדן טאג פון יאר. אמאל קען זיך מאכן אז מענטשן קוקן אן מיט א בייז אויג עפעס וואס א מעמבער טוט, אלזא איז אלע וויכטיג צו וויסן און געדענקען, אז זיין לעבן איז אנדערש ווי דיינס, זיין קאפ לויפט אגאנצע טאג אויף ראטעווען א צווייטן איד".

# קרית יואל פארברייטערט זיך; הצלה וואקסט מיט...

נאך א באקאנטן הצלה וואלונטיר, וואס איז טאקע נייע אין הצלה אבער טוט שוין פון די ערשטע מינוט וואס אימער ער קען נאר ארויסצוהעלפן חולי ישראל איז ר' בעריש מערץ. צו הערן מער און פארשטיין זיין געשיכטע זעצן מיר זיך אוועק מיט אים פאר א שמועס.

■ **א גוט יאר ר' בעריש, ווען און וויאזוי איר זענט אריינגעקומען אין הצלה?**

איך בין אין הצלה שוין פאר די לעצטע דריי יאר צום גוטן.

איך האב אנגעהויבן מיין קאריערע אין הצלה ווען איך האב זיך ארויסגעצויגן קיין ווינטשעסטער געגנט, און עס איז נאכנישט געווען געווען קיין הצלה וואלונטירן אין דער געגנט. הצלה האט דעמאלט געזוכט נאך וואלונטירן דא אין דער געגנט און מיר געפרעגט אויב איך וויל ווערן א וואלונטיר.

אזוי איך בין שוין געווען אן EMT, האט הצלה מיך צוזאמגעשטעלט מיט נאך אנדערע, און מ'האט געגעבן די ראדיאס, עקוויפמענט, און מ'האט אנגעפאנגען גיין אויף הילפס רופן.

מיין ערשטע קאל איז געווען א פאציענט וועלכער האט געהאט אריינגעאטעמט קארבאן מאנאקסייד. א פייערלעשער האט גערופן הצלה אז א פאציענט שפירט נישט גוט. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט אריינגעאטעמט די שעדליכע גאז וואס דאס מאכט אז מען זאל נישט קענען טראכטן גראד. ער איז געווען צעמישט. למעשה איז ער ארויס אויף דער גאס און געאטעמט פרישע לופט, און ער איז געווארן מסודר ב"ה.

**זייענדיג גאנץ פריש אין די ארבעט, וויאזוי איז אייער בליק יעצט פון אינעווייניג שוין אין הצלה?**

די שענסטע זאך פון הצלה איז די אחדות צווישן די וואלונטירן. ווען איך בין אריינגעקומען אין הצלה האב איך באקומען אומצאליגע רופן פון די עלטערע וואלונטירן "מיין נאמען איז אזוי און אזוי. דו קענסט סעיוון מיין נומער. עני אישו, קענסט מיך רופן סיי ווען אימער." יעדער איז דא צו די האנט ווי איין משפחה מיט די גרעסטע מאס העפליכקייט.

איך וואלט געטראכט אז אידן וועלכע וואלטן געקענט זיין מיין זיידע זאלן זיך פירן מיט די פרישע יונגעלייט וואלונטירן ווי מעשה בעל הבית, אבער למשה איז דאס פונקט פארקערט, ווי לענגער א איד איז א וואלונטיר אין חברה הצלה, אלץ מער איז ער גרייט צו העלפן די יונגערע וואלונטירן מיט סיי וואס. צוביסלעך ווערט מען איינגעגלידערט אין דער משפחה פון חברה הצלה.

ווען מען הייבט אן גיין אויף הצלה רופן, הייבט מען אן אלס אן אבזערווירער, מ'פאנגט נישט אן גראד צו גיין אלס א פירסט רעספאנדער, מ'גייט אבזערוון, נאכדעם גייט מען אויף בעקאפ און נאכדעם קען מען ווערן א פירסט רעספאנדער.

ווען מען גייט אלס אן אבזערווירער, קומט מען אן צו הילפס רופן נאר צו נעמען שימוש. איז געוועגליך זענען די וואלונטירן זייער פריינטליך און צוגעלאזן צו די פרישע וואלונטירן, מיט הילל'ס געדולד איז מען מסביר אלעס פון קליין ביז גרויס. ווען ס'איז נישט געווען קיין צייט בשעת דעם רוף, פלעגט מען מיך אסאך מאל רופן נאכדעם צו געבן די געלעגנהייט צו הערן אדער פרעגן שאלות אויף געוויסע זאכן.

יעצט לגבי דעם ציבור האלט איך מיט, ווי אסאך מאל קענען צוקומען מענטשן און מוטשען ארויסצוגעבן אינפארמאציע פון א פריוואטע הצלה קאל, בפרט אויב עס איז געווען א פאל וואס אסאך מענטשן האבן מיטגעהאלטן. צו יעדן איינעם רעדט מען זיין שפראך, אסאך מאל איז דא א מענטש וואס ס'איז שווער פטור צו ווערן פון אים, זאגט מען אים, "דו וואלסט נישט געוואלט אז מ'זאל רעדן ווען ס'וואלט געווען ביי דיר, איז ביטע רעספעקטיר א צווייטן וואס וויל אויך נישט".

**עס איז באקאנט אז די וואלונטירן פון הצלה קרית יואל טוען אסאך מער ווי מען פארלאנגט פון זיי. וואס קענט איר אונז מיטטיילן פון אייער עקספיריענס אדער קוק-ווינקל?**

איך האב דאס שוין מיטגעהאלטן אויף אסאך אופנים. ס'איז דא מענטשן וואס רופן אסאך מאל הצלה פאר קלייניגקייטן. אידן וואס דארפן אריינגיין אין שפיטאל צומאל ממש פאר קליינע סיבות. און בעצם קענען זיי קאלן א טעקסי, אבער זיי האבן נישט דאס געלט אדער האבן זיי מורא, און עס קומען אריבער וואלונטירן אינמיטן טאג אדער אפילו אינמיטן דער נאכט און באצאלן פון זייער אייגענעם טאש א טעקסי פאר די משפחה. פארשטייט זיך אז מען רעדט נישט פון עמוירדזשענסי פעלער ווי יעדע מינוט מאכט אויס, דעמאלטס איז אנדערש די מעשה, נאר איך רעדט פון קלענערע פעלער, די וואלונטירן גייען באמת ארויס פון וועג צו העלפן דעם ציבור.

ס'קען זיך אפילו מאכן פעלער ווען עלטערן דארפן אריינגיין אין שפיטאל פון איין מינוט צו די אנדערע, וועלן וואלונטירן זיכער מאכן אז ווען די קינדער קומען אהיים פון חדר אדער סקול זאל זיין



## וויאזוי איך האב זיך געטראפן לויפן אויף הצלה קאלס...



איינער וואס זאל זיי אפווארטן אז זיי זאלן נישט ווערן דערשראקן.

וואס הצלה טוט ביי 'מענטאל-העלט' קעיסעס איז א פרשה פאר זיך. ס'איז דא געטרייע וואלונטירן וועלכע געבן זיך אוועק פאר די סארט קאלס מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה, פארשטייט זיך אז קיינער ווייסט נישט דערפון. יעדע זאך ווערט באהאנדלט מיט די גרעסטע מאס דרך כבוד.

ס'איז דא אסאך מאל וואס מ'קומט אן אין שפיטאל נאך עטליכע שעה וואס הצלה האט באהאנדלט א פאציענט אין א שווערן צושטאנד. מ'קומט אן אין שפיטאל און דער פאציענט איז שוין אסאך בעסער, אז דער דאקטער וועט נישט גלייבן וויאזוי ער האט אויסגעקוקט ווען דער ערשטער וואלונטיר איז אנגעקומען. ווען מיר זאגן פאר די נורס אז דער פאציענט איז געווען אזוי און אזוי, קען דער דאקטער זאגן "נע, איך גלייב עס נישט." אפילו מ'זאל אים צייגן בילדער וויאזוי ס'האט אויסגעקוקט אויפ'ן מאניטאר אנהייב, קען דער דאקטאר שטיין בלייבן פארגאפט און זאגן "סיריעסלי, אזוי איז ער געווען? אזוי האסטו אים געהאנדלט?". זיי זענען פשוט באאיינדרוקט פון דעם וועג וויאזוי הצלה באהאנדלט די פאציענטן אזוי פראפעסיאנאל און געטריי. וואס פארשטייט דען א א גוי צו א אידיש הארץ...!

**■ וויאזוי קוקט איר אן דעם חלק פו לויפן אויף קאלס און דארפן האנדלן ביי גאר האקעלע פעלער פון פיקוח נפש?**

יעדע קאל צו הצלה קען מען באטראכן ווי פיקוח נפש.

ווען איינער רופט הצלה, אפילו פאר א זאך וואס קען אפשר אויסקוקן ווי א קליינינגקייט, מיינט דאס אבער אז דאס איז געווען זיין לעצטע אפציע, מען קען זיין זיכער אז ער האט שוין אלעס פרובירט צו טון פריער. אז ער האט גערופן הצלה מיינט דאס אז ס'איז ערנסט, זיכער אין זיינע אויגן. און אוודאי אויב אזא קאל פאסירט אינמיטן דער נאכט.

אסאך מאל קומט אריין א הצלה רוף איבער א איד וועלכער שפירט נישט גוט, אבער ווען מיר ווילן אים אריינטראגן אין שפיטאל, וויל ער נישט. מיר דארפן שווער ארבעטן איבערצוצייגן אז עס איז וויכטיג. ווען מיר קומען אן אין שפיטאל, זאגט אונז דער דאקטער, "ווען דו וואלסט אנגעקומען מיט א טאג שפעטער, וואלט שוין נישט געווען וועם צו ראטעווען." דאס מיינט אז מען ראטעוועט איינעם ממות לחיים, אפילו אויב פונדרויסן קוקט אויס ווי ער טוט אונז א טובה מיט'ן גיין אין שפיטאל.

**קענט איר עפעס דערציילן אביסל פון הינטער די קוליסן וואס מענטשן ווייסן נישט איבער חברה הצלה?**

יעדער רוף צו הצלה וואס מ'דארף אריינפירן אין שפיטאל, איז ווי א טרענספער קאל, אפילו אפיציעל ביי די בוקס איז עס טאקע נישט זייער ווייט, אבער למעשה רעדט מען אז יעדעס מאל מען פארט אריין אין מאנהעטן נעמט דאס א גוטע דריי-פיר שעה.

אפילו אריין צו NYU האט מען טרעפיק ביידע וועגן, עס קען נעמען אסאך מאל לענגער ווי מען קען חלומ'ן. מען קען זיין אויף דער סצענע פון א קאל פאר א שעה צוויי, און נאכדעם אריינפארן און אראפלייגן אין שפיטאל און צוריקקומען. דאס איז א שפיל פון א שיינע פאר שעה!

מיין לענגסטע טרענספער איז נאר געווען בערך פינף-זעקס שעה, וואס פאר הצלה פון קרית יואל איז דאס נישט קיין סאך.

אז מ'רעדט שוין, דארף מען זיך באדאנקען, א באזונדערע יישר כח פאר די געטרייע סערוויס וואלונטירן וועלכע מאכן א געוואלדיגע ארבעט. מ'זעט זיי נישט קיין סאך, מ'הערט נישט פון זיי. אבער אז די הצלה טראקס פארן און ס'האט געז, ס'האט עקוויפמענט, ס'האט שבת פעקלעך, איז עס זיי צו פארדאנקען.

איך קען דיר דערציילן אז אסאך מאל גיי איך אריין אין א גאז סטאנציע צען-עלף אזייגער ביינאכט, און איך זע א יונגערמאן מיט אן אמבולאנס אנפילן מיט געז, ער באקומט נישט קיין יישר כח פון קיינעם, קיינער ווייסט נישט אז ער איז געגאנגען, קיינער זעט אים נישט, קיינער הערט נישט. מען קען זאגן אז זיי זענען די שטילע טרייב-קראפט פון הצלה. אן זיי וואלט נישט געווען מעגליך צו באהאנדלן יעדן הצלה קאל מיט אזא פראפעסיאנאליזם.

די צווייטע וועמען מען דארף באדאנקען זענען די פרויען פון די הצלה וואלונטירן. מענטשן ווייסן נישט וויפיל די ווייבער געבן אוועק פון זיך און די משפחה אז די מענער זאלן קענען לויפן אויף קאלס. ס'איז באמת א מסירת נפש אויך פון זייער זייט.

די פרויען געבן אוועק גאנצע טעג און נעכט, זיי פירן שבת סעודות און אפילו פסח סדרים אליין אויב עס פעלט אויס, אלץ אז די מענער זאלן

קענען אנגיין מיט דער הייליגער ארבעט פון ראטעווען אידישע קינדער.

## ר' חיים אלעזר פארקאש - חיים של הצלה!

צום לעצט אין דעם ארטיקל ווענדן מיר זיך צום באקאנטן וואלונטיר ר' חיים אלעזר פארקאש, וואס איז שוין מערערע יארן אקטיוו אין חברה הצלה.

**א גוטן ר' חיים אלעזר, ווער און וויאזוי זענט איר אריינגעקומען אין הצלה?**

איך בין אין הצלה שוין איבער דרייסיג יאר, דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער.

איך בין אריינגעקומען אין הצלה פון איין מינוט אויף דער צווייטער. איך בין געווען אין שול איין טאג נאכ'ן דאווענען נאך אין שנה ראשונה, איך בין אלט געווען 19 יאר, און איך האב באקומען א 'ביפ' פון מר"ה משה אהרן שטיינבערג. ער זאגט מיר "קום ארויף צום גאראדזש." איך האב אים געזאגט, "גוט, גוט."

אן EMT בין איך שוין געווען, זאגט ער מיר "אנגעהויבן פון א מינוט צוריק ביסטו א וואלונטיר אין הצלה, K5." נאך פאר איך פרעג ווער וואס ווען, איז ער ארויף אויף דעם ראדיא, און געמאכט א מעלדונג אז ס'איז דא א נייער וואלונטיר K5, פארקאש, מ'זאל אים אויפנעמען מיט רעספעקט, און אזוי בין איך אריין אין הצלה.

מיין ערשטע רוף איז געווען השגחה פרטית, אזוי ווי איך בין דעמאלט געווען אין שנה ראשונה, האט מיין ווייב אנגעקוקט הצלה מיט פארדאכט. זי האט נישט געהאט מיט הצלה צופיל פארדעם, און מורא געהאט אז פון יעצט און ווייטער וועל איך מער נישט זיין אינדערהיים.

די ערשטע פאר טעג בין איך נישט געגאנגען אויף קיין רופן טאקע פארדעם. פינף טעג שפעטער איז אריינגעקומען א רוף וואס הייסט "ליפט אסיסט". דאס הייסט ווען איינער פאלט, בעיקר אן עלטערער



איד, דארף מען זיכער מאכן ווען ער שטעלט זיך אויף אז אלעס איז מסודר. איך האב געוואוסט אז אזא רוף נעמט געווענליך נישט מער ווי דריי מינוט, בין איך געגאנגען אויף דעם רוף, און ברוך השם נאך פינף מינוט בין איך צוריק אהיימגעקומען און מען האט באשטימט אז ווערן א וואלונטיר מיינט נישט 'אויס שטוב'.

דער אינטערעסאנטסטער קאל וואס כ'האב געהאט איז געווען אמאל אין עטרת זקנים. מען האט מיר געזאגט אז עס זענען דא עלטערע מענטשן וואס פאניקן און איך זאל אהינגיין. איך קום אריין, און איך זע ווי דער מאן און ווייב שטייען אויפ'ן טיש, דערשראקן צום טויט. איך האב זיי געפרעגט וואס גייט פאר, האבן זיי מיר געענטפערט ערציטערט, אז ס'איז דא א מויז אונטער דעם טיש און זיי ווילן נישט אראפקומען. איך האב גענומען א בעזעם און פארטריבן די מויז פון צימער. איך ווינטש זיך אז קיינמאל זאל נישט זיין קיין ערגערע קאלס.

ווען עס קומט אריין א עכטע קריטישע קאל, איז גאר שווער נאכדעם צוריקצוקומען צו זיך, איך נעם גראד דריי פיר אנדערע רופן, פשוט כדי נישט צו זיין פארפרוירן, און צו קענען ארויסשטופן פון געדאנק וואס איך האב געזען ביי דעם שווערן רוף.

■ **וויאזוי נעמט אייער משפחה אויף אז דער טאטע איז א הצלה וואלונטיר?**

ווען איך קום אהיים נאך א שווערע עמוירדזשענסי קאל, בפרט אויב עס האט געהאט מיט קינדער, בין איך דער בעסטער טאטע יענע נאכט. זיי ווייסן נישט וואס האט דא פאסירט, פשוט איך דאנק דעם אויבערשטן אז יעדער איז געזונט און שטארק. די געפילן פון שבח והודי' קומט מער ארויס אין אזעלכע סיטואציעס.

מיינע קינדער זענען שוין צוגעוואוינט אז מען גיט זיך א דריי ארום ביי דער סעודה און דער טאטע איז נישטא, אסאך מאל נעמט עס א סעקונדע פון ווען מען הערט א פייף ביז דער טאטע איז שוין אינדרויסן. איך פרוביר נישט צו לויפן צו ווייט, כדי צו קענען צוריקקומען די שנעלסטע וואס מעגליך, חוץ אויב ס'איז נישטא קיין ברירה, כ'האב שוין אויך געהאט ביי די סדרים וואס איך האב פשוט נישט געהאט קיין ברירה נאר געמוזט גיין אויף וויכטיגע קאלס און איבערלאזן מיין ווייב פירן ווייטער דעם סדר.

אפגערעדט פון שבתים און ימים טובים ווען מען קלאפט ביים טיר ממש אן אויפהער, יעדער פון דער געגנט ווייסט וואו איך וואוין און אז איך בין א הצלה וואלונטיר, און מען קלאפט אריין פרעגן שאלות און עצות איבער סיי וועלכער מעדיצינישער פראבלעם עס מאכט זיך אינדערהיים. מיינע קינדער זענען שוין צוגעוואוינט צו דעם.

■ **דערציילט אונז עטליכע געשיכטעס וואס זענען אייך געבליבן איינגעקריצט.**

## וויאזוי איך האב זיך געטראפן לויפן אויף הצלה קאלס...

עס איז געווען עטליכע יאר צוריק דעם צווייטן טאג שבועות צופרי, איך בין געזעסן אין ביהמ"ד פאר'ן דאווענען און געזאגט תהלים, איינער איז מיר געקומען זאגן אז א איד איז אראפגעפאלן אויף דער גאס. איך האב געענדיגט דעם קאפיטל און ארויס אינדרויסן, און איך זע פארנט פון בית המדרש ווי א איד האט א סיזשער. איך לויף צו, און איך זע אז ער אטעמט נישט, ער האט אנגעהויבן ווערן אביסל בלוי.

איך האב אריינגערופן פאר בעקאפ, און ווילאנג די בעקאפ איז געקומען, זע איך אז ער האט פארלוירן דעם פולס און ער אטעמט נישט, ער איז אין קארדיאק ארעסט. איך האב אפגרעידעט דעם רוף צו א קאוד-וואן, עס זענען גראד געקומען, ALS ,BLS, מעדיקס, אלעס. מ'האט 'געשאקט' דעם איד אפאר מאל, מ'האט געמאכט CPR. פינף מינוט שפעטער איז ער ב"ה צוריקגעקומען. הודו לה' כי טוב!

מ'האט אים אריינגעטראגן אין שפיטאל, און ער האט באקומען א pacemaker, און דער יונגערמאן לעבט היינט, דאס איז שוין צען יאר שפעטער, און ער זיצט נעבן מיר אין בית המדרש.

ס'איז ממש אומגלויבליך וואס די מעשה איז געווען. דער יונגערמאן איז שוין נישט דא געווען! און יעצט דאווענט ער נעבן מיך. ער קומט מיט זיינע קינדער אין בית המדרש, יעדן שבת ווען איך זעה אים, שפיר איך נאכאמאל א געפיל וואס איך קען נישט מסביר זיין.

נאך אן אנדערע שווערע רוף וואס איך האב געהאט. מיין שכן איז איין צופרי צוזאמגעפאלן. ער איז געשטאנען ביים פענסטער צו כאפן פרישע לופט, א יונגערמאן אין די נידריגע צוואנציגער יארן. מיר זענען אנגעקומען דארט, ער איז געווען אין קארדיאק ארעסט און מיר האבן אים געשאקט, צוריקגעברענגט, און ברוך השם ער לעבט, געזונט און שטארק.

אויך די זעלבע זאך, יעדעס מאל איך זעה אים, דאנק איך דעם אויבערשטן אז איך האב געהאט די זכי' אים צוריקצוברענגען.

**וואס קענט איר זאגן פאר תושבי קרית יואל איבער די הצלה וואלונטירן?**

עס איז צום שטוינען ווי וואלונטירן זיצן מיט פאציענטן אין שפיטאל אכט-ניין שעה, ווילאנג די משפחה קען קומען. אסאך וואלונטירן פארן קיין קליוולאנד, קיין באסטאן אדער פענסילוועניע. דאס זענען זייער ווייטע פלעצער, און מען פארט, מען גיט אוועק א האלבער טאג אדער מער פאר פאציענטן וואס דארפן אנקומען אהין. די וואלונטירן וואס מאכן כסדר טרענספערס איז ממש צום באוואונדערן.

עס איז א חידוש ווען מען נעמט אויף פרישע וואלונטירן, ווי מען מאכט יעדן שפירן איינגענעם און באקוועם. מען קען זען ביי די הכרת הטוב אוועלנטן וואס מען מאכט פאר די וואלונטירן, ווי עס זיצן אלע וואלונטירן צוזאמען אן קיין חילוק ווער עס איז עלטער אדער ווער עס איז א פאראמעדיק. ממש א נחת עס צו באטראכטן.

אזוי אויך פאר די 'סערוויס וואלונטירן' דארף מען האבן א ספעציעלן הכרת הטוב, בפרט מו"ה יחזקאל בראך נ"י. זעלטן וואס מען ווערט אריינגעיין אין אן אמבולאנס וואס עס זאל עפעס נישט זיין. אייביג איז אלעס אויסגערישט מיט אלע עקוויפמענט, די אמבולאנסן זענען אייביג אנגעפילט מיט גאזאלין צו קענען פארן אן דארפן זיך אפשטעלן. שטעלט אייך פאר אויפ'ן וועג צו א רוף – ווען יעדע רגע ציילט - זאל מען דארפן אנפילן דעם אמבולאנס מיט געז...!

די סערוויס וואלונטירן ארבעטן אסאך מאל דריי אזייגער פארטאגס ווען דער אמבולאנס קומט צוריק פון א גאנצן טאג זיין אויף הילפס רופן, ווען יעדער שלאפט שוין, קומען זיי צום גאראדזש, זיי שטייען דארט א שעה-צוויי, צוריק אנצופילן דעם אמבולאנס. די וואלונטירן קומען אן צופרי צו א פרישן אמבולאנס.

עס איז וויכטיג פאר אלע איינוואוינער צו וויסן, ווען מען זעט א הצלה וואלונטיר גיין אויף א רוף, אדער אן אמבולאנס קומט, און מען שטייט ביי א סטאפ סיין אד"ג, זאל מען זיכער מאכן אז מען שטערט נישט דעם וואלונטיר פון טון זיין ארבעט. דער וואלונטיר וועלכער דרייווט, יאגט זיך יעצט אנצוקומען צום קאל ווי אמשנעלסטן. גיב אים די איבריגע צען סעקונדעס און לאז אים דורכפארן. ס'איז פשוט הצלת נפשות!

נאך א זאך, מ'דארף האבן דעם ריכטיגן בליק אויף די הצלה מעמבערס, כאטש וואס מ'איז טאקע זייער אסאך מאל אנגעצויגן און מ'זעהט אלע לויפן, זאל מען נישט וועגן דעם אפזיגלן אז דער הצלה מעמבער איז בכלליות א נערוועזער מענטש און ער איז שרעקעדיג, ח"ו. מען דארף נישט מורא האבן צו קומען רעדן אדער עפעס פרעגן וואס מען דארף וויסן. אויך זאל מען נישט מורא האבן צו רופן הצלה. מיר זענען נאר דא צו העלפן דעם ציבור.

א הארציגן דאנק פאר אלע געטרייע וואלונטירן. לכו בכחכם זה והושעתם את ישראל! ■




בס"ד
טוט ער זיך אָן די
ווייסע קיטל
די געלערנטע זעלקעיר דאקטורים און געטרייע סטעף, זענען דא צו העלפן יעדן פאציענט מיט א געניטע געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט.
א כשר'ן געזונטן פסח!
KAYGROUP.CO
PESACH SCHEDULE
מיטוואך: ערב פסח Wed 4/1 9 AM - 11 PM Onsite X-ray 11-6 PM
דאנערשטאג: א' דפסח Thu 4/2 5 PM - 11 PM Onsite X-ray 5-11 PM
פרייטאג: ב' דפסח Fri 4/3 5 PM - 11 PM Onsite X-ray 5-11 PM
שבת חול המועד Sat 4/4 5 PM - 1 AM Onsite X-ray 7-12 AM
זונטאג: חול המועד Sun 4/5 12 PM - 12 AM Onsite X-ray 3-10 PM
מאנטאג: חול המועד Mon 4/6 12 PM - 12 AM Onsite X-ray 3-10 PM
דינסטאג: חול המועד Tue 4/7 11 AM - 11 PM Onsite X-ray 11-6 PM
מיטוואך: שביעי של פסח Wed 4/8 5 PM - 11 PM Onsite X-ray 5-11 PM
דאנערשטאג: אחרון של פסח Thu 4/9 5 PM - 1 AM Onsite X-ray 5-12 AM
ZelCare
Family Health Network
845.782.0000
3 Hamaspik Way,
Suite 011, Monroe, NY 10950

ZelCare
Family Health Network

845.782.0000
3 Hamaspik Way,
Suite 011, Monroe, NY 10950

# עמערדזשענסי רוף

א פשוטע פיזיקעל עקזעם קען ראטעווען אייער לעבן

ערנסטע געזונט פראבלעמען
אנטוויקלן זיך אן סימפטאמען:

- צוקער פראבלעמען
- בלוט דרוק פראבלעמען
- הויכע קאלעסטעראל
- הארץ ריזיקעס

מען שפירט עס נישט ביז עס
איז אן עמערדזשענסי!

א "יערליכע
פיזיקעל עקזעם"
כאפט עס אויף ווען
מען קען עס נאך
גרינג באהאנדלען.

א פיזיקעל-עקזעם איז גרינג, שנעל און קריטיש וויכטיג.


JOHNATHAN (ELI) GAMSS MD
MEDICAL DIRECTOR


DOV MARKOWITZ
PA-C


LAZAR SCHWARTZ
PA-C

ELENA (LEAH) RUBCHINSKI
PA-C

ESTHER KRUPKA
PA-C

Primary Care | Urgent Care | Gynecology | Orthopedics | Proctology | Endocrinology | Cardiology



# ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

## אלארמירנדע מעסעדזשעס און קריטיש-וויכטיגע אווערנעס פונקטן פון בארימטע ספעציאליסטן אין צוזאמענארבעט מיט הצלה

חיים שפיצער

ארטיקל ספאנסער:
ZelCare
Family Health Network

## ר' אליעזר שווארץ
### הצלה מעדיק און זעלקעיר דאקטאר

# • די וויכטיגקייט פון א פיזיקאל טשעק-אפ •

ב"ה, יעדער פון אונז האט א פארנומענעם סדר היום, צווישן די משפחה ווירטשאפט, פרנסה, רוחניות'דיגער סדר היום, און אלעס וואס קומט מיט, וואס האלט אונז פארנומען מיט אזויפיל געזונטע אויפגאבעס, אז די ערשטע זאך וואס מיר וועלן אראפנעמען פון אונזער ליסטע פון זאכן – עכ"פ אפלייגן אויף שפעטער... - איז די יערליכע פיזיקל טשעק-אפ.

אז מ'שפירט זיך בסדר ב"ה, טראכט מען און וויל מען זיך בארואיגן אז אלעס איז אין ארדענונג און מ'זעהט נישט פאר אזא דרינגענדע באלדיגע געברויך דורכצוגיין אזא טשעק-אפ.

דער אייבערשטער זאל טאקע אוודאי העלפן אז מ'זאל זיין געזונט און בלייבן געזונט, אבער אין מיין ארבעט אלס דאקטער, און פאר הצלה אלס א פארעמעדיק קומט מיר אויס צו זען מענטשן אין זייערע שווערסטע טעג. איך זע די מאמענטן ווען ס'איז "פלוצלינג" געשען אן עמערדזשענסי.

דער פאקט איז אבער אז על פי רוב איז עס בכלל נישט געשען "פלוצלינג". ס'איז אין רעזולטאט פון שטילע קאמבענאציע פון יארן, געהעכערטע בלוט-צוקער, הויכע בלוט-פרעשור, אדער קאלעסטעראל וואס מ'האט נישט אונטערזוכט און במשך די יארן פארנאכלעסיגט.

ס'איז דא א סיבה פארוואס 'הייפערטענשאן' און דייעביטיס ווערן אפט גערופן 'שטילע מערדערער'. דו שפירסט נישט אז עפעס איז שלעכט, ווי דיין בלוט צוקער צוקוועטשט דיינע נירן, ביז א קריזיס באוויזט זיך ל"ע.

לאמיר עס אביסל בעסער אויסשמועסן און נעמען עטליכע ביישפילן.

### בלוט פרעשור און קאלעסטעראל:

דאס צו האלטן אונטער קאנטראל מיינט נישט בלויז 'קוקן נומערן', ס'איז צוריקהאלטן די סטראוק וואס קען דיך חרוב מאכן ה"י.

### דייעביטיס:

דורכ'ן אויפכאפן דעם פראבלעם גענוג באצייכנט מיינט אז מ'קען עס נאך באהערשן מיט פשוט'ע מעדעצינען, אנשטאט דארפן שפירן די שווערע קאמפליקאציעס וואס קען חלילה אפעקטירן די הארץ, אויגן און פוס פונעם מענטש.

### אונטערזוכונגען:

עס איז ראטזאם איינמאל מען ווערט אביסל עלטער, בערך פון די פערציג און ארויף צו גיין מאכן א קאלאנאסקאפי. עס איז גאר וויכטיג און ס'קען אסאך פראבלעמען פארמיידן.

א קאלאנאסקאפי (אונטערזוכונג) קען זיך אפשר שפירן ווי אן אומבאקוועמליכקייט, ס'איז אבער איינע פון די וויכטיגסטע אופנים וואס קען פאקטיש גענוג באצייטנס אויפכאפן קענסער וואוקס ה"י בעפאר ס'ווערט צו גרויס און ברענגט צו אן ערנסטע פראבלעם רח"ל.

איך האב מיטגעהאלטן א מעשה דא אין קרית יואל פון א איד וואס האט זיך נישט גוט געשפירט, איך האב פרובירט אים צו איבערצייגן אז ער מוז זיך גיין אונטערזוכן. ער האט בשום אופן נישט געוואלט.

ביז איינער פון זיין משפחה איז געווארן געוואויר אז ער וויל זיך נישט גיין אונטערזוכן, און זיין שוואגער האט אים אנגערופן און געזאגט מיט א ווייטאגליכע וויץ "איך נעם צוזאם געלט פאר א קרן יתומים קאמפיין, דו ווילסט אפשר עפעס אריינווארפן?..."

דער איד האט זיך נאכגעפרעגט וועלכע יתומים, האט אים זיין שוואגער געענטפערט, "איך נעם צוזאם פאר דיינע קינדער, דו ווילסט זיך נישט אונטערזוכן און ווער ווייסט וואס וועט זיין די סוף..."

דער איד האט געכאפט א הרהור תשובה, און געגאנגען מאכן א קאלאנאסקפי, און מען האט געטראפן ביי אים די ביטערע מחלה ממש בעפאר עס וואלט געווען פאטאל, און ב"ה מען האט אים נאך געקענט ראטעווען.

**אלזא, טו זיך אליינס א טובה פאר דיין געזונט!**

גיין צו א 'פיזיקאל טשעק-אפ' מיינט נישט מודה זיין אז מ'איז שוואך אדער אז מ'איז אלט. ס'איז א פשוט'ע שריט פון פאראנטווארטליכקייט, אלס השתדלות עפ"י תורה פארן' אייגענעם געזונט! ס'איז א מתנה וואס דו געבסט זיך פאר דיר אליין, פאר דיין ווייב, קינדער און אלע דיינע נאנטע.

ווען איך קום אן צו אן עמורידזשענסי קאל אינמיטן נאכט, טראכט איך "אוי, הלוואי וואלט איך געקענט טרעפן דעם איד זעקס מאנאטן צוריק אין א רואיגן טאג ביי מיר אין אפיס.... אינעם הונטערשטן טייל פון אן אמבולאנס קענען מיר שוין בלויז באהאנדלן דעם קריזיס".

**החכם עיניו בראשו! ווארט נישט פאר סימפטאמען צו קאלן הצלה, אויב איז יעצט שוין 'איבער א יאר' זייט דיין לעצטע טשעק-אפ, מאך עס פאר א פריאריטעט און סקעדזשועל וואס פריער א טשעק-אפ ביים דאקטאר!**

ונשמרתם מאוד לנפשותיכם. ■

# ר' יעקב גליק
הצלה קאארדינאטאר
## • קארדיא (CARDIO) אווערנעס •

■ **א גוטן ר' יעקב, לאמיר קודם אנהייבן ביי א'. ווען און וויאזוי זענט איר אריינגעקומען אין חברה הצלה?**

איך בין געווארן אנגעשלאסן אין חברה הצלה שוין פאר איבער דרייסיג יאר צוריק, מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

עס איז געווען דעמאלטס א צייט ווען די שטעטל האט זיך פארברייטערט און מען האט געדארפט וויכטיג אויפנעמען נאך מעמבערס צו קענען דעקן דעם שטעטל על כל צרה שלא תבוא.

דער מייסד הצלה מו"ה משה אהרן שטיינבערגער האט דעמאלטס געמאכט א קלאס פאר EMT, און ער האט מיך געבעטן צו קומען אנטיילנעמען. בעצם האב איך נישט געהאט אזא חשק לכתחלה, אבער איך האב נישט געקענט אפזאגן אזא איד ווי ר' משה אהרן, בין איך געקומען צום קורס. צוזאמען מיט מיר זענען דעמאלט אריינגעקומען צען פרישע מעמבערס.

כ'האב קודם אנגעהויבן מיט בלויז דרייוון דעם אמבולאנס, אבער ערגעץ אינמיטן איז ארויפגעשפרונגן דער צאל פון קאלס, און ממש באלד נאכ'ן קורס האב איך אנגעהויבן גיין אלס 'בעקעפ'.

## יעצט לאמיר צוגיין צום נושא פון "הארץ פראבלעמען".

■ **איר זענט באקאנט אלס מומחה אין די גאנצע נושא און איר טוט ארויסהעלפן אידן מיט'ן אויפמערקזאם מאכן איבער דעם. ווי אזוי זענט איר אנגעקומען צו דעם?**

מיין טאטע להבחל"ח (הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק), איז געווען אן עלטערער מענטש וואס האט געהאט אביסל צוטון מיט די הארץ, און איך האב ממש מיטגעהאלטן יעדן דאקטער'ס וויזיט, אזוי אז איך בין געווען פארנומען מיט די דאקטוירים, און אזוי האב איך באקומען עקספערטיז אין דעם נושא.

אלע מעמבערס זענען באמת נישט קיין קליינע מבינים אויף סיי וועלכע מעדעצינישע פראבלעם, אבער ווען מען 'לעבט' מיט דעם, מ'ווערט מער אריינגעטון, שפירט מען מער, קען מען ענדערש העלפן אידן מיט עקספערטיז.

## יעצט בנוגע אווערנעס:

לאמיר מסביר זיין אביסל וויאזוי די הארץ ארבעט. עס איז צעטיילט אין דריי חלקים. קודם איז דא די חלק וואס איז א פאמפ, עס פאמפט די בלוט איבער דעם גאנצן קערפער, דאס איז באקאנט אלס די 'הארץ'.

נאכדעם איז דא די חלק פון די אדערן וואס ברענגען אריין די בלוט צו די הארץ און טראגן עס ווייטער. נאכדעם איז דא די חלק, וואס ווערט גערופן די 'עלעקטריק' חלק, וואס דאס טרייבט דער גאנצער סיסטעם.

אין קורצן ארבעט דאס אזוי ווי יעדע וואסער פאמפ, עס איז דא די עלעקטריק, די פאמפ און דער שלויך. ביי די הארץ איז דא די זעלבע זאך נאר אין אסאך א קלענערע פארמאט.

סיי וועלכע זאכן וואס מען שפירט ביי די הארץ דארף מען וויסן אז עס איז וויכטיג צו גיין דאס אונטערזוכן. צי זאל עס זיין 'טשעסט פעין' אדער אפילו בלויז אומבאקוועמליכקייט, אדער אז מען האט ווייטאג וואס זיצט נישט אויף איין פלאץ נאר מען שפירט עס אמאל אין די לינקע האנט און אמאל אין די רוקן ביי די הארץ, דאס איז א קלאסישע סימפטאם פון הארץ פראבלעמען ל"ע.

די ערשטע זאך איז וויכטיג פאר יעדן איינעם צו וויסן אז אכטונג געבן בעפאר עס קומט א פראבלעם העלפט אסאך מער ווי איינמאל די פראבלעם איז שוין דא.

עס איז וויכטיג צו גיין איינמאל א יאר צום דאקטער פאר א יערליכע אונטערזוכונג, להקדים רפואה למכה. אפילו מען איז צוואנציג יאר אלט און אפילו מען איז ב"ה געזונט און שטארק. ווייל ווען מען איז יונג קען מען שנעלער כאפן אויב עפעס קומט פאר וואס טויג נישט. אויב מאכט זיך ח"ו א פראבלעם און מען ווייסט נישט דערפון, דאן ווערט עס ערגער מיט יעדן טאג וואס עס גייט אריבער אומבאהאנדלט.

אפילו מען איז געוועלטיג אין די יארן זייער פארנומען מיט די משפחה און פרנסה, דאך איז זייער וויכטיג און ראטזאם דאס צו נעמען אין באטראכט און זעהן צו גיין כאטש 'איין מאל א יאר' פאר אזא וויזיט. על פי רוב אין די יארן זיצט מען מיט קינדער ביים דאקטער פון צייט צו צייט, דארף מען זעהן צו געדענקן צו גיין פאר זיך אליינס אויך...

פון אונזער חלק מטעם הצלה, פרובירן מיר זייער שטארק צו דערמאנען מענטשן אז מיטן גיין צום דאקטער איין מאל א יאר קען מען פארמיידן אסאך פראבלעמען, ווי מיר האבן זיך שוין אזויפיל מאל איבערצייגט.

הצלה פלעגט אמאל האבן איינמאל א חודש א פראגראם, אז מען האט געקענט קומען אין די גאראדזש און זיך אונטערזוכן די בלוט דרוק, הארץ פראבלעמען, צוקער טעסטס, קאלעסטעראל וכו'. מיר ארבעטן יעצט צוריק אנצוהייבן מיט דעם פראגראם לתועלת הציבור.

■ **און פאר די וואס האבן שוין ליידער יא פראבלעמען מיט די הארץ וואס קענט איר זיי זאגן?**

איין מאל מען הייבט אן שפורן אפילו די קלענסטע ווייטאג, אדער מען שפירט אז מען קען נישט אטעמען געהעריג ווען מען שפאצירט ארויף א בארג אדער טרעפ, מוז מען אלעס איבערלאזן און זיך גיין אונטערזוכן.

אויב שפירט מען שטארקע ווייטאג, זאל מען תיכף רופן הצלה, אדער גיין צום דאקטאר. ס'איז שוין היינט דא עטליכע 'אורזשענט קעירס' ווי מען קען אריינשפאצירן און זיך אונטערזוכן און זיין איננדרויסן ביז א קורצע צייט.

אזוי אויך איז וויכטיג פאר אידן וואס ווערן אביסל עלטער, אדער אויב מען נעמט צו וואג, צו מאכן איבונגען און זיך באוועגן. און אזוי

אויך איז וויכטיג צו וויסן די סימפטאמען פון 'טשעסט פעין' און זיך וויסנדיג מאכן אויב מען זעט אז עפעס קלאפט נישט.

אזוי אויך איז וויכטיג אז מען זאל זיך נישט צוריקהאלטן פון רופן הצלה אויב מען שפירט אז מען דארף. אויב פילט מען עפעס, מען זעט עפעס, אדער ס'דאכט זיך עפעס, זאל מען זיך קיינמאל נישט צוריקהאלטן פון רופן. ענדערש זאל מען זיין אויף די זיכערע זייט ווי פארקערט. די דיספעטשערס זענען געלערנט אויסצופרעגן און זען צו ס'איז עפעס וואס מען דארף באהאנדלען.

בכלל זענען די מעמבערס פון הצלה גוט טרענירט און גרייט צו העלפן אין סיי וועלכע סיטואציע, מען דארף נישט מורא האבן צו שטערן, עס איז דא יונגעלייט וואס שטייען גרייט אפילו אינמיטן די נאכט און אין סיי וועלכע פארנומענע צייט, צו העלפן א צווייטן איד.

## ר' שלום יצחק הערשקאוויטש
## • אלערדזשיק רעאקציעס •

איך בין א פאראמעדיק און א דיספעטשער פאר הצלה. איך האב געהאט דעם כבוד צו קענען בויען פאר "הצלה קרית יואל" א נייע סאפיסטיקירטע דיספעטשינג סאפטוועיר וואס ווערט היינט באנוצט דורך רוב הצלה ארגעניזאציעס איבער אמעריקע.

**■ אלס א דיספעטשער און פאראמעדיק וועלכע זאך וואלט איר געזאגט איז וויכטיג צו מעורר זיין ווען מען רעדט פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם?**

לאמיר רעדן פון אלערדזשיס.

אן אלערדזשיק רעאקציע פאסירט ווען דער קערפער רעאגירט איבערגעטריבן צו א געוויסע באשטאנדטייל אין עסן אדער אן אנדערע זאך, און דער קערפער באהאנדלט דאס ווי א פרעמדע זאך וואס מען דארף באקעמפן.

ווען אן אלערדזשיק רעאקציע פאסירט קען מען זען עטליכע סימנים, למשל:

- אויסשלאג (Rash, Hives)
- שווערקייט צו אטעמען
- הוסן אדער וויזינג (Wheeze)
- געשוואלענע ליפן, צונג אדער האלז (דער קול ווערט "הייזעריג")
- שווינדל (Dizzines) אדער שוואכקייט
- ביי קינדער קען מען אויך זען אז זיי ווערן פלוצלינג שלעפעריג, קאלט און בלאס אדער צומישט.

אן אלערדזשיק רעאקציע קען זיך פארשווערן אין מינוטן, און גיין פון א קליינע סימן ביז א לעבנס סכנה - גערופן אנאפילאקסיס - קען זיין אין גאר א קורצע צייט ח"ו.

**■ וואס איז אנאפילאקסיס (Anaphylaxis) אויב איר קענט געבן מער הסבר אויף דעם?**

רוב אלערדזשיק רעאקציעס זענען מילד און ווערן באהאנדלעט מיט א פשוט'ע אנטי-היסטאמין ווי למשל בענעדריל (Benadryl).

אבער ווען די אויבנדערמאנטע סימנים הייבן אן אפעקטירן דאס אטעמען אדער דעם גאנצן קערפער סיסטעם, אדער מען זעט אז עס פארשווערט זיך גאר שנעל, ווערט דאס אנגערופן אנאפילאקסיס (Anaphylaxis). דאס הייסט אז ס'איז נישט סתם א פשוט'ע אויסשלאג (Hives) נאר דאס איז א לעבנס-סכנה וואס לויפט מיט אן עקסטרעמע שנעלקייט און קען ווערן קריטיש אין ממש געציילטע מינוטן אויב מען באהאנדלט דאס נישט שנעל.

אין אזא מצב איז די איינציגסטע ריכטיגע באהאנדלונג אן 'עפי-פען' (Epi-Pen). עס איז וויכטיג צו פארשטיין: אן עפי-פען איז נישט קיין "סוף-פסוק" און עס היילט נישט דעם פראבלעם אינגאנצן. עס דינט בלויז אלס א מיטל צו פארדינען צייט ביז הצלה קומט אן.

די מעדיצין אינעם עפי-פען קען נאכלאזן נאך א קורצע צייט, און דעמאלט קען די רעאקציע צוריק קומען נאכאמאל (און צומאל אויף א שטערקערע פארנעם ה"י). דערפאר, אפילו אויב דער פאציענט שפירט זיך בעסער נאכ'ן באקומען דעם עפי-פען איינשפריץ, מוז מען נאך אלץ רופן הצלה, וויבאלד דער פאציענט מוז ווייטער באקומען מעדיצינישע באהאנדלונג און בלייבן אונטערן אויפזיכט אין שפיטאל פאר עטליכע שעה זיכער צו מאכן אז די סכנה איז פאריבער.

**■ איז דא נאך עפעס וויכטיג וואס דער עולם דארף וויסן איבער דעם?**

ס'איז דא זייער אסאך מאל וואס מענטשן ווייסן נישט גענוג אכטונג צו געבן ווען עס קומט צו עסן וואס מען לייגט ארויס פאר'ן ציבור אדער פאר קינדער. מענטשן כאפן נישט אז דאס קען זיין א סכנה פאר איינעם מיט אלערדזשיס, בשעת עס רעדט זיך פון דיני נפשות ממש.

דאס פאסירט למשל ווען מען לייגט ארויס תיקון אין בית המדרש, א מלוה מלכה, אדער ביי א שמחה וואו קינדער דרייען זיך, אדער אז מען גיבט פאר א קינד עסן וואס ער גייט טראגן צווישן אנדערע קינדער.

ס'איז וויכטיג צו געדענקען אז צומאל קען זיין באהאלטענע אינגרידיענטס, למשל קעיקס פון בעקערייען וואס קען שטיין "may contain nuts", אדער ווערן פראדוצירט אין כלים וואס מען ארבעט מיט ניסלעך. בפרט ארום די טעג פון פסח ווען אסאך קעיקס ווערן געמאכט מיט ניסלעך אדער אין אזעלכע פאבריקן.

**■ אויב מען זעט א רעאקציע אבער מען איז נישט זיכער, וואס איז די ריכטיגע שריט?**

מען דארף אייביג גיין לחומרא!

בפרט ביי קליינע קינדער אונטער פיר-פינף יאר וואס קענען נישט געהעריג קאמיוניקירן וויאזוי זיי שפירן, אדער ביי מענטשן מיט א היסטאריע פון שטארקע אלערדזשיס, טאר מען נישטווארטן. די סייד-עפעקטס פון א עפי-פען זענען כמעט גארנישט, עס איז כמעט קיינמאל נישט שעדליך.

דעריבער, אויב איר זעט סימנים פון אזא רעאקציע, אפילו אויב איר זענט נישט הונדערט פראצענט זיכער, געבט דעם עפי-פען און רופט הצלה. עס איז פיל בעסער צו רופן הצלה "אומזיסט" און געבן אן עפי-פען וואס מען דארף נישט, ווי איידער חס ושלום צו פארפאסן די געלעגנהייט ווען א רעאקציע ווערט קריטיש.

**■ פאר די וואס האבן אליין אלערדזשיס אדער האבן קינדער מיט אלערדזשיס, וואס איז וויכטיג פאר זיי צו וויסן?**

אלץ צו נעמען מיט זיך אן עפי-פען. דער עפי-פען איז א מעדיצין וואס העלפט שנעל עפענען די אטעם רערן, און העלפט אפשטעלן א שטארקע אלערדזשיק רעאקציע (Anaphylactic reaction) פאר א

געוויסע צייט ביז הצלה קומט אן. מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי נויטיג דאס איז ווען מען האט אזא רעאקציע ח"ו.

נאך א וויכטיגע זאך פאר עלטערן וואס האבן קינדער מיט אלערדזשיס, אז מ'זאל זיכער מאכן אין חדר אדער אין סקול אז די רבי'ס/טיטשערס ווייסן פון די אלערדזשיס, און וואס עס געשעט ווען דאס קינד עסט עפעס וואס ער טאר נישט. מען דארף אויך אויסשמועסן מיט'ן קינד פונקטליך וויאזוי צו בעטן הילף. ברוך השם עס איז דא א געוואלדיגע אויפוואכונג אין די לעצטערע יארן איבער דעם אין די מוסדות און עס ווערט גוט באהאנדלט.

## ר' משה ראטה

## • סטראוק אווערנעס •

**■ א גוטן ר' משה, אויב איר קענט קודם מיטטיילן ווען און וויאזוי איר זענט אריינגעקומען אין הצלה?**

איך בין אריין אין די מעדיקעל פעלד גראד נאך מיין חתונה מיט בערך דרייסיג יאר צוריק. מיין ערשטע דזשאב איז געווען צו מאכן מעדיקעל עקזעמס פאר אידן וואס ווילן מאכן לייף אינשורענס, נאכדעם האב איך געארבעט ביי 'דור ישרים', צו מאכן די בלוט טעסטס פאר אידן פון קרית יואל בעפאר א שידוך און אלע ארומיגע ארבעט פון דור ישרים ווי אנאלאזירן בלוט טעסטס און אנדערע אזעלכע סארט ארבעט.

נאכ'ן זיך באקענען מער און מער מיט די מעדעצינישע וועלט, האב איך זיך אריינגעלייגט צו ווערן אן EMT, און מיט בערך 23 יאר צוריק בין איך געווארן א מעמבער אין הצלה.

**■ יעצט לאמיר צוגיין צום נושא, סטראוקס. וואס איז דאס און וויאזוי קומט דאס?**

אין קורצן איז אזוי. ס'איז דא צוויי סארטן 'סטראוקס', עס ווערט גערופן א טרוקענע סטראוק און א נאסע סטראוק.

א טרוקענע סטראוק איז ווען עס פאסירט אז געוויסע שטיקלעך אין די בלוט ווערן הארט, און עס ווערט א בלוט קלאט. וואס ווען עס קומט אן צו די מח וואס דארט איז דא די דינסטע בלוט אדערן פארשטאפט עס די אדער און עס לאזט נישט קיין אקסעדזשין וואס לויפט אין די בלוט אנקומען צו געוויסע חלקים פון די מח וואס אפערירט געוויסע חלקים פון די גוף.

די צווייטע סארט סטראוק ווערט אנגערופן אן "ענעריזם". וואס דאס איז אן אדער אין די מח וואס פלאצט און פארפלייצט ר"ל די גאנצע מח מיט בלוט.

ביידע פון די סטראוקס איז גאר שעדליך און טויטליך, און אויב פאסירט עס ח"ו דארף מען רופן הצלה די שנעלסטע וואס מעגליך.

**■ וויאזוי קען מען אכטונג געבן אז עס זאל ח"ו נישט פאסירן?**

די ערשטע און וויכטיגסטע זאך איז אז מען זאל גיין כאטש איין מאל א יאר צום דאקטער, סתם זיך צו אונטערזוכן.

עס איז ראטזאם אז מען זאל באשטימען א טאג ווען מען גייט יעדעס יאר, מען קען עס מאכן אז עס זאל זיין יעדע יאר אין די חודש פונעם געבורטסטאג וכדומה, אזוי מאכט מען זיכער אז מען זאל נישט פארפאסן צו גיין צום דאקטער זיך אונטערזוכן.

אין קורצן צום שלום, עס איז זייער זייער וויכטיג צו גיין איין מאל א יאר צום דאקטער בלויז אויף זיכער צו מאכן אז אלעס איז טאקע בסדר.

## ר' אליעזר דוד איצקאוויטש הי"ו

### הצלה קאארדינאטאר

## • די קריטישע-וויכטיגקייט פון זעהבארע אנגעצייכנטע 'יוניט-נומבערס' אויף די בנינים און אנדערע אויפמערקזאמקייט-מעסעדזשעס •

ס'איז געענצליך איבריג פארצושטעלן פאר תושבי קרית יואל ר' אליעזר דוד איצקאוויטש, דער געטרייער קאארדינאטאר פון חברה הצלה און חברים.

ר' אליעזר דוד איז א נאמען וואס פארקערפערט אין זיך זייער אסאך; א שטיק חסד לטובת הכלל והפרט, מיט א גאלדן הארץ, פון וועמען זייער אסאך אידן האבן שוין נהנה געווען, ביודעים ובלא יודעים.

צווישן זיינע אויסטערלישע לייסטונגען וואלונטירט שוין ר' אליעזר דוד פאר חברה הצלה פאר העכער פופצן יאר. איינע פון די גאר שטארקע זאכן מיט וואס ער איז באזונדער באקאנט, איז מיט'ן ברענגען אויפמערקזאמקייט אויף פילע גאר וויכטיגע ענינים, אריינגערעכנט דאס זיכער מאכן אז הצלה וואלונטירן קענען גרינג געפינען דעם אדרעס ביים גרייכן צו א הויז דורכאויס א הצלה רוף.

איז אונז א כבוד צו קענען כאפן א שטיקל שמועס מיט ר' אליעזר דוד, און הערן ערשטהאנטיג וואס ער האט צו זאגן ארום די נושא:

**■ א גוטן ר' אליעזר דוד! וויאזוי איז מען צוגעקומען צו דעם פראבלעם איבער די צעמישעניש און שווערקייט פון טרעפן שנעל די ריכטיגע אדרעסן ביי דירות?**

די פראבלעם וואס איז געשען אין די לעצטערע יארן, האט זיך אנגעהויבן מיט דעם אז ביי פלעצער וואו עס איז אמאל געווען א געביידע פון בלויז פיר דירות, איז היינט דא דרייסיג אדער פערציג יוניטס. די נומערן, וואס פלעגן אמאל זיין זייער גרינג צו כאפן אויפן רגע, די רעכטע זייט, לינקע זייט און אזוי ווייטער, איז היינט זייער קאמפליצירט און ס'ברענגט א צעמישעניש.

כ'וועל פארציילן א מעשה וואס איך האב אליינס געזעהן. איך בין

אנגעקומען צו א הצלה קאל ביי א הויז דא אין שטאט, ביי איינס פון די עלטערע דעוועלאופמענטס.

מען האט מיר געזאגט אז ס'איז אויף די לינקע זייט, אבער ווען כ'בין אנגעקומען ביי די לינקע זייט נאכ'ן אריינגיין פון אינדרויסן פון די געביידע ביז'ן סוף, האט מען מיר געזאגט אז ניין, כ'דארף גיין צו די רעכטע זייט... איך האב אבער נישט געהאט קיין וועג אנצוקומען פון הונטן פון די געביידע פון די לינקע זייט צו די רעכטע, האב איך געמוזט צוריקגיין דעם גאנצן וועג צופיס און ארומגיין צו די רעכטע זייט פון די געביידע.

דאס האט פאסירט ביי איינע פון די עלטערע פלעצער וואו מ'האט ביסלעכווייז צוגעבויט מערערע סעקשאנס צום בנין. דער בנין אנטהאלט היינט אין זיך אסאך משפחות, און דאס האט פאראורזאכט אז די ערשטע מעמבער אויפ'ן סצענע איז אפגעשטופט געווארן מיט וויניגסטנס א גאנצע מינוט... - וואס איז געווען גאר אסאך אין דעם פאל, ווען עס האט זיך געהאנדלט פון אן ערנסטע טשאוקינג ה"י.

מ'דארף ארויסברענגען לשבח, אז ברוך ה' ביי די נייערע דעוועלאפמענטס און גאסן לייגט מען שוין מער א געוויכט אויף דעם, דאס מסדר צו זיין אויף א בעסערן סיסטעם, קלאר און גרויס אנגעצייכנט מיט קלארע גרויסע טאוולען און יוניט סיינס, וואס פארגרינגערט אסאך, אבער ביי די עלטערע פלעצער איז עס מער א פראבלעם.

ספעציעל זעהן מיר דעם פראבלעם אין די דרויסענדיגע געגנטער וואו אידן האבן זיך אריינגעצויגן אין אלטע הייזער אדער מענטשן האבן אליינס אויפגעבויט הייזער מיט עטליכע יוניטס און נישט אין אכט גענומען די וויכטיגקייט פון מאכן קלארע אנגעצייכנטע נומבערס וואס מ'זאל גראד זעהן און שטיין פאר די אויגן, על כל צרה שלא תבוא.

■ **וואס איז די עצה אז עס זאל זיך מער נישט מאכן די סארט פראבלעמען?**

איין עצה איז, ארויסצושיקן איינעם אפווארטן דעם מעמבער. דאס איז עפעס וואס העלפט. ווען א מעמבער קומט אן און איינערווארט אינדרויסן, איז פשוט אז ער ווייסט וואו צו גיין און דאן מאכן זיך נישט קיינע פראבלעמען. מ'קען אזוי פארשפארן אסאך צייט, ווען יעדע מינוט ציילט.

די פראבלעם איז אבער, אז אין זייער אסאך פעלער איז עס א מאמע מיט א קליין קינד אליינס אינדערהיים, וואס דאן איז נישטא וועמען ארויסצושיקן, אדער אפילו אויב איז יא דא נאך קינדער אינדערהיים, קען מען נישט אייביג ארויסשיקן א קינד, צי ווייל דאס קינד איז נישט גענוג גרויס צו פארשטיין די מצב, אדער פאר סיי וועלכע אנדערע סיבה וואס זאל נישט זיין.

אפילו ווען ס'איז יא דא א גרעסערע קינד וואס מ'קען ארויסשיקן אפווארטן דעם מעמבער, קען אסאך מאל דויערן צייט ביז איינער האט די קאפ אויפן פלאץ אראפצושיקן איינעם, און אפטמאל איז הצלה דארט אזוי שנעל, אז קיינער האט נאכנישט עספיעט אראפצוקומען אפווארטן.

■ **טא וואס קענען מענטשן יא טון?**

יעדער איינער זאל זיכער מאכן, ספעציעל די וואס וואוינען אין די עלטערע הייזער און בנינים אדער אין די דרויסענדיגע געגנטער, אז אינדרויסן פונעם בנין איז דא אנגעצייכנט זיין יוניט נומבער, און נישט ערגעץ וואו פארשטופט וואס מ'קען נאר טרעפן מיט א פארגרעסערונג-גלאז, נאר מען דארף זעהן אז עס איז גענוג גרויס, אז מ'זאל עס קלאר זען.

די אותיות און נומערן זאלן זיין אין 'באלד', מען זאל זיכער מאכן אז די טאוולען קען מען זען ביים אנקומען צו די געביידע. אפטמאל מאכט זיך אז דורכאויס זומער ווערן טאוולען פארשטעלט מיטביימער וכדומה, די אלע זאכן מוז מען זען צו פארמיידן, ווייל דאס ראטעוועט לעבנס. ממש אזוי.

■ **אריבער צו א צווייטע נושא. וואס פאסירט ווען וואלונטירן קומען אן צו א קאל און די טיר איז פארשפארט?**

דא אין קרית יואל זענען די טירן ביי רוב דירות נישט צוגעשפארט אויף א שווערן פארנעם, אזוי אז אפילו אויב עס איז יא צוגעשפארט קען עס על פי רוב סיי וועלכער וואלונטיר גרינג עפענען, אבער אויב מאכט זיך יא אמאל אז מען דארף אויפברעכן א טיר, און ס'איז א שווערערע ארבעט, דעמאלטס רופט מען אריין מעמבער'ס וואס זענען אויך מעמבערס אין חברים אדער מצילי אש, וואס זענען מער אויסגעשטעלט פאר אזעלכע מצבים, אלעס ווענדט זיך לפי המצב והזמן.

■ **האט איר נאך עפעס צוצולייגן רעדנדיג צום ציבור?**

נאך א זאך וואס קען נוצן אויפמערקזאמקייט, איז וויבאלד דא אין קרית יואל זענען שוין דא געביידעס וואס זענען פיר-פינף שטאק הויך, איז וויכטיג אז אויב וואוינט מען אין א געביידע וואס האט אן עלעוועיטער, זאל מען זאגן פאר'ן דיספעטשער ביים אריינרופן צו א קאל, אז עס איז דא אן עלעוועיטער, וויבאלד דאס קען גאר שטארק פארגרינגערן פאר די מעמבערס, וואס קענען קומען ארויפצולויפן פיר שטאק, און דארפן זיך נעמען באהאנדלען א פאציענט מיט די גאנצע כח.

יישר כח ר' אליעזר דוד, א גרויסן יישר כח און אסאך הצלחה בכל מעשה ידיך.




א טייגל אויפן
שאולדער איז חירות
א קאר אויפן
שאלדער
איז גלות
DPMG
Upstate Collision
א כשר'ן און לעכטיגן פסח, וואונטשט:
פישל גאלדבערגער
FULL MAINTENANCE
OIL CHANGE
BREAKS CHANGE
NY STATE INSPECTIONS
CAR LEASING
CAR RENTAL
24H TOWING
BODY REPAIR
ד' ישמור
צאתכם ובואכם
לחיים ולשלום
845.599.9000 • AFTER HOURS: 845.500.1400
WWW.UPSTATECOLLISION.NET • info@upstatecollision.net • 123 Elm St, Monroe, NY 10950

# סעיפטי אויפוואכונג

## איבער א רייע וויכטיגע טעמעס
## וואס טוט פארמיידן סכנות נפשות בעז"ה

**שטייענדיג אין די טעג בעפאר'ן זומער, זענען פארהאן א רייע טעמעס, ממש קליייניגקייטן, זאכן וואס נעמט נישט מער ווי אפאר סעקונדעס צו טון, אבער די קליינע זאכן קענען אסאך מאל זיין די דיפערענץ וועלכע וועט באשליסן אויב מ'מאכט עס ארויס לעבעדיג און געזונט פון א סיטואציע אדער נישט.**

### העלמעטס:

דאס איז א גאר קריטישן טעמע, קינדער פליען ארום אויף די בייקס אין לויף פונעם זומער און זיי קענען אמאל פאלן, ס'איז עפעס וואס געשעט. אויב גייען זיי נישט מיט קיין 'העלמעט' קען עס אמאל זיין סכנת נפשות ממש, מ'רעדט פון געציילטע סעקונדעס וואס עס געדויערט אנצוטון דעם העלמעט, פארוואס זאל מען עס נישט טון? ס'איז פשוט א פליכט אלס ונשמרתם מאוד לנפשותיכם!

ווי ס'האט פארציילט ר' לוי יצחק פריעדמאן, א הצלה וואלונטיר, וואס ער האט מיטגעהאלטן פון זיין אייגן ערפארונג:

"איך האב שוין געזען פעלער ווען העלמעטס האבן פשוט כמשמעו געראטעוועט לעבנס ב"ה. און איך האב שוין געזען שוואכערע אינצידענטן וואו קינדער זענען געפאלן, אבער 'אן העלמעטס', און דאס האט געמיינט לאנגע וואכן אין שפיטאל מיט אסאך עגמת נפש און צער, וואס דאס איז נאך ווייניג קעגן וואס פאלן פון א בייק אן א העלמעט קען רעזולטירן ה"י".

### רעפלעקטארס:

דאס איז א טעמע וואס האט נישט דייקא צו טון מיט'ן זומער נאר איז קריטיש וויכטיג במשך א גאנץ יאר. אבער זומער איז עס נאך מער נוגע, נעמענדיג אין באטראכט אז דאס איז די צייט ווען מ'דרייט זיך פיל מער אויפ'ן גאס.

זייער אסאך מאל גייען פוסגייער אויפ'ן זעלבן פלאץ וואו קארס פארן ספעציעל ביים אריבערגיין די גאס, דער מציאות איז אז ס'זענען פארהאן געגנטער און גאסן וועלכע זענען בכלל נישט באלאכטן. וועןן א גאס איז געגנצליך טונקל און די איינציגסטע זאך אויף וועלכע דער דרייווער דארף זיך פארלאזן איז זיינע אייגענע העד-לייטס, און על פי רוב וועט זיין גאר שווער דעמאלטס צו באמערקן א פוסגייער, בפרט ווען ס'רעגנט אדער ס'איז א שווערע וועטער, ספעציעל ווען די רעדע איז איבער חסידי'שע אידן וואס גייען אנגעטון אין שווארץ.

דעריבער זענען ריפלעקטארס אזוי קריטיש וויכטיג, ס'פארמיידט דעם קומענדיגן עקסידענט מיט די בלויזע פאר סעקונדעס וואס עס נעמט אנצוטאן א ריפלעקטאר, געדענקט, ס'קען ראטעווען אייער לעבן.

### סיטעבעלטס:

סיטעבעלטס איז עפעס וואס מענטשן קענען צומאל מזלזל זיין, זיי שפירן זיך אזוי פארזיכערט אין זייער קאר אז זיי פילן נישט קיין נויט דאס אנצוטון. זיי זענען דאך פאראנטווארטליכע דרייווער.. זיי דרייוון נישט ווילד, איז צו וואס ברויך מען אנטון א סיטעבעלט?

די פראבלעם איז נישט אבער אייביג זיך... די סכנה קען חלילה קומען פון א צווייטן. ווען א שיכור'ע דרייווער זעצט אריין אין דיר ח"ו און ער דרייעט איבער דיין קאר, דאן מאכט זייער ווייניג אויס ווי אחריות'דיג דו ביסט געווען, ס'איז סכנת נפשות ממש. די אונטערשייד צווישן גיין א סיטעבעלט און נישט איז א פראגע בין מוות לחיים. ס'איז דינא דמלכותא ודינא נפשות!

### קאר סיטעס:

אזוי אויך קומט דא אריין צוצולייגן בנוגע 'קאר-סיטעס'. אויב אן ערוואקסענעם דארף א סיטעבעלט וועלכע זאל אים באשיצן אין לויף פון אן עקסידענט ה"י, דאן דארף א קליין קינד א קאר-סיטע. און ביי זיי איז עס נאך וויכטיגער, ווייל אן ערוואקסענעם וועט על פי רוב נישט ווערן צו שווער אפעקטירט פון א שטארקע שארט-סטאפ, ווידעראום א בעיבי אדער קליין קינד וועלכע זענען נישט אין א קאר סיטע, ביי זיי קען עס זיין גאר מסוכן.

ה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום.




M/OTG

MEHADRIN®
QUALITY SINCE 1950

Every ~~day~~ Pesach made better

MADE IN USA

# הצלה פאזיציעס

**כדי ארויסצוברענגען וויאזוי הצלה קרית יואל אפערירט און ברענגען קלארקייט דערויף, כאפט א בליק אויף די פאלגנדע הצלה פאזיציעס, די טיטלן וואס זיי פארמאגן און די אויפגאבע וואס קומט דערמיט.**

## בארד\קאארדינאטארס

די באורד האט די עמטליכע איבערזיכט אויף די ארגאניזאציע, זיי שטעלן אוועק די פאליסיס און שטיצן אפעראציעס אין קאמפליצירטע סיטואציעס. זיי זענען דא זיכער צו מאכן אז די עמערדזשענסי רעאקציע סיסטעם פונקציאנירט ווי ס'דארף צו זיין.

## אדמיניסטראטאר

קוקט איבער די טאג טעגליכע אפעראציעס פון הצלה און מאכט זיכער אז אלע אפטיילונגען ארבעטן איינאיינעם האנט ביי האנט. ער דארף קאארדאנירן צווישן די אי-עם-טי'ס, פארעמעדיקס, דיספעטשערס, קאארדינאטארס און פאנדרעיזינג, סקעדזשועל פון מעדיקס, טרעינירונג, קאמיוניקאציע און זאכן וואס מ'נויטיגט זיך פאר אפעראציעס. אזוי אויך האט ער די אחריות פון איבערזיכט אויף די פינאנציעלן טייל פון הצלה.

## מעמבער סערוויסעס

פארפיגט איבער אלע סערוויסעס און אקטיוויטעטן מיט די 'מעמבערס' זעלבסט, ארייגערעכנט דאס אראנזשירן 'טרעינינג' און באזארגן ווייטער מיט אלע אקטיוויטעטן צו מאכן זיכער אז מ'איז גרייט און מ'האט אלעס ביי די האנט צו קענען אפערירן מיט די ארבעט.

## דיספעטשערס

ענטפערן עמערדזשענסי רופן, נעמען די קריטישע אינפארמאציע און דירעקטירן די ערשטע וואלונטירער מעמבער/ס אנהאלטנדיג קאמיונעקאציע אין לויף פונעם גאנצן קאל.

## פארעמעדיקס

הייך-קוואליפיצירטע און טרעינירטע מעדיקעל רעספאנדערס מיט מער פעאיגקייטן פון אן אי-עם-טי. זיי קענען געבן מעדעצינען, דורכפירן געוויסע העכערע פראצעדורן. ווערן א פארעמעדיק פארלאנגט געוועהנטליך ארום 1,800 שעה פון טרעינירונג.

## עי-עם-טי (עמערדזשענסי מעדיקעל טעקנישאנס)

זיי זענען טרעינירטע ערשטע-רעספאנדערס וועלכע קענען צושטעלן די ערשטע און וויכטיגע לעבנס-שטיצע. זיי שאצן אפ פאציענטן, שטעלן צו עמערדזשענסי הילף, סטאביליזירן וואונדן אדער מעדעצינישע מצבים און פירן אריבער פאציענטן פארזיכערטערהייט צו א שפיטאל, ווען ס'פעלט זיך אויס. דאס פארלאנגט געוועהנטליך 300 שעה טרעינירונג.

## נייט-יוניטס

מעמבערס וועלכע פארבלייבן אקטיוו איבערנאכט צו פארזיכערן א שנעלע רעאקציע אפילו אין די שפעטסטע נאכט שטונדן. זיי וועלן געוועהנטליך רעאגירן ערשט צו נישט לעבנס-סכנה'דיגע קאלס אזוי אז מ'זאל נישט דארפן אומנויטיג אויפוועקן אנדערע מעמבערס אין לויף פון די נאכט. אזוי אויך פארן זיי שנעל צו עמערדזשענסיס אינדערצייט וואס אנדערע מעמבערס קומען ארויס פון בעט און דארפן מאכן די וועג פון זייערע הייזער.

## סערוויס יוניטס

זיי גרייטן אן די אמבולאנסן נאך קאלס דורכן איבערפילן מעדיקעל עקוויפמענט און סופליס. זיי וועלן אויך טוישן די לינען אויפן סטרעטשער, אנפולן די גאז טאנק פון די אמבולאנסן און זיכער מאכן אז יעדע אמבולאנס איז גרייט פארן קומענדיגן קאל. זיי וועלן אויך ארגענעזירן די 'ריסטאק סופליי קלאזעטס' אזוי אז מעמבערס זאלן קענען גרינגערהייט צוריק אנפילן זייערע אייגענע רעאקציע קיט ווען זיי קומען צוריק צום גאראדזש.

## שבת און יום טוב שטיצע סטעף

העלפן ארויס די וואלונטירן דורכ'ן באהאנדלן נישט-עמערדזשענסי אויפגאבעס אזויווי צוריקדרייוון די אמבולאנסן פון די שפיטעלער, טראנספארטירן מעמבערס, צוריקשטעלן קארס, צוריק אנפולן עקוויפמענט און העלפן ארויס מיט לאגיסטיקס אזוי אז די מעמבערס זאלן קענען האבן פאקוס צו ראטעווען לעבנס על פי הלכה אין שבת ויום טוב.

## פאציענט ליעזאן

א ליעזאן פאלגט נאך א קעיס פון די מאמענט וואס א קאל קומט אריין. ער וועט עצה'נען דעם פאציענט דורכאויס די מעדיקעל סיסטעם. זיי העלפן ארויס מיטן באשליסן די מערסט פאסיגע שפיטאל אדער ספעציאליסט. אזוי אויך וועלן זיי בלייבן אין פארבינדונג מיט די פאציענט און די פאמיליע אין לויף וואס יענער איז אין שפיטאל, און וועלן נאכפאלגן אפילו שפעטער ביז דער פאציענט ווערט געזונט בעזרת השם.



# דער לאנגער וועג ביז'ן לויפן אויף הצלה קאלס

**ערשטמאליגער ארייַנבליק אינעם אינטענסיוון פראצעדור וואס ס'נעמט צו ווערן א הצלה-מעמבער, און די דורכדרינגליכע טרעניררונג וואס קרית יואל'ע הצלה מעמבערס גייען אדורך ביז זיי קענען זיין גרייט זיך אנצושליסן אין די עבודת הקודש צו ראטעווען אידישע נפשות**

אברהם שטערן



מענטשן זענען געוואוינט צו זען דעם הצלה-מעמבער אין זיין קאר מיט שרייענדע סירענעס און בליטשקענדיגע לעקטערס פליען צום 'קאָל', אדער לויפן מיט'ן וועסטל און הצלה-קיט אריין צו א הויז טוענדיג זיין ארבעט מיט א דרייסטקייט. דער הצלה-מעמבער מוז האבן שטארקן עקספערטיז אין זיין באזיץ, און אזוי לויפט ער ראטעווען מענטשן איינס נאכ'ן אנדערן. מענטשן קוקן זיי שטארק ארויף פאר'ן טון זייער ארבעט, זיך אוועקרייסנדיג פון זייער משפחה, ארבעט און שמחה און גיין ראטעווען מענטשן.

געווענליך ווערט זיך אבער א מענטש נישט אפשטעלן טראכטן וואס דער הצלה-מעמבער איז אלץ אריבער בלויז ביז'ן ווערן א מעמבער, און וויפיל טעג, וואכן און חדשים ער האט געדארפט אריינלייגן צו ווערן אן ערפארענער מעמבער.

אנדערש ווי אין דער אלגעמיינער גאס, ווי א מעמבער לערנט זיך אין ממש אפאר וואכן און איז גרייט ארויסצוגיין אויף א קאָל נאכ'ן קענען די וויכטיגע זאכן, וועט זיך אבער חברה הצלה נישט באגנוגענען דערמיט, נאר צולייגן עקסטערע שווערע חדשים פון טרענירונג, אזוי אז ווען א מעמבער קומט ארויף צו איינעם אינדערהיים קען יענער רואיג וויסן אז דער יונגערמאן איז א פולקאם ערפארענער מעמבער.

צו הערן אביסל מער וואס עס גייט אלץ אריין פון ווען מען קלייבט אויס א פאסיגן יונגערמאן וואס זאל זיין א צוקונפטיגער מעמבער ביז ער לויפט שוין אויף קאָלס גרייט מיט זיין הצלה-קיט, כאפן מיר א שמועס מיט עטליכע יונגעלייט וואס זענען הצלה-טרענירער, און אויך אזעלכע וואס זענען אליין אריבער טרענירונג און זענען שוין היינט יארן לאנגע ערפארענע מעמבערס, צו הערן פון זיי וואס א מעמבער גייט אלץ אריבער צו קענען גיין ראטעווען מענטשן.

אונזער ערשטן שמועס כאפן מיר מיט ר' בערל באבאד, אליין א לאנגיעריגער ערפארענער מעמבער, וואס וועט אונז שילדערן און ארופלייגן אין קליינגעלט וואס טרענירונג נעמט אלץ אריין אין זיך.

צום אלעם ערשט לאמיר קלארשטעלן, טרענירונג הייבט זיך נישט אן מיט'ן האבן א יונגערמאן וואס וויל ווערן טרענירט, נאר אין פאקט הייבט זיך עס נאך אן אסאך פריער, דאס איז צו זען און וויסן ווער עס איז א ריכטיגער און גענוג פעאיג מיט די נויטיגע קוואליפיקאציעס צו ווערן א מעמבער ביי אונז אין חברה הצלה.

דא ארבעט עס פונקט פארקערט ווי אין רוב פלעצער. איבעראל ווערט מען ווארטן צו באקומען אן אפליקאציע פון אן אי-עם-טי, און דערנאך מאכט מען אביסל ריסורטש איבער אים און ער ווערט א הצלה-מעמבער. דא איז פארקערט, ווייניג וואס א יונגערמאן שיקט אריין אן אפליקאציע און ער ווערט אנגענומען, נאר מען וועט אליין ארומגיין און זיך אויסקלויבן דאס בעסטע פון די בעסטע, אפילו ער האט נישט גארנישט קיין עקספערטיז פריער אינעם פעלד און ער איז ניטאמאל קיין אי-עם-טי, מ'וועט אים אריינטרענירן פון אנהייב ביז'ן סוף.

**■ פארוואס טאקע איז דא א אנדערע מהלך ווי איבעראל?**

די סיבה פארוואס מען לייגט אריין אזעלכע כוחות איז זייער פשוט, צוליב וואס מ'קען נישט שיקן סתם איינעם וואס איז אפילו גוט טרענירט אז ער זאל זיך גיין פאַרען מיט פאציענטן ווען זיי געפינען זיך אין א שווערן מצב.

'הצלה קרית יואל' זוכט די גרעסטע הידור ווען ס'קומט צו הצלת נפשות. מ'דארף אזא איינעם וואס איז גענוג אחריות'דיג און באזעסן און באזיצט דעם פינפטן שולחן ערוך, צו וויסן וואס צו טון און וועלכע שריט צו נעמען ווען מ'רעדט פון אנגעשטרענגטע מצבים, צי זאל עס זיין וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט א דערשראקענער פאמיליע וואס שרייט פאר ענטפערס, אדער וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט א פאציענט און אים מאכן פילן דאס רואיגסטע וואס שייך. איבערהויפט דארף ער קענען זיין אזא איינער וואס ווייסט וויאזוי צו האלטן זאכן פריוואט און נישט פארשעמען די משפחה חלילה.

במילא האט מען איינגעזען אז ס'איז מער תכלית'דיג און וויכטיגער אנצונעמען אזא מהלך, און אזוי איז מען טאקע מורא'דיג מצליח וואס ווערט שטארק באוואונדערט און ארויסגעהויבן לשבח.

**■ וויאזוי גייט צו דער פראצעדור פון אויסקלויבן פרישע מעמבערס?**

"חברה הצלה קרית יואל" האט אויפגעשטעלט א ספעציעלן וועד, וואס איז געווידמעט און גיבט זיך אפ נאר מיט'ן אויפנעמען נייע מעמבערס. דער וועד וועט ארומגיין אדער שיקן מענטשן זיך ארומצודרייען און אויספרעגן מענטשן וועם זיי טראכטן וואלט געווען א געלונגענער און פאסיגער מעמבער, און נאכדעם וואס עס קומען אריין א ליסטע פון נעמען זעצט מען זיך אראפ און מען הייבט אן אריינגיין מער גרונטליך צו זען ווער עס איז טאקע פאסיג דערצו. מען פרעגט אויס די ארומיגע, חברים, מענטשן וואס ארבעטן מיט אים און סתם אידן וואס קענען אים. מ'קען אפשר זאגן אז דא מאכט מען א גרונטליכערע פארש-ארבעט ווי ביי א שידוך...

ווי נאר דער וועד האט באשלאסן אויף א געוויסער צאל יונגעלייט אז זיי זאלן ווערן מעמבערס, וועט מען אנרופן די יונגעלייט, זיך אראפזעצן מיט זיי און זיי פארשלאגן די פאזיציע. מען וועט זיי אלעס מסביר זיין ברחל בתך הקטנה און אויסשמועסן יעדע קליינע איינצלהייט וואס נעמט אלץ אריין דאס לעבן פון א הצלה-מעמבער. כמעט יעדער וועט מסכים זיין, און דאן הייבט זיך אן דער שווערער פראצעדור פון טרענירונג.

**■ וויאזוי ארבעט די פאקטישע טרענירונג?**

דער פראצעדור פון טרענירונג איז א לאנגע און פארצווייגטע זאך, און נעמט אריין אין זיך אסאך מער ווי בלויז קענען באהאנדלען פאציענטן. עס איז איינגעטיילט אין אסאך חלקים, וואו דער מעמבער ווערט אויסגעשארפט אז אין יעדע סארט סצענע וואס קען זיך נאר מאכן זאל ער אלץ וויסן פינקטליך וואס און וויאזוי עס צו טון אויפ'ן בעסטן אופן בסייעתא דשמיא.

דער פראצעדור הייבט זיך טאקע

און מיט'ן זיך לערנען קודם די פשוט'ע כללים, דאס הייסט מ'דארף נעמען די שטאטישע טרענירונג, דאס זיך גיין לערנען אין א שטאטישן קלאס, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון צענדליגער סארטן קורסן, וואו מען פראקטיצירט אי-עם-טי און וויאזוי זיך צו באגיין מיט די אלע סארטן געצייג און אזוי ווייטער. די אלע קורסן צוזאמען נעמט איבער פיר חדשים, ווען יעדע וואך זענען דא דריי לעקציעס, און חוץ וואס דער עצם קורס נעמט לאנגע און אויסמאטערנדע שעות דארף מען נאך אריינלייגן אייגענע צייט איבערצוגיין און חזר'ן די אלע זאכן.

קאָלס. איך בין געווען אין א גרופע פון זעקס יונגעלייט וואס האבן זיך צוזאמען טרענירט און אריבערגעגאנגען אלעס צוזאמען. איך געדענק נאך די אומצאליגע שעות נאכט-נאך-נאכט וואס מיר זענען געזעסן צוזאמען און אריבערגעגאנגען אלע שטאפלען פון דעם טעסט און זיך ארויסגעהאלפן איינער דעם אנדערן צו זיין גרייט.

דער עצם טעסט אליין איז א לאנגער און גאר שווערער פראצעדור. מ'דארף אראפפארן צו דער שטאטישער דעפארטמענט געביידע און נעמען דעם טעסט וואס איז איבער הונדערט שאלות,



א חלק פון די לעקציעס זענען געווידמעט פאר געזעץ, וואו מ'לערנט אויס אלע כללים און פרטים פון זאכן וואס א מעמבער דארף וויסן ווען ער גייט ארויס אויף א קאָל, און דערנאך זענען דא טעג ווען מ'גייט פאקטיש אראפ אויף נאכגעמאכטע סצענעס וואו מ'גייט זיך לערנען ביז מען ווערט צוביסלעך מער און מער אויסגעשארפט, אז אין יעדן סארט סיטואציע וואס קען זיך נאר מאכן זאל מען קענען רעאגירן גרינג און שנעל און האנדלען מיט עקספערטיז.

ווען מ'פארטיגט די קורסן הייבט זיך אן דער שווערער חלק פון זיך גרייטן אויף דעם טעסט וואס מען דארף נעמען ביי דער שטאט צו באקומען די ענדגילטיגע לייסענס צו קענען לעגאל אראפגיין צו

און מ'מוז וויסן 'אלעס' כדי דורכצוגיין דעם טעסט. נאכדעם וואס מ'האט געגומען דעם טעסט און ס'איז צוריקגעקומען גוט, דעמאלט קען מען ערהאלטן די לייסענס, געזעצליך זיך ארויפזעצן אויפ'ן אמבולאנס און אפיציעל אנהייבן רעספאָנדן צו קאָלס.

אבער ווי כ'האב פריער דערמאנט, "חברה הצלה קרית יואל" איז אנדערש ווי דער שטאטישער אמבולאנס דעפארטמענט. אין דער אלגעמיינער וועלט איינמאל מ'האט די לייסענס קען מען שוין 'רעספאָנדן' צו קאָלס, אבער ביי אונז הייבט זיך דעמאלטס אן א פרישער חלק פון טרעינונג, וואס נעמט אריין נאך אסאך שטאפלען און ארומגיין אבזערווירן און קאָ-רעספאָנדן, וואס נעמט בערך א האלב יאר, ביז מ'איז פולקאם גרייט

אריינצוקומען אלס מעמבער אין הצלה צו ראטעווען נפשות ישראל.

## אבזערווירן און קאָ-רעספאנדן צו קאָללס

צו הערן מער איבער דעם חלק פון אבזערווירן און קאָ-רעספאָנדן, וואס הצלה לייגט אויף דעם אן עקסטערן דגש, פארבינדן מיר זיך מיט ר' פנחס ברוין, וואס וועט אריבערלויפן דעם פראצעדור פון ווען דער מעמבער ערהאלט זיין לייסענס ביז'ן פאקטיש פירן אן אמבולאנס.

■ **פארוואס טאקע פעלט זיך אויס אריינצולייגן אזויפיל מער שעות און כוחות וואס ס'פארלאנגט זיך אין אן אלגעמיינעם אמבולאנס?**

דער מעמבער אין דער אלגעמיינער גאס, ווען ער ערהאלט זיין לייסענס קען ער שוין טאקע לעגאל רעספאָנדן צו קאָלס, אבער ווען ער קומט אן אויף זיינע ערשטע קאָלס איז ער ווילד פרעמד צו דער זאך. ער האט זיך טאקע געלערנט אויף יעדן סארט סיטואציע און אריינגעלייגט טעג און וואכן, אבער פונעם זיך לערנען ביז'ן פאקטיש זיין א מעמבער איז א ווייטער שפרונג.

ווען דער נייער מעמבער קומט אן צו א רוף פון א שווערן עקסידענט, אדער א סתם א ערנסטע קאָל וואו עס שטייען דארט משפחה און ארומיגע וואס זענען פארלוירן ביז אויס און וויינען און שרייען בשעת די סצענע איז שרעקליך און גרויזאם, אדרבה זאג דו מיר וויאזוי אזא מעמבער זאל קענען רעספאָנדן און טון זיין ארבעט מיט א געניטקייט און רואיגקייט בשעת וואס ער האט נארוואס ערהאלטן זיין לייסענס..?

דעריבער פעלט זיך אויס נאכאמאל איבערצוגיין אויף אמת'ע קאָלס אלעס וואס מ'האט זיך געלערנט ביי די שטאטישע קורסן, אז דער מעמבער זאל מיט די אייגענע אויגן צוזען וויאזוי אן ערפארענער מעמבער באגייט זיך אין יעדן פאל, אז זאל קענען זען פונקטליך וויאזוי מ'באגייט זיך מיט עלטערע מענטשן,

יונגע קינדער און שווערע פאציענטן. דאס גיבט אים דער ריכטיגער 'שימוש' פאר זיין ארבעט.

נאך א גרויסער חלק איז דאס זיך צולערנען דעם פינפטן שולחן ערוך, וואס ביי די שטאטישע קורסן קומט עס כמעט נישט אויס. אויף יעדן קאָל איז חוץ דאס באהאנדלן דעם פאציענט פאראן נאך זאכן מיט וואס מ'דארף זיך אפגעבן.

ס'איז דא א משפחה וואס שטייט אנגעצויגין און נערוועז און מ'דארף קענען דיעלן מיט דעם. מ'דארף וויסן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט זיי אין די מצבים. און אז ס'מאכט זיך אמאל אן עקסידענט אויף א פארנומענעם שאסיי דארף מען האנדלן אנדערש און מער פארזיכטיג ווי א פשוט'ער מער קלענערער עקסידענט. מ'דארף וויסן וויאזוי צו דיעלן מיט שפיטעלער, קאמיוניקירן מיט'ן אמבולאנס אדער אנדערע מעמבערס, און אזוי זענען דא אומצאליגע דעטאלן וואס א מעמבער קען זיך במציאות נאר לערנען ווען ער גייט מיט אויף קאָלס און האלט אלעס מיט ערשטהאנטיג.

**■ וואס איז דער חילוק אויף דער סצענע אין ראלע פון דעם רעספאַנדער, קאָ-רעספאַנדער און אבזערווירער?**

וויאזוי ס'ארבעט איז זייער פשוט. יעדע קאָל וואס קומט אריין צו הצלה וועט באקומען אן ערפארענעם מעמבער צו רעספאַנדן און זיך אפגעבן מיט'ן קאָל, דערנאך וועט זיין א בעק-אָפּ רעספאַנדער ארויסצוהעלפן, און צו יעדן קאָל וועט אויך מיטקומען אן אבזערווירער, וואס איז א גאר פרישער מעמבער.

לאמיר עס צעטיילן אויף קליינגעלט: דער מעמבער וואס איז דא צו אבזערווירן וועט זיין דארט פשוט צו קוקן און זען וואס ס'גייט פאר, ער קען נאך דערוויל גארנישט טון, ער קען נאר שטיין דארט און מיטהאלטן. דער בעק-אָפּ רעספאַנדער וועט שוין יא מעגן העלפן און צולייגן א האנט און שטיין מער אין צענטער פונעם קאָל און טון וואס ס'פארלאנגט זיך פון אים, געוואנדן וואס דער ערפארענער מעמבער זעט פאר וויכטיג, אבער ער אליין קען נאכנישט אליין אָפּפירן קאָלס אויף דער אייגענער האנט. אזוי צוביסלעך רוקט מען זיך ארויף פון אבזערווירן צו קאָ-רעספאַנדן, ביז צו זיין א געלונגענער מעמבער.

**■ וויאזוי גייט עס צו פון ווען מ'אבזערווירט ביז'ן ווערן א פאקטישער מעמבער?**

ס'איז נישטא קיין באשטימטע צאל קאָלס וואס א פרישער מעמבער וועט דארפן גיין אבזערווירן, נאר ס'איז געוואנדן אין יעדן איינעם ספעציפיש, ווען פאר איינעם קען עס נעמען חדשים און אנדערע קענען עס מאכן אין וואכן. דער מעמבער וועט אבזערווירן דעם קאָל און דערשנאפן וואס מער, און זיך איינגאנצן אריינלייגן אינעם מצב זיך צוצולערנען וואס מער, און אויב נאך א שטיק צייט פון גיין אבזערווירן וועט דער מעמבער פילן אז ער האט גענוג געזען און ער איז גרייט זיך צו רוקן א שטאפל ווייטער, וועט ער קענען אנהייבן רעספאַנדן צו קאָלס אלס דער בעק-אָפּ מעמבער, וואס יעצט קען ער שוין ארויסהעלפן און נישט בלויז צוקוקן פון דער זייט.

דורכאויס דער גאנצער צייט וואס ער וועט זיין א קאָ-מעמבער וועט מען זיך האלטן אין איין נאכפרעגן ביי די מעמבערס צו זען וואו ער האלט און צי ער מאכט א גוטע ארבעט, און ווען די גרוסן קומען צוריק פאזיטיוו אז ער איז געלונגען און גענוג טויגליך, ווערט ער ארויפגערוקט צו שטאפל דריי און ער ווערט אן אפיציעלער הצלה-מעמבער.



**א באזונדערער חלק פון טרענירונג איז דער חלק פון קאמיוניקאציע, צו וויסן וויאזוי צו קאמיוניקירן אין אנגעשטרענגטע מצבים און וויאזוי צו האלטן חשבון מיט מעמבערס, טראק דרייווערס, דיספעטשערס, ווי אויך מיט די שפיטעלער.**

**איבער דעם הערן מיר פון ר' דובי ליבערמאן וויאזוי דאס גייט צו.**

פאר אן ערפארענעם מעמבער, וואס איז שוין אין הצלה אפאר יאר, וועט זיין שווער אויפצוכאפן אז דאס קענען קאמיוניקירן מיט אלע אויף דער סצענע גרינג און שנעל איז א שווערע און קאמפליצירטע זאך, אבער פאר א נייעם מעמבער וועט דאס זיין א היפש קאמפליצירטער קאפיטל ביז ער לערנט זיך גוט אריין דערין. איך וועל אייך געבן א משל, אז מ'זאל פארשטיין פארוואס ס'איז אזוי וויכטיג טאקע צו קענען גוט די פאך פון קאמיוניקאציע אין אלע אומשטענדן.

פון ווען ס'קומט אריין א קאָל צו הצלה ביז דער פאציענט איז מסודר אדער גאר אין שפיטאל, גייט אריבער אן א שיעור געשפרעכן פון אלע זייטן. דער מעמבער דארף קודם רעספאַנדן צו נעמען דעם קאָל, בשעת ער לויפט שוין באקומט ער א באשטעטיגונג, אויפ'ן וועג קומט אריין א קאָ-רעספאַנדער, און אז ס'איז אביסל א גרעסערער קאָל דארף ער קאמיוניקירן



מיט א צווייטן מעמבער, נאכדעם דארף ער זען אז דער אמבולאנס זאל אנקומען און וואו מ'זאל טראגן דעם פאציענט, און שפעטער דארף מען מאכן זיכער אז דער שפיטאל ווערט געוואויר אז מ'קומט און זיי זאלן זיין גרייט.

און חוץ וואס מ'דארף דאס אלעס טון, דארף מען זיך נאך אפגעבן מיט'ן פאציענט און דער משפחה וואס שטייט ארום, און איבערהויפט מאכן זיכער אז מ'ווערט נישט אונטער 'סטרעס' און אז מ'האלט זיך רואיג די גאנצע צייט פאר יעדנ'ס באקוועמליכקייט.

**■ וואו לערנט זיך דער נייער הצלה-מעמבער אויס די אלע פעאיגקייטן?**

כ'וואלט געזאגט אז די עיקר אויפמערקזאמקייט אויף א נייעם מעמבער איז דער חלק פון אבזערווירן, וואס ממש אלעס לערנט זיך דער מעמבער דארט אויס, און דאס איז אויך דא דער פאל, ווען דער מעמבער דארף לייגן זיין גאנצע קאנצענטראציע צו זען וויאזוי אלעס ווערט געטון און פאקוסירן ווי אלע זאכן שטעלן זיך צוזאם און וואס און פון וועם מען דארף פרעגן אדער קאמיוניקירן אין יעדן מצב נאר מעגליך.

**אפילו ווען א מעמבער איז שוין געווארן אן אפיציעלער מעמבער און ווייסט שוין אלעס צו קענען רעספאנדן און לויפן אויף קאלס, קומט דא אריין דֶער חלק פון הלכות, ווי למשל הלכות שבת וימים טובים און סתם זייטיגע זאכן וואס קענען אונטערקומען, וואס מען דארף דערפאר וויסן די ריכטיגע הלכות.**

**מיר געבן איבער דאס ווארט פאר ר' אברמי ווארפמאן, וועלכער טיילט אונז מיט די זייט מטבע.**

ביי אונז אין חברה הצלה איז יעדע שטיק צייט דא שיעורים איבערגעגעבן דורכ'ן בארימטן מורה הוראה הרה"ג ר' יואל יצחק שטערן שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד דינוב, וועלכער גייט איבער פאר יעדן יום טוב אלע נויטיגע הלכות וואס עס קען זיך מאכן אז מ'וועט דארפן וויסן, און ווי אויך איז דא יעדע שטיק צייט וואס הרב יואל יצחק וועט געבן אלגעמיינע שיעורים און הלכות איבער סתם דברים העומדים על הפרק, און דאס ווערט ארומגעשיקט צו די מעמבערס פריוואט.

דער נייער מעמבער וועט אבער דארפן אריינלייגן אסאך שעות און איבערגיין די שיעורים פאר מ'קען אנהייבן רעספאַנדן צו קאַלס. דאס הייסט, אפילו נאך וואס מ'איז אריבער אלע שטאפלען צו ווערן א מעמבער, וועט ער אבער נאך אלץ נישט קענען רעספאַנדן צו א קאַל אום שבת אדער ווען ס'איז מער א קאמפליצירטער פאל.

יעדע גרופע פון נייע מעמבערס נעמט זיך צוזאם אויך איבערצוגיין די אלע הלכות וואס ס'פארלאנגט זיך צו וויסן. ביי אונז איז דער הלכה חלק פון הצלה נאך דאס זעלבע וויכטיג און אחריות'דיג ווי צו וויסן וויאזוי צו באהעפטן אקסידזשען-טאנקען אדער מאכן סי-פי-אר. פארשטייט זיך אז ביי יעדע שאלה קען מען אלץ פרעגן דעם דיין שליט"א וואס שטייט גרייט צו ענטפערן צו יעדע געלעגנהייט.

**יעצט לאמיר כאפן א שטיקל שמועס מיט ר' יואל וויטריאל, צו הערן נאך אביסל טיפער וואס עס גייט אלץ אריין אין טרעינירונג.**

טרעינירונג איז א זאך וואס נעמט אריין אומגעהויערע כוחות. מ'רעדט פון נעכט אויף נעכט וואס מ'דארף איבערגיין, איבער'חזר'ן און מאכן זיכער צו וויסן יעדן קליינעם דעטאל אויף יעדן סארט מצב.

איך הער כסדר צוריק פון מעמבערס, אז דער חלק פון טרעינירונג איז פאר זיי געווען פון די שווערסטע זאכן פון זייער גאנצע הצלה-קאריערע. און מענטשן מעגן עס טאקע וויסן, אז ווען מ'זעהט א מעמבער לויפן אויף דער גאס אדער קומט ארויף אין שטוב און טוט זיין ארבעט מיט א גענויקייט און מסודר'דיגקייט, זאל מען וויסן צו שעצן וויפיל ער האט אריינגעלייגט אנצוקומען ביז אהין.

**■ פארוואס פעלט זיך אויס אזא לאנגע פארצויגענער פראצעדור פון טרעינירונג? און צי האט איר שוין אמאל זעלבסט בייגעוואוינט א סיטואציע וואס האט אייך געמאכט איינזען אז ס'פעלט אזוי אויס?**

קודם צו דעם ערשטן חלק שאלה, עס איז בכלל נישט א זאך אויף וואס מ'קען זיך דינגען לגבי וויפיל צייט מ'דארף אריינלייגן אין טרעינירונג, נאר יעדע איבעריגע מינוט וואס א מעמבער האט אריינגעלייגט וועט אים שפעטער צונוצקומען אויף דער סצענע. ס'האט נאך קיין מעמבער נישט חרטה געהאט אדער צוריקגעקוקט און געזאגט אז ס'איז געווען איבעריג צייט געווארפן אין מיסט און יענע איבעריגע שעות האבן בכלל נישט אויסגעפעלט.

און לגבי דער צווייטער העלפט

## טרענירונג וואס קרית יואל'ע הצלה מעמבערס גייען אדורך

שאלה איז קלאר אז יא, ווען כ'קום אסאך מאל אן אויף קאָלס און ס'מאכט זיך זאכן אויף וואס דו האסט זיך נישט גערעכנט אדער אז ס'איז פיל מער קאמפליצירט און דו דארפט שוין יעצט א בעק-אַפּ מעמבער און מ'דארף אנהייבן קאמיוניקירן און קאארדינירן צווישן אזוי סאך מענטשן, איז אויב מ'האט נישט אריינגעלייגט די אלע כוחות קען מען זייער שנעל פארלירן די קאנצענטראציע וואס פעלט זיך יעצט קריטיש וויכטיג אויס.

אזוי אויך וויפיל מער צייט דער מעמבער האט אריינגעלייגט בשעת ער האט געהאלטן ביי דעם שטאפל פון אבזערווירן, און אויף וויפיל מער קאָלס ער איז געלאפן אלס אבזערווירער אדער שוין אלס קאָ-רעספאָנדער, וועט אים דאס אלעס שפעטער ארויסהעלפן. בשעת עס מאכט זיך עפעס קען ער זיך אלץ דערמאנען און צוריקקוקן וואס יענער ערפארענער מעמבער האט געטון אין יענעם ספעציפישן פאל, און אזוי קען ער נאכטון און אויסשארפן זיינע קענטעניסן און פעאיגקייטן.

■ **איז דא א געוויסע צאל יונגעלייט וואס קומען אריין צו ווערן מעמבערס אבער פאלן ארויס דורכאויס דעם לאנגן פראצעדור פון טרענירונג?**

אין קורצן איז דער ענטפער אז ניין. פון וואס איך ווייס און וויאזוי כ'האב נאכגעהערט איז נאכנישט געווען קיין יונגערמאן וואס איז ארויסגעפאלן ביי דער טרענירונג, ווייל מיט דעם מהלך וואס קרית יואל הצלה ניצט — אז מיר גייען אליין ארום פון פאראויס זיך נאכפרעגן ווער ס'וואלט געווען א פאסיגער קאנדידאט צו ווערן א מעמבער, דערנאך פרעגט מען זיך שטארק נאך אויף אים, און ערשט ווען מ'איז זיכער אז ער איז דער ריכטיגער מענטש שיקט מען אים אריבערצוגיין די שווערע קורסן און טעסטס — וועט מען קיינמאל נישט הערן פון איינעם וואס איז ארויסגעפאלן, ווייל ווען מען שיקט אים אריין זיך צו טרענירן האט מען שוין געמאכט פונקטליכע ריסורטש איבער אים און אז ער איז אריין זיך טרענירן ווייסט מען אז בלי ספק וועט ער עס אי"ה דורכגיין און ווערן א מעמבער.

**כדי ארויסצוהאבן פון א מעמבער'ס קוק-ווינקל וואס טרענירונג איז, פארבינדן מיר זיך מיט ר' יומי סופר, וואס לויפט איבער מיט אונז זיין פערזענליכע טרענירונג-געשיכטע פון ווען מ'האט אים אויסגעקליבן אין הצלה ביז'ן ווערן א מעמבער.**

איינס פון די זאכן אויף וואס קרית יואל הצלה שטעלט זיך דאס מערסטע איז אז ס'זאל אלץ זיין געווג מעמבערס אויסגעשפרייט אין אלע געגנטן, אזוי אז פון ווען ס'קומט אריין א קאָל ביז דער מעמבער איז אויף דער סצענע זאל נישט נעמען מער ווי א מינוט, און צומאל אפילו ווייניגער פון דעם. ס'זענען שוין געווען קאָלס וואס אין סעקונדעס איז א מעמבער געווען אויפ'ן פלאץ.

אבער אינעם זומער מאכט זיך אז די קאָלס אויפ'ן הייוועי ווערן געדאפלט און געטריפלט, און אסאך מאל טרעפט מען זיך אין אן אנגעשטויסענעם מצב מיט מער קאָלס ווי וואס די מעמבערס קענען נאכקומען. דעריבער זוכט מען אסאך מאל זומער אריינצוברענגען פרישע כוחות צו פארגרינגערן, און דעמאלט איז געווען ווען כ'האב זיך דאס ערשטע מאל באקענט מיט הצלה, נאך וואס מ'האט מיך פארבעטן צו קומען ארויסהעלפן מיט'ן דרייוון דעם אמבולאנס. דורכאויס דעם זומער האב איך זיך ערשטהאנטיג באקענט מיט הצלה, ווען כ'האב מיטגעהאלטן וואס ס'טוט זיך אלץ אין הצלה פון אינעווייניג.

נאך דעם זומער האט מען מיר געפרעגט צי כ'וואלט אפיציעל אריינגעקומען אין הצלה צו ווערן א מעמבער, און נאכ'ן געבן מיין צושטימונג האט זיך אנגעהויבן די טרענירונג. מיר זענען געווען א גרופע פון אפאר יונגעלייט וואס האבן זיך צוזאמען טרענירט, און ביי אונז האט עס געארבעט אנדערש ווי רוב מעמבערס וואס גייען דורך טרענירונג, נאך וואס מיר האבן נישט אזוי סאך געדארפט אראפגיין צו די שטאטישע קורסן נאר מיר האבן זיך געלערנט אין קרית יואל, נאר פון צייט צו צייט פאר גרעסערע קלאסן האבן מיר געדארפט אראפגיין צו דעם אפיציעלן שטאטישן טרענירונגס-צענטער. צו יעדן קורס וואס מיר האבן געהאט אין קרית יואל איז אראפגעקומען א שטאטישער טרענירער, און אזוי האבן מיר זיך אויסגעלערנט און זיך טרענירט ביז'ן טעסט וואס איז ברוך ה' אריבער מיט פיל הצלחה.

דאן האט זיך אנגעהויבן דאס אבזערווירן, ווען כ'האב געמען אסאך קאָלס וואס כ'בין פשוט געגאנגען צוצוזען וויאזוי דער ערפארענער מעמבער גיט זיך אפ מיט'ן פאציענט, און איך האב כסדר געפרעגט און געהאלטן אן אויג אויפצוכאפן אלעס וואס קען מיר שפעטער צונוצקומען אויף שפעטערדיגע קאָלס. נאכ'ן אבזערווירן בין איך געווארן בעק-אַפּ מעמבער, און זיך אלץ מער און מער צוגעלערנט אין אלע הינזיכטן, און היינט בין איך א מעמבער און כ'האב די זכיה צו העלפן מענטשן אין די צייטן ווען זיי דארפן עס.

טרענירונג איז באמת געווען שווער פיזיש און גייסטיש, אבער כ'קען זאגן אז קיין איין איבריגע מינוט וואס כ'האב אריינגעלייגט ביים זיך טרענירן איז נישט געגאנגען אין מיסט, נאר כ'זע בחוש ווי יעדע זאך קומט מיר צונוץ שפעטער. ■



בס"ד

# The best emergency is the one that never happens.



Built right from day one.

You understand the importance of doing things right the first time. Cutting corners isn't an option - on a job site or in an emergency.

At AirWise, we design and install HVAC systems that perform when it matters most - because they were built properly from the start.

**Residential & Commercial HVAC**

Installation • System Design • Service

Proud supporter of Hatzolah volunteers who show up when it matters most.

AIR WISE
COOL AIR, WISE CARE / HVAC

Heating | Ventilation | Air Conditioning

845 781-4-AIR (4247)




**MONROE** BUSINESS CENTER II / #204
52 BAKERTOWN RD., MONROE, NY 11950 | 845.782.6365

**BROOKLYN** THE W MALL / #114
355 FLUSHING AVE., BROOKLYN, NY 11205 | 718.400.1210

# די ראלע פון א הצלה קאארדינאטאר

הרה"ח ר' **אהרן וואלף פאלאטשעק** הי"ו פירט אונז אריין צו זיין פאזיציע און גיבט ארויס סודות פון זיינע העלדישע און באשיידענע פעולות





# די ראלע פון א הצלה קאארדינאטאר

ר' אהרן וואלף פאלאטשעק איז פון די פירנדע קאארדינעיטאר אין חברה הצלה, וועלכער טראגט שוין דעם טיטל איבער פופצן יאר און ווערמענ'ס נאמען איז ברייט באקאנט מיט זיין אויסטערלישע געניטקייט, אבער ספעציעל איז ער באקאנט מיט דעם וואס ער גייט אן ווי א שאטן אין דער שטילקייט, און אזוי, נישט מאכנדיג פון זיך קיין שום וועזן, באוויזט ער וואונדער מיטן העלפן, און זאגאר ראטעווען, תושבי קרית יואל ווען עס מאכט זיך ליידער א שווערע פאל פון א הצלה רוף, על כל צרה שלא תבוא.

ר' אהרן וואלף איז זייער פארנומען דורכאויסן טאג, און אים צו כאפן אין א ליידיגע מינוט איז אונז נישט אנגעקומען גרינג, און אפילו נאכ'ן אנקומען צו אים, האבן מיר געדארפט ארבעטן שווער ארויסצובאקומען כאטש טיילווייזע תירוצים אויף עטליכע פראגן.

א געוועונליכער הצלה וואלונטיר רעאגירט טאקע אויף גאר אסאך רופן, און צומאל שווערע פעלער, א קאארדינעיטאר אבער, רופט מען בלויז ווען מען דארף אים באמת האבן, און דאס איז ווען די מצב איז געווענליך ביטער אין בעסטן פאל.

■ **וויאזוי האנדלט א קאארדינעיטאר מיט די דרוק וואס קומט מיטן רעאגירן אויף אזעלכע שווערע רופן?**

די דזשאב וואס איך טו דורכאויסן טאג נעמט מיר ב"ה אוועק פון די דרוק פון די הצלה רופן. איך ארבעט אלס אדמיניסטראטאר אין שערי חמלה, וואו איך האנדל מיט הונדערט אכציג עלטערן, טאטעס און מאמעס, פון ספעציעלע קינדער, און די באנוס וואס איך האב איז, אז ווען עס מאכט זיך סיי וואס מיט איינע פון די קינדער, רופט מען מיין פריוואטע סעלפאן... און מען רעדט דא פון פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך. און נישט בלויז וואס מען קען רופן, און מען רופט, נאר מען באקומט ב"ה סערוויס 24/7.

ווען עס מאכט זיך יא דרוק פון הצלה, האנדל איך מיט דעם אויפ'ן זעלבן וועג וויאזוי איך האנדל מיט עלטערן פון שערי חמלה. איך בין הערשט געזעסן מיט עלטערן פון א קינד, און זיי זענען געווען זייער צעמישט און נישט רואיג וועגן עפעס אנבאלאנגט זייער קינד. איך האב זיי מסביר געווען, אז עלטערן זענען ווי פילאטן פון א פליגער, און דאס קינד איז דער פאסאזשיר. אויב זענען די פילאטן נישט רואיג, וועט דער גאנצער פליגער זיך וואקלען, אפילו דער פאסאזשיר איז הונדערט פראצענטיג רואיג. מ'וועט גארנישט האבן פון דעם אז דער פאסאזשיר איז רואיג, אויב זענען די פילאטן יא נערוועז. מען דארף צוערשט זיכער מאכן אז די פילאטן זענען רואיג, און דאן קען מען אנהייבן ארבעטן אויף די פאסאזשירן, זיכער צו מאכן אז זיי זענען אויך רואיג.

די זעלבע זאך איז נוגע דא ביי אונז אין הצלה. איך ווייס, און איך האלט עס כסדר פאר די אויגן, אז מען דארף אנגיין, אפגעזען וואס פאסירט, וויבאלד מען דארף זיין רואיג און גרייט אויף ווייטער. מען קען נישט יעצט פאלן און לאזן אנדערע זאכן הענגען, צוליב עפעס וואס האט פאסירט. מען ווערט איבערגענומען? יא, א מענטש איז נאר א מענטש, מען מוז אבער זיך שטארקן און פארן ווייטער, וויבאלד מ'ווייסט אז אנדערע לעבנס זענען אנגעוויזן אויף אונז.

אז דער באשעפער האט מיר ארייגעלייגט אין די פאזיציע פון קאארדינירן, אן מיין ווילן, בלויז ווייל אזוי האט ער געוואלט, ווייל ער האט מחליט געווען אז אזוי דארף זיין, ליגט אויף מיר אן אחריות זיך צוזאמצוקלויבן, טרעפן די ישוב הדעת, און האלטן דעם קאפ אויפן פלאץ, נישט צו טראכטן פון אנדערע זאכן.

בעפאר איך נעם אן א קאל דארף איך טראכטן און באמת אפשאצן אין וואספארא מצב איך בין, אויב בין איך אין א רואיגע סטאבילע מצב, וואס איך וועל קענען האנדלען מיט אלעס וואס דארף באהאנדלט ווערן דורך א קאארדינעיטאר אויף א סצענע, און אויב נישט, טאר איך נישט גיין. ווען איך קום אן צו א רוף, ווייס איך אז איך טאר נישט טראכטן פון עפעס אנדערש, נאר איך דארף הונדערט פראצענטיג פאקוסירן אויף דעם רוף און אויף וואס איך דארף טון. און ווייטער, ווען איך פארלאז דעם רוף, אויף יעדן טריט און שריט מוז איך געדענקען אז איך בין א פילאט וואס מוז זיך האלטן רואיג. א פילאט טאר אויך נישט נערוועז ווערן ווען דער פליגער גייט דורך טערבולאנסן און שאקלט זיך שטארק, ווייל דאן וועלן אלע פאסאזשירן נערוועז ווערן, מער דארף זיך האלטן שטארק, און פירן דעם עראפלאן וואס דער באשעפער האט מיר געגעבן צו פירן.

■ **וויאזוי זענט איר מסביר דאס אז איר האט א ספעציעלע נאמען אלס קאארדינירער?**

איך טו דאס אין הצלה, און איך פיר זיך אויך אזוי אלס אדמיניסטראטאר אין סקול דיסטריקט, אז איך בין נישט קיין באסס, נאר איך ארבעט אלס א טיעם. אז מען ארבעט צוזאמען, איז יעדער צופרידן. למשל, נישט אייביג קען איך אויפ'ן פלאץ מסביר זיין פאר א מעמבער פארוואס איך וויל ער זאל פארן צו א ווייטערע שפיטאל, אבער וויפיל מען קען, מאכט מען זיכער זיך צו פארשטענדיגן און ארבעטן צוזאמען און ב"ה אלע מעמבערס זענען דא מיטצוארבעטן צוזאמען צו פארזיכערן די בעסטע רעזולטאטן.

■ **וויאזוי פארנעמט אייער משפחה די פאקט אז דער טאטע קען אוועקגעשלעפט ווערן סיי ווען אויף א וויכטיגע קאל?**

איך מאך זיכער זיי אריינצונעמען אין די זאכן וואס איך טו - אפגעזען וואס עס זאל נאר זיין. ווען איך קום אהיים שבת נאך א הצלה רוף, מאך איך זיכער צו זאגן פאר די ווייב און קינדער אז זיי האבן געהאט א חלק אין די מצוה פון דעם קאל. איך בין זיי מסביר אז זיי איז שווער געווען צו זיין אן מיר, אבער מיר איז אויך שווער געווען צו זיין אן זיי. פארשטייט זיך אז מען דארף אלע האבן שכל און פארשטיין ווי איין און ווי אויס, אבער דאס איז וויאזוי מען מאכט זיי אלס א חלק פון די זאך, און ב"ה זיי טוען זייער שטארק ארויפקוקן און מיטארבעטן מיט א זכי', וואוסענדיג אז מיר זענען אלע דא אויסצופירן דעם אייבערשטן'ס שליחות צו העלפן אידישע קינדער. ■




די צווייטע
אפציע
ווען טאטי איז
נישט אוועלעבעל
LIEBERMAN'S
CAR SERVICE
845.783.3000
SAM KAY | 845.450.1715




שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא

# הצלה
# שבת
# גוים

## דער מאסיווער אפאראט פון





דאכט זיך אז ס'איז נישטא קיין איד אין קרית יואל, גרויס צי קליין, וואס זאל נישט האבן געהערט דעם נאמען פונעם בארימטן כלל-טוער, דער איש הטוב והחסד הרה"ח ר' משה לייב וויטריאל הי"ו, דער פובליק סעיפטי דירעקטאר פונעם ווילידזש.

ר' משה לייב באזיצט זייער אסאך טיטלן. ס'איז נישט מעגליך אפילו אויפ'ן שפיץ גאפל אנצורירן אין וויפיל סארט עסקנות, וויפיל סארט שתדלנות און קייט פון חסדים לטובת הכלל והפרט ר' משה לייב איז אינוואלווד. וויפיל מ'ווייסט איז דא נאך אסאך מער וואס מ'ווייסט נישט.. און וואס ער וויל נישט אז מ'זאל וויסן. ער איז דא פאר אידן'ס וועגן, אלעס בהצנע לכת ובדרך כבוד.

איין רינגעלע צווישן זיין קייט פון חסד איז זיין הילף פאר 'הצלה', ווי ער העלפט אויך ארויס אויף פארשידענע אופנים און צו יעדע ערנסטע אישו וואו ס'פעלט זיך אויס זיין עקספערטיז, אבער אויף א קביעות'דיגן אופן איז זיין ראלע אין שטיין אין שפיץ פונעם וויכטיגן 'שבת גוים' אפטיילונג, וואס איז א גרויסע ארבעט פאר זיך אליינס און א געוואלדיגער טובה לטובת הצלת נפשות אין די צייטן פון שבתות וימים טובים.

מיר מוזן אפגעבן פון פאראויס א ספעציעלע דאנק פאר ר' משה לייב, וועלכער האט טראץ זיין איבערגעשטרענגטע סקעדזשועל אראפגעריסן צייט און זיך אראפגעזעצט מיט אונז פאר א קורצע אבער תועלת'דיגער שמועס לידיעת הציבור.

אצינד לאמיר איבערגעבן דעם מיקראפאן פאר ר' משה לייב.

■ **הצלה שבת גוים; פארוואס?**

איך האב די זכי' שוין פאר די לעצטע צוויי-און-צוואנציג יאר אנצופירן מיט די שבת גוים אפעראציע פון חברה הצלה קרית יואל.

איידער מען הייבט אן רעדן וועגן די נושא איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז דער גאנצער געדאנק פון שבת גוים איז א זאך וואס בלויז די עכט היימישע חסידישע הצלה-ארגאניזאציעס פארמאגן. רוב אנדערע ארגאניזאציעס פון הצלה אין אנדערע סטעיטס האבן עס נישט. דאס איז א מציאות וואס עקזיסטירט בלויז ביי הצלה אין די היימישע געגנטן.

קרית יואל הצלה האט גענומען אויף זיך די מאסיווע 'שבת גוים' אונטערנעמונג על פי דער הוראה פונעם דיין שליט"א, וואס האט פארלאנגט אז די שבת אפעראציע פון הצלה זאל זיין אויסגעהאלטן אפילו למחמירים, אז קיינער זאל זיך נישט דארפן צוריקהאלטן פון רופן הצלה אום שבת צוליב הלכה'דיגע פראבלעמען און חששות.

## א מוסד בתוך מוסד

די שבת גוים זענען נישט סתם עטליכע גוים וואס דרייען זיך אונטער די פיס, נאר עס איז א מאסיווע אפעראציע פאר זיך. עס איז בעצם א פולשטענדיגע ארגאניזאציע בתוך ארגאניזאציע, וואס באמת וואלט מען געקענט אויפהאלטן א עקסטערן אן אפיס פאר דעם מיט אן אייגענעם בודזשעט.

די 'הצלה שבת גוים' באשטייט פון צוועלף געלערנטע חברה וואס טוישן שעות און נעמען 'שיפטס' דורכאויס שבת, אזוי אז עס זאלן זיין גרייט 'שבת גוים' דורכאויס גאנץ שבת. די גוים זענען צעטיילט אין דריי גרופעס, יעדע גרופע באשטייט פון דריי. ווען עס קומט צוויי טעג יום טוב אדער יום טוב מיט א שבת פארדעם אדער דערנאך ברענגט מען אריין מער גוים וואס העלפן ארויס מיט די מאסיווע אפעראציעס.

ווען עס קומט אריין א קאל צו הצלה אום שבת וועט א גוי גלייך פארן צום גאראזש און מיטפארן צוזאמען מיט'ן מעמבער וואס ברענגט דעם אמבולאנס צום קאָל. א צווייטער וועט גלייך אראפפארן צום קאָל צו שטיין גרייט אהיימצונעמען די קארס פון די מעמבערס, און א דריטער וועט ווארטן ביים קאָל, אז אויב דארף מען אריינפירן דעם פאציענט אין שפיטאל וועט ער מיטפארן מיט'ן אמבולאנס און שפעטער צוריק אהיימנעמען דעם פאראמעדיק וואס איז מיטגעפארן.

הצלה פארמאגט א פלאטע פון מערערע ספעציעלע קארס וואס זענען דעזיגנירט בלויז פאר'ן שבת גוים שטאב. די גוים פארן מיט די אנגעצייכנטע קארס צו יעדן קאָל, און שטייען גרייט צו יעדע פאל ווען מען דארף זיך באניצן מיט א גוי

נאך א זאך מיט וואס די גוים זענען פארנומען אויף שבת, און אויך הארט פאר שבת, איז זיכער צו מאכן אז די אמבולאנסן זענען אנגעפילט מיט געז און שטייען גרייט ארויסצופארן על כל צרה שלא תבא.

הצלה האט לעצטנס אויך צוגעלייגט צו דעם אפעראציע א באזונדערער גוי, וואס שטייט גרייט ארויסצופארן אויב דארף מען אמאל גיין איינהאנדלן וויכטיגע מעדיצינען פאר א פאציענט. מען האט ספעציעל געשטעלט א עקסטערע גוי פאר דעם, כדי נישט אויסצוניצן די איבריגע חברה וואס דארפן זיין גרייט פאר די קאלס.

אויך איז צוגעלייגט געווארן על פי הוראת הדומ"ץ שליט"א, אז אויב קומט אריין א קאל אום שבת איבער א קינד וואס איז פארלוירן ה"י, זאלן די גוים קענען ארויסדרייוון די מעמבערס וואס דארפן גיין זוכן, און שטיין גרייט זיי צו פירן פון איין פלאץ צו די צווייטע לויט'ן געברויך.

## שומרי מצוותיה ינחלו

עס איז וויכטיג אז אלע תושבי קרית יואל זאלן וויסן אז די שבת-אפעראציעס פון הצלה זענען אויסגעארבעט מיט'ן דיין שליט"א ביז צום לעצטן דעטאל, און אלעס איז אויפ'ן העכסטן אופן על פי הלכה. עס איז נישט דא קיין שום סיבה אז א מענטש זאל זיך ח"ו צוריקהאלטן פון רופן הצלה אום שבת קודש צוליב הלכה'דיגע חששות.

דער אייבערשטער זאל אוודאי העלפן אז מ'זאל טאקע נישט דארפן אנקומען צו הצלה, און דער זכות פון שבת קודש זאל ברענגען פאר אונז אלע ישועות און רפואות. ■







No room here to show off

That's what showrooms are for.

Come visit and see for yourself.

845.777.8660

upstate@swappliances.com

101 Carpenter Place

(Off Lake Street)

Monroe NY 10950

S&W appliances

# מה יאמרו

וואס די באהערדע
האבן צו זאגן אויף זיי:

As Orange County Executive, I have witnessed our EMS teams work tirelessly, day and night to keep our residents safe. The dedicated and committed volunteers at Kiryas Joel Hatzolah are an excellent example of the skill, compassion, and courage required to protect the health and safety of County residents. Their quick response, medical expertise, and unwavering compassion save lives and provide comfort in moments of crisis. I saw this in action during the flooding that occurred in July 2023 in the Highland Falls/West Point area of the County when Hatzolah volunteers were front and center helping people in the community. The professionalism, bravery, and compassion of the members of Kiryas Joel's Hatzolah and all the County's EMS responders truly make an immeasurable difference in the lives of our residents.

**Steven M. Neuhause**
Orange. County Executive

Over the past 24 years, I have worked with Kiryas Joel Hatzolah in various capacities through my roles with the New York State Police and in my current position as Commissioner of Emergency Services for Orange County. I've had the opportunity to work alongside many dedicated responders, and the volunteers with Kiryas Joel Hatzolah are no exception. They play a critical role in the community by providing fast, reliable emergency medical care when people need it most. They take their responsibility very seriously and are always ready to step in when someone in their community, or even outside the community, needs help. Their commitment reflects a strong sense of service, and it's been a privilege to work alongside them over the years.

**Peter J. Cirigliano**
Commissioner, Department of Emergency Service


וצדקתו
עומדת
לעד
די הייליגע ארגינעלע
צדקה פון אבותינו ורבותינו
הק' זצוק"ל וואס באגלייט
אונז שוין דורי דורות
צדקה גדולה
כולל חבת ירושלים
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס
אינדערהיים
אין ארבעט
אויפן וועג
צו איבערגעבן אייער נדבה אדער אויסצולייזן די פושקע רופט אריין 24 שעה
845.201.9688
teampassion.nyc

Kiryas Joel EMS - Hatzolah is an outstanding example of community-based emergency medical service. The organization is staffed by compassionate volunteer EMTs and paramedics who provide rapid, quality emergency care to residents 24 hours a day.

Beyond its clinical excellence, Kiryas Joel EMS - Hatzolah plays an essential role in fostering community trust and preparedness, serving not only as a lifesaving resource but also as a vital partner in public safety coordination with local and county agencies.

Their dedication, cultural sensitivity, and deep understanding of the community's needs make them an invaluable asset to both Kiryas Joel and Orange County, NY.

**Richard L. Willey**
Orange County EMS-01 Deputy Commissioner of Emergency Services

The Monroe Police Department maintains a strong and collaborative relationship with KJ EMS, built on mutual trust, professionalism, and a shared commitment to public safety.
Members of KJ EMS work closely with our officers during emergency incidents, providing immediate medical response and critical patient care when seconds matter most.

Their rapid availability and willingness to assist law enforcement during dynamic situations ensures that both residents and first responders receive timely medical attention. This partnership is further strengthened through KJ EMS' unique support of the Orange County Tactical Response Unit (TRU), where KJ EMS sponsored a paramedic to serve as the team's Tactical Emergency Medical Services (TEMS) provider.

This specialized role enhances operational readiness by ensuring advanced life support capabilities are immediately available during high-risk law enforcement operations, reflecting the deep level of cooperation and commitment between KJ EMS, the Monroe Police Department, and the TRU team.

**Darwin Guzman**
Chief , Monroe Police Department

# הער אויף אפכאפן...

וויכטיגע אויפקלערונג איבער וואס דער מעמבער גייט אריבער אויפ'ן סצענע פון א הצלה קאל און וויאזוי פרעגן און רעקארדירן קען זיין גאר שעדליך



ווען א מעמבער ענטפערט א קאל ווערט ער אריינגעשלעפט אין א גאר שטארקער אנדרענעלין דראפ. דער מח רוקט זיך צו אן עמערדזשענסי פאזיציע, און לאמיר אויך געדענקען אז דער מעמבער באקומט ממש בלויז די מינימום אינפארמאציע פונעם דיספעטשער, ווייל יעדע רגע ציילט!

און פון יעצט און ווייטער דארף ער אכטונג געבן אויף א רייע זאכן. צום אלעם ערשט איז דרייוון פארזיכערט, דאס איז אין די זעלבע צייט וואס ער דארף פלי׳ען שנעל אנצוקומען צום קאל. ער דארף בשעת מעשה אויך האלטן קאפ אויף דאס וואס דער דיספעטשער האט געזאגט און זען אויב עפעס טוישט זיך.

אין די זעלבע צייט גייט ער איבער ביי זיך אין קאפ וואס די נאטור פון די קאל איז און וואס ס'איז אלס מעגליך אז ער וועט טרעפן אריינקומענדיג צו דעם קאל. ער טראכט וואס ער גייט טון און אלע מעגליכע וועגן וויאזוי ער וועט העלפן דעם פאציענט. און דאס אלעם בשעת ער פרובירט צו פארשטיין פארוואס די קאר פון פארנט רוקט זיך נישט פאר די סירענעס...

אבער לאמיר רעדן א מינוט פון ווען דער מעמבער קומט שוין פאקטיש אן אויפ'ן סצענע און ער פרובירט דורכצופירן זיין אויפגאבע, אבער דא קומען צו א גרופע פון זייער נייגעריגע אידן, זיי האבן וויכטיגע פראגעס אויסצופרעגן דעם מעמבער. און ווער רעדט נאך פון די וואס שטעלן זיך אוועק כאפן בילדער און קליפס פון וואס ס'גייט פאר, כדי צו קענען מזכה זיין אנדערע און ארומשיקן ווייטער.

ס'איז פשוט א וואונדער, צי האט ער טאקע נישט בעסער וואס צו טון יעצט? דא שטייט א פארלוירענע משפחה, א פאציענט בלוטיגט אוועק, און ער מוז יעצט ארויסנעמען א כלי און דאס פאטאגראפירן? "ר' איד! גלייב מיר, וועסט פיל מער אויפטון ווען אנשטאט פרעגן און כאפן קליפס וועסטו זיך פשוט אוועקשטעלן זאגן א קאפיטל תהלים! ס'איז דאך א אידיש-קינד!"

מ'דארף נישט מער ווי א טראפעלע געפיל אריינצוקלערן, צי איז דען דאס נארמאל? צי איז דאס אידישלעך אדער אפילו מענטשליך? ס'איז דאך ממש לא תעמוד על דם רעיך! וואלסטו ווען געוואלט אז א צווייטער זאל אפכאפן וויאזוי מ'פירט דיר אריין אין א הצלה טראק? ניין, נו, און וואס איז מיט יענעמ'ס בלוט, מיט יענעמ'ס געפיל! הער אויף צו אפכאפן!

ס'איז ליידער ווייטאגליך, אז מענטשן האבן פשוט מורא צו רופן הצלה ווייל זיי ווילן נישט אנקומען אויף איינעמ'ס סטאטוס! ביסטו גרייט צו נעמען די אחריות פון וואספארא אויסשליכטן דאס קען אלס האבן, אויף דיינע פלייצעס, און אלעס פארוואס, פאר סטאטוס אונטערהאלטונג? אויף יענעמ'ס חשבון?

מיר גלייבן נישט אז אידן מיינען ח"ו עפעס שלעכט, די היינטיגע לעבנסשטייגער איז גורם אז מענטשן כאפן צומאל נישט וואס זיי טוען, אבער זיי קענען באמת ווי-טאן אנדערע.

דעריבער, ווען דו זעסט א הצלה קאל, מעמבערס יאגן זיך צו א סצענע, פרעג נישט, כאפ נישט! מה דעלך סני לחברך לא תעביד! מאך נאר זיכער אז דו שטייסט נישט אין וועג, און קענסט מתפלל זיין אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום און מ'זאל הערן גוטע בשורות.

I am writing to personally thank you and the members of the Kiryas Joel Volunteer EMS for your outstanding response on December 15, 2025, to a motor vehicle accident on Seven Springs Mountain Road involving a New York State Trooper.

Your team's rapid arrival on scene, calm professionalism, and immediate assessment of the Trooper's injuries were remarkable. The exceptional care provided at the scene and during transport made a significant difference in what was an extremely stressful situation for everyone involved. Your personnel demonstrated skill, compassion, and an unwavering commitment to excellence in patient care.



We are especially grateful for the swift and safe transport to Westchester Medical Center, ensuring the Trooper received the treatment he needed without delay. The strong working relationship between our agencies plays an essential role in protecting and serving our community, and we sincerely appreciate your dedication and continued partnership.

On behalf of the New York State Police, please extend my sincere appreciation to Shaya Wercberger, Moses Witriol, Shlomy Apple, Yoel Wercberger, Berish Mertz, Abraham Flohr, Levi Flohr, and Yumi Sofer for responding and assisting in providing care and transportation for the injured Trooper. Their actions reflect great credit upon your agency and further reinforce the strong partnership between our organizations.

**Ross A. Hansen**
Acting Zone Commander, New York State Police
Troop F - Zone 2






HATZOLAH
EMT


K.J. VOLUNTEER EMS
KIRYAS JOEL
VOLUNTEER EMS
Hatzolah הצלה
KIRYAS JOEL
VOLUNTEER EMS
Hatzolah הצלה




R599




KIRYAS JOEL EMS




KIRYAS JOEL
AMBULANCE


KIRYA
136
AMBU


EXIT

# דראמאטישע זכרונות

**א רייע הצלה וואלונטירן טיילן מיט פארשידענע געשיכטעס און געדאנקען וואס איז זיי געבליבן אין זכרון, דורכאויס זייער ראלע אין הצלת נפשות**

## ר' עזריאל שווארץ

ס'ליגט מיר איינגעקריצט אין די ביינער אן הצלה קאל וואס האט פאסירט מיט עטליכע יאר צוריק אין א ערב שבועות, ווען איך בין געקומען פון מיין הויז אין מאנסי צו מיין דירה אין קרית יואל אויף יום טוב. איך בין אנגעקומען ממש נאנט צום זמן, און דורכפארנדיג די גאס וואו מיין דירה געפינט זיך, האב איך באמערקט ווי א איד וויזט מיר מיט דער האנט אז איך זאל מיך אפשטעלן.

איך האב געמיינט אז מסתם וויל ער א היטש, און זיך יאגנדיג האב איך אים געוויזן אז ס'איז דא קארס גלייך אונטער מיר, אבער צוריקקוקנדיג אינעם שפיגל, האב איך געזען ווי ער ווייזט מיר נאך מיט די האנט... האב איך דאן פארשטאנען אז לכאורה איז עס עפעס מער וויכטיג, אפשר וויבאלד ער זעהט אויף מיין קאר אז איך בין אן הצלה מעמבער. איך האב זיך שנעל צוריקגעדרייט און אים געפרעגט וואס ער דארף, זאגט ער מיר אז זיין ווייב האט אים געשיקט קויפן 'בענעדריל', און ער שטעלט זיך פאר אז אפשר האב איך מיט מיר.

איך האב גלייך געשפירט אז עס רעדט זיך מסתמא פון עפעס מער ערנסט, און איך בין תיכף אריבער צו אים אינדערהיים. נאכ'ן אויספרעגן די עלטערן האט זיך ארויסגעשטעלט אז זייער בחור אטעמט שווער נאכן אריינעסן אין מויל 'טשיז-קעיק' וואס האט ווארשיינליך געהאט ניס - צו וואס ער איז געווען 'אלערדזשיק'.

דער בחור איז געווען אויפ'ן צווייטן שטאק, און הערנדיג אז הצלה איז דא איז ער געקומען, אבער ווען ער האט אנגעהויבן אראפקומען די טרעפ איז ער צאמגעפאלן.

איך האב אים גלייך ארויפגעלייגט אויפ'ן מאניטאר און געזען אז זיין בלוט דרוק איז אין די אכציגער, און ווען ער האט געאטעמט האב איך געהערט ווי ער אטעמט זייער שווער. איך האב גלייך אריינגערופן אן אמבולאנס און אנגעהויבן געבן די נויטיגע איינשפריצן. נישט מער ווי סעקונדעס דערויף האט ער געעפנט די אויגן און געפרעגט: "וואו בין איך?"...

איך האב צוריקגעקוקט אויפ'ן מאניטאר, די בלוט דרוק איז שוין ארויפגעגאנגען און די אטעמען איז געווארן פיל גרינגער. דערווייל איז א צווייטער מעדיק, ר' אברהם יצחק פלאר אנגעקומען, און דער בחור האט זיך אנגערופן צו אים אז ביידע הענט טוען אים זייער ווי פון די נידלען וואס איך האב אים געגעבן. האט זיך ר' אברהם יצחק אנגערופן, "דו רעדסט זיך אפ?! דו דארפסט קושן דעם איד'ס פיס, ער האט דיר געראטעוועט ממות לחיים!"...

ווען איך טראכט צוריק אויף דעם מאמענט, דערמאן איך מיר פון די מאמרי חז"ל, "מגלגלין זכות על ידי זכאי", און "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". דער אויבערשטער פירט אלעס אזוי אז דער ריכטיגער שליח זאל זיין אין דעם ריכטיגן פלאץ, אין דער ריכטיגער מינוט.

## ר' אברהם יעקב האפפמאן

איך קען נישט פארגעסן איינס פון די קאלס וואו איך בין אמאל געגאנגען. איך האב געהאט אריינגעפירט א פרוי אין שפיטאל, נישט וואוסנדיג גענוי פון וואס זי ליידט. מען האט געמיינט אז זי האט א קידני' שטיין אטאקע, נאך וואס זי האט געליטן געפערליכע יסורים.

ווי נאר מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל אין מאנהעטן און מען האט איר ארויפגעלייגט אויפ'ן שפיטאל בעט, האט זי מיר געבעטן אביסל אייז, נאס צו מאכן די ליפן. איך האב מיך ארומגעדרייט צו נעמען אייז, און ווי נאר איך האב מיך צוריקגעדרייט איר צו געבן די אייז, האט זי געבעך אויסגעבלוטיגט פון אן 'עארטיק עניעריזם'. די דאקטוירים אויפ'ן ארט האבן אלעס פרובירט, אבער ליידער האבן זיי מער גארנישט געקענט טון...! ס'איז אזוי געווען באשערט פון הימל.

איך בין געווען אין אזא שאק. דאס ליגט מיר אין קאפ ביז היינט. דאס איז די שווערסטע טייל פון זיין א הצלה מעמבער, ווען מען קען ליידער גארנישט טון מער צו העלפן און מ'קען נאר הייבן הענט..

דער באשעפער זאל אוודאי העלפן אז אלע אידן זאלן זיין געזונט און נאר וויסן פון שמחות, און ער זאל שיקן א רפואה שלימה פאר אלע חולי ישראל.

## ר' ליפא סאנדעל

איך בין געווארן אריינגעשלעפט אין די עמערזשענסי הילף טרענירונג אין יאר 1988, דורך א צופאל... איך האב דעמאלטס נאך קוים געקענט ענגליש. איך געדענק אפילו אז איינמאל ביי די שטרענגע סטעיט עקזאם האב איך פשוט נישט פארשטאנען עפעס א ווארט אין ענגליש... איך בין געגאנגען פרעגן דעם סטעיט עקזאמינער וואס דאס מיינט, האט ער געלאכט, זאגנדיג אז דאס איז נישט לעגאל... האב איך אים געזאגט אז איך זוך נישט דעם ענטפער, נאר וואס דאס ווארט מיינט אין ענגליש... דער עולם האט טאקע אביסל געשמייכלט, דאך אבער האבן מיר בסייעתא דשמיא געהאט די בעסטע צייכענעס.

דארט האט זיך געדרייט אן ערפארענער אידישער פאראמעדיק פון וואשינגטאן הייטס וואס האט ארויסגעהאלפן, פלעג איך אפט שמועסן מיט אים. איינמאל האב איך אים געפרעגט, ביי וויפיל קארדיעק ארעסטס ביסטו שוין געווען און וויפיל האסטו שוין צוריקגעברענגט ממות לחיים? זיין ענטפער איז געווען אז די קונץ איז נישט צו גיין אויף אזא קאל און פרובירן מחיה מתים זיין, די קונץ און ציל איז ענדערש אנצוקומען גענוג פרי, אין פרובירן אפצוהאלטן אז מען זאל ניטאמאל אנקומען צו דעם, ווייל נאכדעם איז שוין לייִדער זייער אסאך מאל צו שפעט...

זיין ענטפער האט מיר דאן שטארק ערשטוינט, אבער שפעטער, ווערנדיג אליינס א פאראמעדיק, און האבנדיג די זכי' צו העלפן אחינו בני ישראל, האב איך דאס שוין זייער גוט פארשטאנען, און דאס באגלייט מיר שטענדיג.

און ס'זענען פארהאן צוויי וועגן וויאזוי מ'קען העלפן ווען ס'קומט צו די טעמע, אנצוקומען שנעל ווען מ'קען נאך גרינגערהייט ראטעווען דעם איד. און דערנאך איז פארהאן די טייל פון מעורר זיין דעם ציבור איבער וויאזוי מ'קען צוריקהאלטן די זאכן ווען ס'איז נאך אין אירע ערשטע שטאפלן.

רעדנדיג פון מעורר זיין, ס'איז דא א מחלה וואס איז א 'שטילע מערדער', און איך רעד פון דייעביטיס. דייעביטיס איז הויעכע צוקער, מער ווי געווענטליך, ס'קען דורכגיין א לאנגע צייט ביז מ'כאפט עס אויף און דערווייל מאכט עס אן שווערע חרבנות אינעם גאנצן קערפער.

ס'איז אבער פארהאן הילף, מיט א יערליכן בלוט טעסט קען מען דאס גרינג באמערקן און רוב מאל רעדוצירן און גענצליך היילן אן דארפן אפילו צוקומען צו מעדעצינען. אבער אפילו אויב דארף מען יא מעדעצינען רעדט מען פון זיך איינשפארן גאר אסאך ווייטאג און עגמת נפש שפעטער.

## ר' יקותיאל יוסף ניימאן

א הצלה קאל וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן, איז געווען ווען דער סקולענער רבי, הרה"ק רבי ישעי' יעקב זצ"ל איז געווען פארמישט אין אן עקסידענט צוריקקומענדיג פון קאנאדע, און חברה הצלה פון קרית יואל האט אראפגעשיקט מעמבערס צו די גרעניץ מיט קאנאדע, צו באהאנדלען די פאציענטן פון דעם עקסידענט.

מיר זענען געווען מיטן רבי'ן אין שפיטאל פאר בערך פיר און צוואנציג שעה. די מעריב וואס דער רבי האט אפגעראכטן אין אמערדזשענסי רום האט געדויערט כמעט א שעה (!). איך געדענק דאס ווי היינט און עס וועט מיר קיינמאל נישט ארויסגיין פון זכרון.

איידער מיר זענען ארויס פון שפיטאל, האט ער מיך געלאדענט צו די חתונה וואס ער האט אפגעראכטן נישט לאנג שפעטער אין ניו יארק, אז איך זאל אריבערקומען מיט בגדי שבת, און מיטברענגען אלע מיינע קינדער. איך בין אוודאי געקומען צו די חתונה, און איידער מען איז געגאנגען אונטער די חופה האט ער אונז געבענטשט מיט א ליבליכקייט און הערצה. ער האט ארויסגעוויזן א מורא'דיגע הכרת הטוב.

די געשיכטע, די קאל אינאיינעם מיט די חתונה, איז ביי מיר מיין שטארקסטע הצלה מעשה. דאס וועט אויף אייביג בלייבן מיט מיר.

צו ענדיגן וויל איך נאר צוגעבן, אז איך רעספעקטיר יעדע איינציגסטע מעמבער פון חברה הצלה. יעדער איז דא מיט עפעס וואס מען קען זיך לערנען. פאר די דיספעטשערס קומט זיך אן עקסטערן שכוח, אויף דעם וואס זיי ענטפערן יעדע רוף, אפילו די גאר ערנסטע, זייער רואיג און פראפעסיאנאל, אזוי אז די מעמבערס זאלן קענען רעאגירן צו די קאלס מיט א רואיגקייט און באהאנדלען יעדן אויפ'ן בעסטן פארנעם.

## ר' אהרן יוסף שפילמאן

איך וועל דערציילן אן הצלה-קאל וואס ליגט מיר גוט איינגעקריצט אין די ביינער, וואס קען זיין גראפיש פאר מאנכע. דאס איז געווען ווען א קינד איז לייִדער פארשניטן געווארן אין א טראגישן קאר עקסידענט ה"י, און נאכן זיך מטפל זיין פאר א לענגערע צייט, האב איך אויך געדארפט געבן מיינע בגדים פאר חברה קדישא מיטצולייגן מיט'ן נפטר, כי הדם הוא הנפש. זייט דעמאלטס יעדעס מאל וואס איך גיי אין יענעם ביה"ח לויפט מיר דורך א סקרוך אין די ביינער, איך ווער 'סטאק' ביים יענעם קבר...

א צווייטע פאל איז געווען ווען א יונג בחור'ל איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל מיט א הויכע הארץ-ראטע. אנקומענדיג אין שפיטאל האבן די דאקטוירים אנגעפאנגען באהאנדלען דעם פאציענט, אבער דער מצב האט זיך דערווייל נישט באוויזן צו סטאביליזירן. דאן האב איך אים געפרעגט צו עפעס באדערט אים... דער בחור האט אויפגעלאכטן און זיך אנגערופן: "דו ביסט דער ערשטער וואס פרעגט מיר דאס", און ער האט זיך צעוויינט. ער זיך אויסגערעדט דאס הארץ, און ביז א קורצע צייט האט זיך זיין הארץ-ראטע סטאביליזירט – ער איז געווען אונטער געוואלדיגע 'סטרעס' און געליטן פון א פאניק-אטעקע ה"י.

לסיום דברי וועל איך זאגן אז מענטשן וואס קוקן אן א הצלה מעמבער פונדרויסן, חלומ'ען נישט וואספארא שוועריגקייטן עס קומט מיט דעם. דאס דארפן האלטן דעם קאפ גראד כדי צו זיין דא פאר די אייגענע משפחה, איז א שוועריגקייט וואס מען קען נישט מסביר זיין, בפרט נאך א קאל וועלכע האט זיך לייִדער נישט אויסגעלאזט צום גוטן, און מען האט אזעלכע געפילן אז אפשר וואלט איך געדארפט טון מער, אדער אפשר וואלט איך געדארפט טון אנדערש. די איינציגסטע וועג אנצוגיין איז אז מען חזר'ט זיך איין אז מיר זענען בלויז שליחים מן השמים, און מיר טוען באמת נאר וואס דער רבש"ע האט פארשריבן, דאס גיבט דער כח אנצוגיין ווייטער. ■

# לכו והתפרנסו זה מזה

**I&R Shoe Town**
Kids: 845-783-1696 | Mens: 845-205-9180
אליעזר דוד איצקאוויטש
KY 63

ספיקות אין דער ביזנעס וועלט...

**Business Consulting**
845-637-5637
יצחק עקשטיין
KY 71

**SimpleTech**
845-500-8085
משה יוסף לאנדא
KY 85

**HFA Realty Group**
845-238-0039
מרדכי יואל אונגאר
KY 88

**Motty's Car Service**
845-783-3400
מרדכי גאלדבערגער
KY 74

**On Field Builders**
845-200-4149
יוסף פעלדמאן
KY 402

**Kelly Bridge Builders**
שלמה צוויבעל
KY MEDIC 6
845-325-9400
שמואל דוד פרידריך
KY 2
845-325-9500

**All Stiles**
845-783-3121
יוסף ישראל גרינפעלד
KY 165
יושע גרינפעלד
KY MEDIC 14

**Excelforce**
845-363-8100
יואל מיטעלמאן
KY 166

**Cordial Psychiatric**
845-307-7088
יואל רובין
KY 112

**The Tessler Team**
845-513-3800 / 914-260-0972
יעקב גאלדמענצער
KY MEDIC 55



**Upstate Dryer Vent**
845-388-1293
משה ראטה
KY MEDIC 8

**Toothology**
718-678-3800
יואל דייטש
KY 318

**Allstate Expediters**
917-335-2503
יהושע דוד וואלדמאן
KY 329

**Tivity**
718-594-2681
שלמה יואל גאלד
KY 301

**The Septic Doctor**
845-662-7100
ישראל יצחק שטיינבערג
KY MEDIC 11

**Wash Me**
845-293-2810
יואל מאריאנץ
KY 348



**Palisades Flooring**
845-656-2397
חיים אלעזר פארקאש
KY 5

**Lieberman's Car Service**
845-783-3000
שמעון ליבערמאן
KY 6

**Upstate Roofing & Siding**
845-781-4848
בעריש שעהנבורן
KY 14

**DrawRite Planning & Design**
845-783-7483 #101
יואל עקשטיין
KY 17

**Eff Squared Design**
845-517-0094
יואל פרידריך
KY 62

**Grand Food Market**
845-782-6166
מאיר יצחק וויס
KY 21

**AA Public Adjuster**
914-734-5158
יואל דייטש
KY 24

**K&J Auto Center**
845-783-5112
מענדל ברייער
KY 25
יואל ברייער
KY 42

**All in 1 Appliances**
845-774-2433
יעקב הערש פרידריך
KY 26

**Site Masters**
845-250-8010
חיים בנימין בראך
KY 78

**Country Wide Stucco**
845-783-2524
יקותיאל יוסף ניימאן
KY 29

**Glatt Paving**
845-203-4900
אלי' שפיטצער
KY 37

**Mullex Construction**
845-629-0016
אברהם מאיר מיללער
KY 38

**M&S Truck & Bus Repair**
845-782-5191
הערשי סאבאוויטש
KY 41

**K Wine Cellar**
845-782-1102
אברהם יעקב האפמאן
KY 127

**Lipa's Landscaping**
845-783-7882
ליפא אפענהיים
KY 44

**WeCare Medical**
845-385-7723
ברוך בענדיט כהנא
KY 46

347-781-4545
יושע ליבערמאן
KY 48

**Master Realty Group**
845-662-5111
הערשל לעוו
KY 53

**Quantrix Accounting**
845-537-1090
יהוסף ברוין
KY 302

# חברי הצלה

| | |
|---|---|
| משה אהרן שטיינבערג | KY-01 |
| שמואל דוד פרידריך | KY-02 |
| שלמה פנחס שווימער | KY-03 |
| שמואל בנימין סופר | KY-04 |
| חיים אלעזר פארקאש | KY-05 |
| שמעון ליבערמאן | KY-06 |
| דניאל פאלאטשעק | KY-07 |
| משה יודא גרינפעלד | KY-08 |
| דוד אונגאר | KY-09 |
| משה יקותיאל שווארץ | KY-10 |
| שלמה טירנויער | KY-11 |
| בערל באבאד | KY-12 |
| מענדל לענעראוויטש | KY-13 |
| בעריש שעהנברוין | KY-14 |
| דוד אהרן גאלדשטיין | KY-15 |
| בערל פאלאטשעק | KY-16 |
| יואל עקשטיין | KY-17 |
| יואל גראס | KY-18 |
| ישעי' ווערצבערגער | KY-19 |
| יונה דוד פערל | KY-20 |
| מאיר יצחק ווייס | KY-21 |
| שלום מאיר טארים | KY-22 |
| יחזקאל בראך | KY-23 |
| יואל דייטש | KY-24 |
| מענדל ברייער | KY-25 |
| יעקב הערש פרידריך | KY-26 |
| חיים דוד מענדלאוויטש | KY-28 |
| יקותיאל יוסף ניימאן | KY-29 |
| לוי אפפעל | KY-30 |
| ישראל מאיר פעלדמאן | KY-31 |
| משה לייב וויטריאל | KY-32 |
| שלום יוסף שאפפער | KY-33 |
| יואל היילברוין | KY-34 |
| בעריש פעלדמאן | KY-35 |
| שלמה קויפמאן | KY-36 |
| אלי' שפיטצער | KY-37 |
| אברהם מאיר מיללער | KY-38 |
| יעקב גליק | KY-39 |
| אלעזר גרובער | KY-40 |
| הערשי סאבאוויטש | KY-41 |
| יואל ברייער | KY-42 |
| משה הערש בראך | KY-43 |
| ליפא אפענהיים | KY-44 |
| ברוך כהנא | KY-46 |
| שלום דוב ליבערמאן | KY-47 |
| יושע ליבערמאן | KY-48 |
| מרדכי קעלנער | KY-49 |
| משה לוי ברוין | KY-50 |
| יעקב יוסף גלויבער | KY-51 |
| משה ארי גוטמאן | KY-52 |
| הערשל לעווי | KY-53 |
| מרדכי לייב מארקאוויטש | KY-54 |
| שלמה הערש שפילמאן | KY-55 |
| יואל ווערצבערגער | KY-56 |
| יואל וויזענפעלד | KY-57 |
| יואל אברהם כץ | KY-58 |
| יואל בער גרין | KY-59 |
| שמואל האפפמאן | KY-60 |
| אהרן וואלף פאלאטשעק | KY-61 |
| יואל פרידריך | KY-62 |
| אליעזר דוד איצקאוויטש | KY-63 |
| יואל פאלאטשעק | KY-64 |
| מרדכי ווייס | KY-65 |
| אברהם דוד ווארפמאן | KY-66 |
| יוסף בלומענטאהל | KY-67 |
| אהרן יוסף שפילמאן | KY-68 |
| יואל מאיר גאלדבערגער | KY-69 |
| דוד לוי פלאהר | KY-70 |
| יצחק עקשטיין | KY-71 |
| יצחק עקשטיין | KY-72 |
| פנחס ברוין | KY-73 |
| מרדכי גאלדבערגער | KY-74 |
| יעקב הערש יאקאבאוויטש | KY-75 |
| שמעון דוב כץ | KY-76 |
| ליפא קליין | KY-77 |
| חיים בנימין בראך | KY-78 |
| אליעזר וואלדמאן | KY-79 |
| שלמה אפפעל | KY-80 |
| בעריש מערץ | KY-81 |
| אלקנה יושע גרינהוט | KY-82 |

# ד׳קרית יואל

| | |
|---|---|
| ישכר דוב יואל גוטמאן | KY-83 |
| אלימלך כ"ץ | KY-84 |
| משה יוסף לאנדא | KY-85 |
| שמעון שלמה שאהנפעלד | KY-87 |
| מרדכי יואל אונגאר | KY-88 |
| יואל וויטריאל | KY-89 |
| יצחק שלמה פאלאטשעק | KY-100 |
| שלומי אפפעל | KY-101 |
| אביגדור דניאל וויינבערגער | KY-102 |
| יואל רובין | KY-112 |
| אברהם שמואל פריעדלענדער | KY-117 |
| חיים בערגער | KY-122 |
| אברהם יעקב האפמאן | KY-127 |
| יושע דוד פריעד | KY-147 |
| יוסף ישראל גרינפעלד | KY-165 |
| יואל מיטעלמאן | KY-166 |
| יוסף ראזענפעלד | KY S4 |
| שלמה יואל גאלד | KY-301 |
| יהוסף ברוין | KY-302 |
| נחמי' שאפפער | KY-303 |
| ליפא בלומענטאהל | KY-310 |
| שמואל יודא איצקאוויטש | KY-311 |
| בעריש ווייזער | KY-313 |
| יואל דייטש | KY-318 |
| יודל דייטש | KY-319 |
| יואל שווארץ | KY-322 |
| מאיר אורגיל | KY-323 |
| יהושע דוד וואלדמאן | KY-329 |
| אברהם שטראס | KY-333 |
| קלמן זילבערשטיין | KY-341 |
| יואל מאיראוויטש | KY-348 |
| יואל וויטריאל | KY-359 |
| יצחק יהודה קליין | KY-362 |
| געציל לענעראוויטש | KY-364 |
| יצחק אייזיק סטוראלאוויטש | KY-386 |
| יואל גאלד | KY-396 |
| יושע אדלער | KY-398 |
| יושע בראך | KY-399 |
| אלישע סאאל | KY-401 |
| יוסף פעלדמאן | KY-402 |

| | |
|---|---|
| דוד גליק | KY-403 |
| חיים הערש גאלדבערגער | KY-404 |
| דוד לייב קרויס | KY-405 |
| חיים פסח מארקאוויטש | KY-406 |
| נפתלי הערצקא מארקאוויטש | KY-407 |
| מאיר גורקאוו | KY-505 |
| יוסף וויינבערגער | KY-541 |
| חנני' אינדיג | Medic-3 |
| אברהם יצחק פלאהר | Medic-4 |
| ליפא סאנדעל | Medic-5 |
| שלמה צוויבעל | Medic-6 |
| חיים אלעזר הארוויץ | Medic-7 |
| משה ראטה | Medic-8 |
| אברהם ישעי' שווארץ | Medic-9 |
| אליעזר שווארץ | Medic 10 |
| ישראל יצחק שטיינבערג | Medic-11 |
| משה מאיר זילבערשטיין | Medic-12 |
| לוי יצחק פרידמאן | Medic-13 |
| יושע גרינפעלד | Medic-14 |
| יעקב פרידמאן | Medic-15 |
| אליעזר יחזקאל שווימער | Medic-16 |
| שלום יצחק הערשקאוויטש | Medic-17 |
| מנחם קרעמער | Medic-20 |
| עזריאל שווארץ | Medic-139 |
| ישראל איסר קנאבלאך | Medic B 40 |
| יוסף האפפמאן | Medic B-214 |
| יוסף פריעדמאן | Medic CH-19 |
| אברהם בערגער | Medic F-75 |
| ראבי לעדערמאן | Medic F-78 |
| יעקב גאלדמענצער | Medic RH-55 |
| נחמן פרידמאן | Medic SG-17 |
| זלמן לייב שטערן | KY S1 |
| אברהם יושע גלויבער | KY S2 |
| אלימלך שמחה ברוין | Service |
| משה הערש לעבאוויטש | Service |
| מאיר שטרויס | Service |
| יודל הערשקאוויטש | Service |
| יעקב איצקאוויטש | Service |

# הנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו



קרית יואל חברה הצלה גייט שוין אן אזויפיל יארן, און יא, מיט די יארן טוישן זיך די משמורות. נייע דורות וואקסן אונטער, און אזוי האט דער באשעפער באשאפן זיין וועלט, אז יעדע מענטש גייט אמאל פון די וועלט.

אינערהאלב חברה הצלה איז יעדער וואלונטיר וואס ווערט נפטר, גאר א גרויסע אבידה. יעדער וואלונטיר האט געהאט א ספעציעלן פלאץ אין די ארגאניזאציע, געראטעוועט אידן, אוועקגעגעבן אלעס פון זיך, טועגדיג די עבודת הקודש מיט אן אויסטערלישער איבערגעגעבנקייט, און אפטמאל עד כדי מסירת נפש.

די ווערטער פון די משנה אין מסכת אבות "בשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות אלא תורה ומעשים טובים בלבד", פאסן זיך זייער גוט אריין אצינד, ביים אויסרעכענען די נעמען פון די אומפארגעסליכע וואלונטירן וועלכע זענען שוין פונאנדערגעשיידט, און ווילן שוין אין א לעכטיגן גן עדן, וויבאלד וואס קען דען זיין גרעסערע מעשים טובים ווי ראטעווען אידן ממות לחיים ממש, וואס אין מסכת סנהדרין זאגט דאך די משנה אז דאס איז "כאלו קיים עולם מלא".

תושבי קרית יואל געדענקען די אלע אידן צום גוטן, זייערע פעולות נשגבות, זייער מסירת נפש, זייער העלדישקייטן וועלן קיינמאל פארגעסן ווערן, וזכרם לא יסוף מתושבי קרית יואל!

זאלן די נשמות פון די אלע אומפארגעסליכע טייערע אידן, יקירי תושבי העיר מצילי נפשות ישראל, האבן אן עליה, און זאלן זייערע נעמען געדענקט ווערן אויף אייביג, פאר די געוואלדיגע חסדים וואס זיי האבן יארן לאנג געטון מיט אידישע קינדער. יהא זכרם ברוך.

## אונזערע אומפארגעסליכע הצלה העלדן
## פאר וועלכע קרית יואל שפירט אן הכרת הטוב
## און טוען שטענדיג געדענקען צום גוטן



**ר' אהרן שאול**
ב"ר אברהם יצחק ע"ה
**סאנדעל**
**KY-114**



**ר' אהרן יהודה**
ב"ר שלמה ע"ה
**סטראלאוויטש**
**KY-17**



**ר' חנני' יו"ט ליפא**
ב"ר אברהם ע"ה
**קאהן**
**KY-22**



**ר' מרדכי הלוי**
ב"ר מנחם זאב ע"ה
**פריעדמאן**
**KY-18**

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**



**ר' אברהם יהושע**
ב"ר יחזקאל ע"ה
**ווערצבערגער**
**KY-3**



**ר' אהרן אפרים**
ב"ר אברהם דוד ע"ה
**מייער**
**KY-MEDIC 1**



**ר' צבי אלימלך**
ב"ר בן ציון משה ע"ה
**געלבמאן**
**KY-35**



**ר' אהרן דוד יצחק ע"ה**
ב"ר אברהם יוסף נ"י
**רובינשטיין**
**KY-45**



**ר' מנחם מענדל**
ב"ר אברהם זאוויל ע"ה
**גערטנער**
**KY-5**



**דאקטער זאב**
ב"ר אהרן ע"ה
**זעלענקא**
**KY-76**



**ר' קלונימוס (קלמן) ע"ה**
ב"ר מרדכי אהרן ע"ה
**ווייס**
**KY-6**

# 1,268 Kallahs. Five Priorities. One Place That Has Them All.

What was your top priority when choosing Apstone?

1 Quality
2 Furniture Design
3 Service
4 Packages
5 Value

Different Priorities.

One Apstone.





חג כשר ושמח!

**MONROE** | (845) 781-7772 51 Forest Rd Suite 311
**MONSEY** | (845) 371-9700 389 NY-59
NEW LOCATION
**WILLIAMSBURG** | (718) 237-3600 774 Bedford Ave
**BORO PARK** | (718) 237-1955, 1273 - 53RD ST. | 3'rd FLOOR

APSTONE
INSPIRED LIVING



All our hands on your deck.

# WE DECK YOU OUT

with everything you need to take your project from grass patch to twinkling deck.

Now selling a full range of high-performance, low-maintenance composite and PVC decking products that require no painting, staining, or sealing. If you like that ease of use, you'll love the rest of your Certified experience. It's effortless, reliable, and built to last. we carry a comprehensive selection of hardware, drill components, footing mixes, lighting systems, and more. The only way your deck could be easier is if it installed itself.

IF WE CARRY IT, **IT'S A BRAND NAME.** IF IT'S A BRAND NAME, **WE CARRY IT.**

fiberon · Trex · W · Deckorators · TimberTech · MoistureShield Composite Decking · NewTechWood

**WILLIAMSBURG**
148 CLASSON AVENUE

**BORO PARK**
4601 NEW UTRECHT AVENUE

**LAKEWOOD**
301 PROSPECT STREET

**MAHWAH**
41 RAMAPO VALLEY ROAD

**BLOOMINGBURG**
659 BLOOMINGBRUG ROAD

**PENNSYLVANIA**
1101 NEW FORD MILL ROAD

CERTIFIED LUMBER & HOME CENTER



בס"ד
עזר
מי יודע?
Pediatrics Internal Medicine Acute Care General Dentistry Orthodontics Speech & Language Physical Therapy
Occupational Therapy Behavarial Therapy Psychiatry Obstetrics & Gynecology Perinatal Support Maternal Fetal
Medicine Reproductive Endocrinology Rheumatology Sleep Medicine Optometry Podiatry Dermatology Physiatry
Allergy Radiology Cardiology Pulmonary Otorhinolaryngology (ENT) Optical Prevention
שלשה מי יודע?
דריי לאקאלן צעשפרייט לענגאוים
גאנץ קרית יואל
27 מי יודע?
27 דעפארטמענטס צו סערווירן מיט
יעדע היניכט פון געזונט
שלושים מי יודע?
דרייסיג יאר פון צושטעלן מעדעצינישע
סערוויסעם פאר קרית יואל
בברכת חג כשר ושמח
Aizer
Chairman Abraham Wieder | Board of Directors: Moses Goldstein
Martin Schlesinger | Israel Sofer | Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock | Pinchas Kish | Ronald J. Cohen | N. R. Weiss
E. Srugo / E. Rubinstein | Executive Director: Joel Mittelman